STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02910

DER LETSTER FUN BASHAF

Joseph Shavinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף שטשאַווינסקי

דער לעצטער פון באַשאַך

דערציילונגען

פאַרלאַג „מאסף" תל אביב
1970

DER LETZTER FUN BASHAF
THE LAST OF CREATION

SHORT STORIES

by

JOSEF SHAVINSKY

©

Copyright, 1970, by
Josef Shavinsky

All Rights reserved

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון יידישן
ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ישראל

Published by MAASEF

P.O.Box 824, Tel Aviv.

דפוס „אורלי״, תל אביב

Printed in Israel



אינהאַלט

אייגנס איז ליב

זייט

1. חמדה 9
2. דער גויאַוועבוים 27
3. ביים ירקון 52
4. שייך־מוניס 80
5. בנימין פון באָמביי 90

שפּייז פון הימל

6. דער משומד 101
7. חיימעלע גנב 111
8. צוועלף הלות 117
9. תיקון חצות 126
10. אַ נאַכט אין „פּאַנטענבלאָ" 133
11. די געשיכטע פון אַ טרער 142

באַשערטקייט

12. די בײַטש 147
13. דער פידלער 155
14. דאָס קנעפּל 160
15. דעם פּרינצס חלום 168
16. דער רויטער גייסט 180
17. אַ הויז אין וואַלד 207

אומרו

18. אַ ציגיינערין אין דער זעמליאַנקע 231
19. איך בין דאָ! 242
20. אַ בערלינער 251
21. פּערנוואַלד 259

ביבליאָגראַפיע

חמדה

דער מדבר־מענטש האָט אָוועקגעשאַרט דאָס שעפּסן־פעל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אריינגאַנג אין געצעלט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן.

אַרום דעם געצעלט איז געווען שטאָק־פינצטער. די מדבר־שטילקייט, צו וועלכער זיין אויער איז צוגעוווינט, האָט געהערשט איבער די זאַמדן. ער האָט אָנגעשפּיזט די אויגן, אָבער קיין שום שאָטן האָט ער נישט באַמערקט. ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג און איבערגעציילט זיינע ווייבער. קיין איינע האָט נישט געפעלט, און דער שייך האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. אָבער פּלוצעם האָט ער דערפילט, ווי די ערד ציטערט־אויף, גלייך ווי ס׳וואָלט ווער טיף אין איר בויך געקאָלערט אַ ליידיקן פאַס.

איבן־אַלי־מאַחמוד איז האַסטיק אַרויס אין דרויסן. צו ערשט האָט ער אַ קוק־געטאָן אין הימל צו וויסן ווי שפּעט עס איז. דער מאָרגנשטערן איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען און געשטאַנען קעגן איבער אים. מיטן אויפגיין פון מאָרגנשטערן ווערט די קעלט אין מדבר שטאַרקער, אָבער דער שייך האָט קיין ציטער נישט געטאָן. ער האָט באַטראַכט דעם מאָרגנשטערן, וועלכער האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אַ מער פינקלדיקער ווי תמיד. ער האָט געמיניעט מיט רויטקייט און אים געשטאָכן אין די אויגן. דער שייך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוווּסט, וואָס דאָס מיינט — *מלחמה*.

ערשט ווען דער טאָג האָט אויפגעבראָכן, האָט ער געזען נאָך סימנים, וואָס זאָגן נישט אָן קיין גוטס: די קעמלען האָבן מורא געהאַט זיך אַני־דערצוליינגן אויף די בייכער, פונקט ווי ווען זיי דערפילן אין מיטן וועג, אין מדבר, די סכנה פון אַ זאַמדשטורעם. און די שעפּסן וואָס זיינע פאַסטעכער

האָבן צוגעטריבן צו די ריטשקעלעך וואַסער — טרינקען נישט. זיי טוליען זיך מיט פּחד איינע צו דער צווייטער און טונקען אַפילו נישט איין זייערע פּיסקעס אין וואַסער.

פון דעסטוועגן האָט ער דעם טאָג אָנגעהויבן מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג. ער האָט געוואַשן די פאַרשטעלטע טיילן פון זיין גוף און געפאַלן אויפן פּנים צו דער מאָרגן־תפילה. דערנאָך האָט ער אויפגעגעסן אַ פּאָר פּיטעס און נאָכגעטרונקען אַ טאָפּ קעמל־מילך. ער האָט אַרויסגעטריבן אַלע ווייבער צו דער אַרבעט, בלויז די ייִנגסטע חמדה, האָט ער איבערגעלאָזט ביי זיינע פּיס.

דאָ, אין מדבר סיני קען מען זייער גוט דעם שייך איבן־אַלי־מחמוד פון שבט אַ־תיאַהאַ. ער איז נאָך יונג, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אינעם צווייטן יאָר נאָך דער מלחמה פון זיין שבט מיטן שבט תראַבין.* זיין שבט האָט אַ חזקה אויף דער מדבר־געגנט ביז קוסיימאַ. זיינע זיידעס האָבן תמיד מיטן קינזשאַל אין האַנט די ערד־חזקה אָנגעהאַלטן און אויך ער איבן־אַלי־מחמוד וועט זי פון זיין רשות נישט אַרויסגעבן. אָבער ער וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער און עס עגבערט אים אַ געדאַנק: פאַר וואָס איז גראָד איצט ביי אים אויפגעקומען אַזאַ מחשבה? און ער ענטפערט זיך אַליין: אַזוי מוז טראַכטן יעדער בעדויִנישער שייך.

דער שייך האָט זיך איצט געזען אין זיין גרויסקייט. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט ער דאָ, נאָענט ביי דער אָאַזע, אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן. עס איז געווען אַנזעעוודיק אַ קליין ריטשקעלע וואַסער, אָבער ער האָט דעם קוואַל פאַרטיפט און געפונען גענוג וואַסער פאַר זיינע סטאַדעס. נישט נאָר זיינע סטאַדעס, נאָר אויך פרעמדע, לאָזט ער אָנטרינקען מיט וואַסער. אָבער דער קוואַל געהערט צו אים. נאָר איבן־אַלי־מחמוד האָט צו זאָגן ווער עס מעג אָנטרינקען די שעפסן און ווער עס מוז ברענגען קרוגן וואַסער אויף די קעפּ, פון אַ ווייטן גאַנג. זינט דער וואַסער־קוואַל האָט אויפגעבראָכן איז זיין גדולה פאַרגרעסערט געוואָרן. פון אומעטום האָט מען אים אָנגעבאָטן שיינע ווייבער, אָבער ער האָט אויסגעוויילט די פערצן־יאָריקע חמדה, און אַלע איבעריקע — אָפּגעזאָגט. נישט געווען

* די בעדויִנער רעכענען די צייט לויט די מלחמות פון די שבטים.

קיין מיידל אין שבט וואָס זאָל נישט גלוסטן צו ווערן דאָס ווייב פון איבן־אַלי־מחמוד. קודם־כל האָט מען געוווסט, אַז דער שייך באַהאַנדלט גוט זיינע ווייבער. ער שפּאַנט זיי נישט איין אין אַקעראַייזן, ווי עס טוען די רוב בעדויִנער, און די ייִנגסטע האַלט ער אַ לענגערע צייט ביַי זיך. ווידער האָט מען אים מקנא געווען מיט דעם, וואָס זיינע ווייבער זענען געלערנט און ווייסן אַלץ וואָס אַ בעדויִנערין דאַרף ווייסן. אָבער נישט אַלע האָבן געוווסט, אַז זיינע ווייבער זענען צו אים אַריינגעקומען רויערהייט. ערשט ביי אים האָבן זיי אָנגענומען אַ סך ווייסן פונעם מדבר־לעבן. דער שייך האָט נישט געזשאַלעוועט קיין פּאַרציעס געבראָטן שעפּסן־פלייש און זיי געלאָזט לערנען ביי די זקנים פון שבט. יעדעס נייע ווייב האָט דאָס געמוזט אַדורכגיין, אַפילו ווען זי האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה. אָבער מיט דער יונגער חמדה האָט ער אַ ביסל געענדערט דעם מינהג. ער האָט זי נישט איבערגעלאָזט מיטן זקן אַליין אין אַ געצעלט, נאָר אַלע זיינע ווייבער האָבן אויך געמוזט זיין מיט איר און זיך צוהערן צום זקנס רייד. אפשר וואָלט ער דאָס גאָרנישט געווען געטאָן, אָבער אים איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס די זקנים לויבן צו פיל חמדהן. זיי האָבן אים דערציילט, אַז זי האָט אַ גוטן קאָפּ און זי געדענקט שוין פון אויסנווייניק די נעמען פון די שדים, וואָס טאַנצן אַרום אין מדבר. זי ווייסט שוין אויך, וואָס יעדער שד באַזונדער קאָן אויפטאָן, און ווי אַזוי מען קאָן זיך פאַר די נישט־גוטע פאַרהיטן. איין מאָל האָט דער זקן, וואָס האָט זי געלערנט, פאַרהערט איר אין שייכס אויגן, און חמדה האָט געענטפערט פלינק און קלאָר.

— ווייסט עפּעס וועגן שדים? — האָט דער זקן געפרעגט.

— איך ווייס די גאַנצע תורה, וואָס איך האָב געלערנט אין מיין מאַנס הויז, דעם שטאַרקסטן פון אַלע שייכן און רייכסטן פון אַלע שבטים איבן־אַלי־מחמוד.

— טאָ זאָג, ווער איז זשין?

— זשין האָט חמדה אַפילו נישט קיין קלער געטאָן — זשין איז אַ נאַכט־שד. ער גייט אַרויס פון זיין הייל נאָר ביי נאַכט. קוים טרעפט ער אין דער פינצטערניש אַ מענטש אין חצות. אין דער רגע ווען די נאַכט טיילט זיך, גייט ער אין אים גלייך אַריין. זשין האָט נישט מורא פאַר

קיין פייער און קיין וואַסער. ער האָט אָבער יאָ מורא פאַר בלוט פון אַ שעפּס. מיט דעם קאָן מען אים פאַרטרייבן. דעריבער גייט נישט אַ בעדוי־נער־פרוי אַרויס אין חצות, אַז די זוים פון איר קלייד זאָל נישט זיין איינגעטונקען אין שעפּסן־בלוט.

— און ווער איז עפרית?

— עפרית איז אַ קליין שדל, וואָס מאַכט אַ שטורעם אין דער מדבר. ער מאַכט קאַליע די וועגן, פאַרשיט זיי מיט זאַמד און ער ווייזט אַ דורשטיקן מענטשן פאַלשע זעונגען פון וואַסער.

— און פון וועמען נאָך האָסטו געהערט?

— עיל פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פרוי און שלעפּט אַריין מענטשן אין דער הייל. צו ערשט שפּילט ער זיך מיט זיי ווי מאַן מיט ווייב, און דערנאָך שעכט ער זיי און טראָגט זיי אַרויס צו די וועגן. אין אונדזער געגנט איז ער אָבער נישטאָ, ווייל עיל וווינט אין די בערגיקע געגנטן, וווּ עס איז שווער צוצוקומען.

— פאַר וואָס טאָר מען נישט פייפן אין דער מדבר ביי נאַכט?

— ווייל דאָס פייפן רופט צונויף שדים — ענטפערט חמדה.

דער זקן האָט אַרויסגענומען די נאַרגילע פון מויל און געלאַכט דעם שייך אין פּנים אַריין:

— נו, זעסטו, קליגסטער פון אַלע קלוגע, רייכסטער פון אַלע רייכע, אַז זי איז קלאָר אין דער מדבר־לערע, ווי אַ קוואַליק וואַסערל. איך וואָלט אסור, אַזאַ ווייב נישט פאַרקויפט פאַר טויזנט שעפּסן.

דער שייך האָט געקוואַלן פון דעם זקנס רייד און זיך אויפגעשטעלט:

— אויף אירע יאָרן איז דאָס נאָך צו פיל — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אָבער דער זקן האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— נאָך איין פראַגע וויל איך זי פרעגן: — וואָס טוט מען צו די שדים?

— מען דאַרף טראָגן אַ קמיעה. אַפילו די קעמלען טוט מען אָן אויף די העלדזער קמיעות זיי צו שיצן פאַר אַ מגיפה.

— און ווען דאַרף מען די קמיעה שרייבן?

— די קמיעה דאַרף ווערן געשריבן בשעת דעם מולד פון דער לבנה — האָט דעם שייכס יינגסטע ווייב געוווּסט צו ענטפערן.

— בנאמנות, אַללאַ זאָל אַזוי זיך באַווייזן, ווי דו מעגסט מיר דער־לייגן צוויי שעפּסן — האָט דער זקן חניפהדיק געזאָגט צום שייך.

דער שייך האָט אַ שמייכל־געטאָן און איבערגעלאָזט דעם זקן אָן ענטפער.

— ער איז זייער קלוג — האָט דער זקן גערעדט צו זיך. מען קאָן אים מיט גאָרנישט נעמען.

אָבער נישט נאָר דער זקן האָט געוווּסט פון שייכס חכמה. אַלע וואַנ־דערער פון מדבר סיני קענען גוט די חכמה פון איבן־אַלי־מחמוד. פון קוסיימא ביז מאיין־משה שמט זיין נאָמען און מען קומט ביי אים עצות פרעגן. מען בעט אים שוץ און מען ברענגט אים דערפאַר שעפּסן און קעמלען צו פאַרגרעסערן זיינע סטאַדעס, און ווייבער צו פאַרגרעסערן זיין האַרעם. אויף יענער זייט פון סאַנט־קאַטאַרינע־קלויסטער שמועסט מען, אַז די קעמלען פון איבן־אַלי־מחמוד זענען קלוג ווי מענטשן. זיינע קעמלען קענען גוט די וועגן. זיי ווייסן ווו ס'איז זונאויפגאַנג און ווו דער רויטער ים. אַלי־מחמודס קעמלען קאָנען זיך באַגיין אַכט טעג אָן וואַסער, און די קמיעות וואָס זיי טראָגן אויף די העלדזער זענען געשריבן מיט אַזעלכע שפּרוכן, וואָס לאָזן נישט צו קיין שום שלעכטס.

ווען ער איז אַרויס פון געצעלט, האָט די זון שוין געהאָט צעגליט די אַשיקע זאַמדן. ער האָט נישט געקאָנט אַדורכקומען מיט זיך. וואָס זאָל ער טאָן? צונויפרופן דעם שבט און אים שטעלן אין מלחמה־גרייטקייט. אַלי־מחמוד וואַרפט נישט מיט ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין, און אויב ער וועט אויסרופן מלחמה־גרייטקייט, וועט דער גאַנצער שבט גלייבן אַז אַללאַ אַליין האָט דאָס אים אַריינגעזאָגט אין די אויערן.

ער האָט שוין לאַנג געהערט רעדן צווישן די באַלדיים* וועגן אַ צווייטער רונדע מיט די יאַהודים, אָבער אים איז די גאַנצע מעשה נישט געפעלן געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט אַריינגענומען אין דער מיט אַללאַן און אויך נישט זיינע ליבסטע קינדער פון מדבר — די בעדוי:נער, מיט אים, איבן־אַלי־מחמוד, האָט מען אַפילו זיך נישט באַראַטן, גלייך ווי ער

* באַלדיים — הויזזיצער. אַ צונאָמען מיט וועלכן די בעדוי:נער רופן די אַראַבער.

וואָלט קיין געמלהטער נישט געווען, קיין מאָל קיין קינזשאַל אין גאַרטל נישט געטראָגן, און צו קיין מאָרגן־תּפילה אויפן פּנים נישט געפאַלן.

דער שייך איז אַראָפּ פון בערגל און געגאַנגען צו דער אַאַזע צו. ער האָט איצטער פעסטער געדריקט דאָס העפט פון זיין קינזשאַל. שוין אַ לאַנגע צייט שטיל געווען — האָט ער געטראַכט. אויב ס׳זאָל נאָך אַזוי ווייַטער גיין, וועט דער גאַנצער רום פון זיינע זיידעס זיך אויסוועפּן. לכל הפּחות דאַרף אַ שייך פירן צוויי מלחמות, אַ נישט, וואָס האָט ער מתקן געווען אויף דער וועלט?

ביי דער אַאַזע האָט ער שוין געטראָפן אָנטרינקען די סטאַדעס. עס זענען געווען אַ סך פּאַסטעכער פון שבט און אַלע זיינע ווייבער. אַלי־מחמוד האָט אַ בליק־געטאָן און געזען, אַז ביים קוואַל שטייען נאָר די שעפּסן און טרינקען, און די קעמלען זענען נאָך ווייַט אויפן גליַענדיקן זאַמד. דאָס האָט אים אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט געכאַפּט דאָס פּאַסטעך־ייַנגל טלאַל און מיטן קינזשאַל אים אַ שניט געטאָן אין אויער־לעפּל.

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דאָס ערשטע לאָזט מען טרינקען די קעמלען?

דאָס ייַנגל האָט צוגעדריקט מיט דער האַנט דאָס אויער. דאָס בלוט האָט געטריפט צווישן זיינע פינגער. ער האָט געוואָלט אַוועק, אָבער דער שייך האָט אים צוריקגערופן און ער האָט געמוזט אויסהערן זיינע רייד און קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין.

— אַלע ערדציטערנישן, וואָס קומען אויף דער וועלט — גרימט אַלי־מחמוד מיט רוגזה — קומען נאָר דערפאַר, ווייל מען לאָזט דורשטן קעמלען אין מדבר. אַז מען זיצט אין דער היים, מוז מען אַ קעמל אָנטרינקען צו דער צייט! דאָס קעמל איז באַשאַפן געוואָרן צו לעצט. ווען דאָס קעמל איז באַשאַפן געוואָרן זענען שוין אַלע ערטער אויף דער ערד געווען פאַרנומען, בלויז דער מדבר איז געווען ליידיק. האָט אַללאַ געזאָגט צום קעמל: גיי אין מדבר און העלף זיי צו, ווייל אָן דיר וועלן זיי נישט קאָנען לעבן. איצט פאַרשטייסטו שוין פאַר וואָס כ׳האָב דיר איינגעשניטן דאָס אויער?

טלאַל איז נאָך געשטאַנען. דאָס בלוט איז גערונען אין זאַמד אַריין, אָבער דער שייך האָט אים אַלץ נישט געוואָלט אָפּלאָזן. אַלע האָבן זיך צוגעקוקט. קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. זיי האָבן

געוווסט, אַז אויב אַלי־מחמוד האָט דערזען בלוט, וועט ער ווערן נאָך מער צערייצט און ער וועט אפשר דאָס ייִנגל אַדורכשטעכן מיטן קינזשאַל. אָבער אין דער מינוט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ייִנגעטשקע בעדויִנערין און גענענט צום שייך.

חמדה האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זי האָט זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן פּנים פאַר דעם שייך.

— שטיי אויף, חמדה!

דער גאַנצער כעס איז אין אים מיט אַ מאָל צערונען. ער האָט געהייסן דעם פּאַסטעך לויפן און ברענגען די קעמלען צו דער אָאַזע. ערשט שפּעטער וועט ער זיך מעגן אַרומוויקלען דאָס אויער מיט סאַקסאַל־בלעטער.

— חמדה! — האָט דער שייך באַפוילן — גיב אַכטונג, אַז די קעמלען זאָלן זיך גוט אָנטרינקען. דערנאָך נעם צוזאַמען דיינע זאַכן און לאָד זיי אָן אויף די שטאַרקסטע קעמלען. אויך די געצעלטן וועט מען דאַרפן פונאַנדערנעמען!

די יונגע בעדויִנערין האָט אויפגעציטערט:

— ווילסט דעם וואַסער־קוואַל איבערלאָזן פאַר אַנדערע?

ערשט איצט האָט אַלי־מחמוד געזען, אַז ער האָט זיך אין זיין ייִנגסט ווייב נישט אָפּגענאַרט: זי איז אים געטריי, און אַזוי קלוג, אַז זי פּאַסט זיך אַריין אין זיין משפּחה. זי ווייסט, אַזביים שבט אַ־תיאַהאַ שטעלט מען נישט צוריק אויף געצעלטן אויף אַזאַ אָרט, ווו מען האָט געוווינט, צוליב מורא פאַר שדים, וועלכע רוען באַלד אויף די ערטער וואָס בעדויִנער פאַרלאָזן.

זינט חמדה איז אַריינגעקומען אין זיין געצעלט, האָט ער ערשט דערזען די שיינקייט פון אַ פרוי. ווי נאָר זי האָט איבערגעטראָטן דעם געצעלט, האָט ער געהייסן זי זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם לאַנגן ברוינלעכן קאַפּטאַן, וואָס האָט זי פאַרדעקט ביז די באָרוועסע פיס. ער האָט זי געדרייט אין אַלע זייטן און זיך נישט געקאָנט זאַט קוקן אויף איר דינעם בייגעוודיקן קערפּער. „צווישן טויזנט פרויען זעט מען נישט אַזאַ נקבה" — האָט אַלי־מחמוד געשאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ. נישט אַנדערש, ווי אַללאַ אַליין האָט איר גוף מיט זיינע הענט אויסגעפורעמט. ווען נאָר זי ליגט ביי זיינע פיס גלוסט ער צו איר, און ווען נאָר זי גייט אַריין אין געצעלט הייסט ער זי לייגן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען ווייבער אין זיין שבט? זיין פאָטער

האָט זיך געוואָרפן מיט ווייבער ווי מען וואַרפט דעם אָפּפאַל פון אייזלען. אויך ביי אים האָבן זיי דעם זעלבן ווערט, אָבער חמדה? — פאַר חמדהן וואָלט ער זיך געשלאָגן.

וואָס פאַר אַ מיליטער עס וועט קומען אין מדבר אַריין, וועט מען צונעמען חמדהן פון אים. עגיפּטישע זעלנער וועלן געוויס דעם נסיון נישט קאָנען ביישטיין און זי באַצווינגען. יאָ, ער וועט זיך שלאָגן, אָבער צי וועט דאָס חמדהן אָפּהיטן פון אַ פרעמדן מאַן? און אַפילו ווען זיי זאָלן זי שפּעטער איבערלאָזן, וועט דאָך זיין נאָך ערגער. ער וועט זי מוזן מיט אייגענע הענט מיטן קינזשאַל אַדורכשטעכן... דער שייך איז געווען צעקאָכט און מיט ירגזון אויסגערופן:

— צונויפנעמען די מחנה און אין די בערג אַריין!

ער איז געריטן פאָרויס אויפן בעסטן קעמל און ביי דער זייט האָט זיך געהאַלטן חמדה. זייערע אויגן זענען געווען אָנגעשפּיזט אין דער ווייטקייט אַריין. זיי האָבן אָבער קיינעם נישט געזען. די מדבר איז געווען שטיל.

די קעמלען זענען געווען באַלאָדן מיט וואַסער־לאָגלען, זעק מעל און האָלץ. די זון האָט געגליט און חמדה האָט אַראָפּגעצויגן איר טורבאַן טיפער איבערן פּנים. זי האָט געפילט ווי עפּעס שלעכטס רוקט זיך אונטער, עפּעס וועט דאָ פאָרקומען. איבן־אַלי־מחמוד אַנטלויפט פאַר אַ מלחמה און וויל נישט אַרויסנעמען די שווערד פון שייד. זי האָט נישט באַנומען פאַר וואָס דער שייך האָט זיך אַזוי דערשראָקן, זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי עס זעט אויס דער שונא. זי האָט געקענט די מלחמה־געזעצן און גע־ווּסט, אַז קוים פאַלט אַלי־מחמוד אַריין צום שונא מוזן אַלע זיינע ווייבער איבערגיין צום זיגער. קיין ווייב פון אַ באַזיגטן שייך טאָר זיך נישט אָקעגנ־שטעלן און מוז טאָן דעם ווילן פון נייעם האַר. זי האָט געהערט רעדן וועגן די יאַהודים, אָבער ווי גרויס עס איז זייער שבט, האָט זי נאָך אַלץ נישט געוווּסט. חמדהן האָט מען קיין מאָל נישט מיטגענומען אין שטאָט אַריין. איר שבט האָט מורא געהאַט, אַז פרעמדע בעדווינער וועלן זי פאַרכאַפּן. זי האָט איצטער געפילט די פאַרביטערטקייט פון שייך און מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

דער קאַראַוואַן האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. דער ערשטער רייטער האָט נישט דערזען דעם לעצטן. צום סוף פון דער מחנה איז געגאַנגען

טלאַל מיטן צעשניטענעם אויער. די סאַקסאַל־בלעטער האָבן געהאַמעוועט דאָס בלוט און דער וויטיק האָט אים אַ ביסל אָפּגעלאָזט. דאָך האָט ער זיך געפּאָרכט פאַרן שייך. דאָס ייִנגל איז געבליבן וואָס אַ מאָל מער הינטער־שטעליק און ער האָט געהאַט חשק אין גאַנצן צו אַנטלויפן פון זיין שבט.

אין דער ערשטער ריי האָט זיך געהערט אַלי־מחמודס שטימע:

— חמדה! איך פיר דעם שבט אויף אַ זיכער אָרט. דאָרט וועט קיין זעלנערישער פוס נישט צוקומען. מיר וועלן דאָרט לאַגערן ביז דער שטורעם וועט פאַרביי, דערנאָך וועלן מיר צוריקקערן צו דער אָאַזע און זיך באַזעצן אויף דער צווייטער זייט פון וואַסערקוואַל.

חמדהן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זי האָט אָבער נאָך אַלץ געפּאָרכט זיך אָפּצורופן מיט אַ וואָרט.

— הערסט? — האָט דער שייך אָנגעשפּיצט די אויערן — דער שטורעם דערנענטערט זיך! די האַרמאַטן דונערן פון דער ים־זייט. קעגן אַזעלכע מאַשינען זענען אַלאַס מדבר־קינדער אוממעכטיק. אַ בעדויִנער קעמפט מיט כבוד מיט דער שווערד און קינזשאַל פּנים אל פּנים. איך האָב זיך אַ מאָל אַריבערגעכאַפּט איבערן עזה־פּאַס און אַריינגעקומען קיין באר־שבע. דאָרטן האָב איך געזען וואָס פאַראַ מאַשינען די יאַהודים האָבן. הערסט, חמדה! געפּאַנצערטע געצעלטן אויף רעדער, וואָס שיסן פון אַלע זייטן. קיין ביקסנקויל נעמט זיי נישט און מיט אַ קינזשאַל קאָן מען צו זיי נישט צוקומען.

„מיין טאַטע דער שייך איבן מצליח בן גאַרמי האָט זיך אַנדערש געפירט, אַפילו ווען ער האָט געוווּסט אַז דער שונא איז שטאַרקער" — האָט חמדה געטראַכט ביי זיך, אָבער זי האָט זיך געשראָקן דאָס אַרויסצו־ברענגען פאַרן מויל.

דער שייך, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען איר שטילשווייַגן, איז אויפגעש־שפּרונגען אויפן קעמל.

— פאַר וואָס שווייַגסטו, פאַר וואָס לויבסטו נישט מיינע רייד? די יאַהודים זענען דאָך נישט קיין שבט. זיי זענען פול ווי זאַמד ביים ברעג ים און ווי די שטערן אין הימל. קעגן זיי העלפט נישט קיין קמיעה. זיי לויפן, ווי די שדים, אין פייער אַריין. אויף דער זייט פון די קאַירער וויל

איך זיך נישט שטעלן. זיי האָבן מיין שבט פאַרשעמט און נישט געקומען זיך שואל עצה זיין מיט מיר.

וואָס אָפטער ס׳האָבן זיך געהערט די דונערן, אַלץ מער האָט דער שייך אונטערגעיאָגט זיין קעמל. הינטער אים האָבן דאָס אַלע נאָכגעטאָן. די געשרייען פון די קעמל־טרייבער האָבן אָפּגעהילכט אין דער ווײַט מיט אַ הוילן עכאָ.

צוויי טעג האָבן זיי געוואָנדערט צווישן זאַמדן, טאָלן און וואַדיס. אויפן דריטן טאָג זענען זיי אָנגעקומען צו אַ באַרגיקער געגנט.

דער שייך איז דער ערשטער אַראָפּ פון קעמל. דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט גענומען אויפשטעלן געצעלטן.

חמדהן איז די געגנט נישט געפעלן געוואָרן. אַ ביסל האָט זי זיך אויך געשראָקן פאַרן שד עיל, וואָס לויט די מסורה וווינט ער אין אַ באַרגיקער געגנט, אָבער זי איז געווען פאַרנומען ביים צוגרייטן דאָס געצעלט פאַרן שייך און האָט אויפגעהערט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. ערשט ווען זי האָט געהערט אַלי־מחמודס קולות האָט זי זיך אומגעקוקט.

דער שייך זאָל מאַכן אַזאַ טומל — האָט זי נאָך נישט געהערט. און דאָס אין גאַנצן, ווייל ס׳האָט געפעלט דאָס יִנגל מיטן צעשניטענעם אויער.

— איך האָב אָבער אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן — כ׳האָב אים געוואָלט אַריינפאָרן מיטן קינזשאַל אין די ריפּן. איצט צאָלט ער מיר אָפּ און ער איז נעלם געוואָרן.

חמדה האָט געהערט און געציטערט. אייגנטלעך, איז זי דאָך די גאַנצע שולדיקע. זי האָט דאָך אָפּגעראַטעוועט טלאַלס לעבן. ווער ווייס, אויב דער שייך וועט נישט אויסגיסן זיין צאָרן אויף איר קאָפּ.

זי האָט געאַרבעט ביים אויפשטעלן דעם געצעלט. אַלע געצעלטן זענען שוין געווען צעוואָרפן אויף אַ גרויסן שטח צופיסנס דעם באַרג, נאָר דער געצעלט פון שייך, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן, איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרטיק. אַלע ווייבער פון שייך האָבן געאַרבעט ווי אייזלען.

דעם שייכס געצעלט איז געווען געבוג גרויס און רחבותדיק. ער איז געווען אַרומגעצויגן מיט נייע לייוונטער און מיט גראָבע שטריק צוגעבונדן צו די פלעקלעך. אַלי־מחמוד האָט זיך אַרומגעדרייט און אַכטונג געגעבן,

אַז די לייוונטער זאָלן אַריינגיין אין זאַמד אַריין און דער געצעלט זאָל זיין פאַרמאַכט אַרום און אַרום. אינעווייניק איז דער געצעלט געווען באַהאַנגען מיט פעלן און אונטערן געלעגער פון שייך איז געווען אונטערגעלייגט אַ גרויסער, אָפּגעריבענער טעפּעך. אין אַלע ווינקלען האָבן געברענט נאַפט־לאַמטערנעס מיט ברייטע קנויטן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און צונויפגעגאָסן די מחנה אין דער טונקלקייט פון די בערג. די מדבר־שטילקייט האָט אַלץ איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שטומען פלעק.

אַלי־מחמוד איז מיט פאַמעלעכע טריט דער ערשטער אַריין אין געצעלט. נאָך אים זענען נאָכגעגאַנגען אַלע זיינע ווייבער און קינדער. ער האָט דעם קינזשאַל אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד, אָפּגעבונדן דעם רויטן גאַרטל, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ברוינעם כאַלאַט און זיך אַנידערגעלייגט אָפּרוען.

די ווייבער מיט די קינדער האָבן זיך אַרויסגעשאַרט און אַרונטער־געגאַנגען הינטער דער פאָרהאַנג, וואָס האָט צעטיילט דעם געצעלט. בלויז חמדה איז געבליבן זיצן ביי זיינע פיס.

לאַנג רוען האָט דער שייך נישט געקאָנט. ער האָט געהייסן צוזאַמענ־רופן די נכבדים פון שבט. באַלד איז דער געצעלט פול געוואָרן מיט זקנים. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די שעפּסן־פעלן לעבן שייך. אַלי־מחמוד האָט געהייסן דערלאַנגען שטאַרקע קאַווע.

אַרום דעם געצעלט האָבן געטליִעט פייערן. באַלד איז געוואָרן פאַרטיק שעפּסן־פלייש. די זקנים האָבן באַקומען גרויסע פאָרציעס. דאָס פלייש איז נאָך געווען הייס און זיי האָבן עס געשיקט איבערגעוואָרפן פון איין האַנט אין דער אַנדערער און געבלאָזן דערויף ביז עס האָט זיך אַ ביסל אָפּגעקילט. זיי האָבן נישט פריִער אָנגעהויבן עסן ביז עס איז אַריינגעקומען אַ ייִנגל מיט אַ קריגל וואַסער און אָפּגעגאָסן זייערע שפּיץ פינגער. נאָך דעם האָט מען זיך גענומען צו דער סעודה.

זיי האָבן אָפּגעגריזשעט דאָס פלייש ביז די ביינער, אָבער די ביינער האָבן זיי נישט אַוועקגעוואָרפן, און ווען ס'איז שוין נישט געווען קיין פלייש, האָבן זיי נאָך אַ מאָל גענומען שמאַטשקען די ביינער און צוגעצ־טרובקען הייסע קאַווע. דער שייך איז שוין געווען זאַט און אַוועקגעוואָרפן

די ביינער ביי דער וואַנט פון געצעלט. נאָך אים האָבן אַלע נאָכגעטאָן. ערשט איצט האָט אַלי־מחמוד אָנגעהויבן רעדן:

— צוויי זאַכן האָט אַללאַ נישט געמאַכט פאַרגעסן אין מיין האַרץ: דאָס וואָס די בלדיים רעכענען זיך נישט מיט אַלע קינדער פון מדבר, די שבטים וואָס ציילן פערציק טויזנט בעדויִנער און זיי טאָן אַלץ אויף אייגענער האַנט; און דער אויסוואורף, וועמען כ׳האָב צעשניטן בלויז אַן אויער און אים נישט געגעבן די ריכטיקע שטראָף.

די נכבדים האָבן זיך דערוואַרעמט פון דער קאַווע. זיי זענען געווען גוט אויפגעלייגט און הכנעהדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— נישט איין מאָל האָט דער יונג אין מיר אויפגעקאָכט דאָס בלוט — האָט דער שייך געגרימט מיט געביילטע פויסטן — ער האָט דאָך נישט אָפּגעהיטן אונדזערע מנהגים. וואָס פאַראַ מיאוסע זאַכן ער האָט אַלץ נישט אָפּגעטאָן? ער פלעגט זיך שפּילן מיט די טמאדיקע חיות, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אין יעדן הונט איז פאַראַן אַ גלגול פון אַ שד. איך האָב אים געזאָגט, אַז אַ הונט טאָר נישט באַטרעטן קיין געצעלט פון אַ בעדויִנער, ווייל ער ברענגט צרות פאַרן גאַנצן הויז, האָט ער דאָס נישט אָפּגעהיטן. ער גערעט אַריין אין זיין מאַמען. דעם אַקער־אייזן האָט זי נישט געקאָנט ציִען, און אויך נישט טראָגן אַ קויש אויפן קאָפּ. איין מאָל איז איר אַפילו אַ וואַסערקרוג פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן. אַז איר מאַן איז געקומען צו מיר, האָב איך מתיר געווען, ער זאָל זי צו אַ צווייטן שבט פאַרקויפן. אָבער מער ווי צוויי שעפּסן האָט ער פאַר איר נישט באַקומען.

דער שייך האָט זיך אָפּגערוט און אַ זקן האָט זיך אָפּגערופן:

— ערשט איצט זעען מיר און פאַרשטיין איבן־אַלי־מחמודס חכמה. קוים רוימט אים נישט אַללאַ איין אין אויער „צי אַרויס די שווערד פון דער שייד״, גייט ער נישט אַרויס אויף מלחמה, אַפילו קעגן די, וואָס קומען איינגעמען דעם מדבר.

— איבן־אַלי־מחמוד האָט ליב די וייבער פון שבט און ער וויל נישט, זיי זאָלן בלייבן אָן מענער — לויבט אים אַ צווייטער.

פאַרן שייך זענען די שבחים געווען צו שוואַך. נאָכן אויפעסן אַזוי פיל שעפּסן־פלייש האָט ער זיך געריכט צו הערן פון זיי מער לויבווערטער. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז צוליב חמדהן. פּשוט זיי פאַרגינען

אים נישט צו האָבן דאָס שענסטע ווייב פון שבט. ס׳וועט אָבער קומען אַ צייט, און ער וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

דער שייך האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער פאַרהאַנג און גערופן די ווייבער זאָלן אַריינקומען. די זקנים האָבן דעם סימן פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און מיט שאַרנדיקע טריט אַרויס פון געצעלט.

מיטן אויפגיין פון טאָג איז די מדבר־שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורכן זשומען פון עראָפּלאַנען. איין עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז מען האָט געזען זיינע מגן־דוד־צייכנס און דעם קאָפּ פון פליִער. אין אָנהייב איז דער גאַנצער שבט געשטאַנען אין דרויסן און געקוקט אין הימל אַריין, נאָר ווי דער פליער האָט גענומען קרייזן איבער דעם לאַגער, האָבן די ווייבער זיך דערשראָקן און באַהאַלטן אין די געצעלטן. די קינדער אָבער איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן מיט פריילעכע ליאַרמען געפּאָכעט מיט די הענטלעך צום פליִער.

דער שייך איז געשטאַנען אין מיטן לאַגער מיט דער לינקער האַנט אָנגעלענט אין דער לופע פון זיין ביקס. ער האָט זיך געריכט אויף אַן איבערפאַל, אָבער ער האָט קיין שום פּחד נישט אַרויסגעוויזן. ווי נאָר די עראָפּלאַנען זענען פאַרשוווּנדן, האָט ער געהייסן אָנלאָדן צוויי קעמלען אין וועג אַריין. חמדהן האָט ער מיטגענומען מיט זיך.

חמדה איז אַ גוטע רייטערין. זי איז געזעסן אויפן זאָטל, ווי אַריינגעוואַקסן צווישן דעם קעמלס הויקערס. זי איז געריטן הינטער אים אין שטילשווייגן. זיי זענען אַדורך שאַרפע זאַמדן. פון די זאַמדן־אַרויס האָבן אַרויסגעשטעקט טרוקענע דערנער. דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צו אַ באַרגיקער געגנט. די קעמלען האָבן נישט געוואָלט גיין. חמדה איז אַראָפּ, און גייענדיק, האָט זי זיי געצויגן ביי די צוימען.

די זון האָט זיך גענומען באַהאַלטן הינטער די שפּיצן בערג, און דער שייך האָט געזוכט מיט די אויגן אַן אָרט, ווו איבערצונעכטיקן. עס איז נישט געווען נישט קיין בוים און נישט קיין גרעזל. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. די וואַסער־לאָגלען זענען נאָך געווען פול און זיי האָבן אַ סך געטרונקען. חמדה האָט ביידע קעמלען

צוזאַמענגערוקט און פאַר זייערע פיסקעס האָט זי אַנידערגעלייגט אַ בינטל שטרוי.

אַ גאַנצע נאַכט איז אַלי־מחמוד נישט געשלאָפן, ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט דער ביקס אין האַנט און געהיטן חמדהן מיט די קעמלען. ערשט ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָט ער אויפגעוועקט חמדהן און איר געהייסן וואַך זיין ביז ס'וועט ווערן טאָג.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט און די ביקס האָט ער געהאַלטן צווישן זיינע פיס.

ביים אויפגיין פון מאָרגנרויט זענען זיי שוין ווידער געריטן צוזאַמען. דער שייך האָט געוואָלט אָנקומען צום שפּיץ באַרג און אַריינגיין אין קלויסטער. צו זיי, צו די נזירים, האָט ער געהאַט צוטרוי. ער האָט געוואָלט חמדהן דאָרטן איבערלאָזן ביז דער שטורעם וועט פאַרביי און אין מדבר וועט ווידער שטיל ווערן. די נזירים — האָט ער געוווּסט — האָבן נישט קיין הערעם, אַפילו קיין איין ווייב האָבן זיי נישט און זיי קוקן נישט מיט תאווה־בליקן אין אַ פרויס אויגן. אַזוי האָט ער געקלעטערט וואָס אַ מאָל העכער אויפן באַרג. ערשט ווען ער האָט דערזען דעם שפּיץ פון פינקלדיקן קלויסטער־טורעם מיטן גרויסן צלם, וואָס האָט געבלענדט אין זון־אויפגאַנג, האָט ער אויפגעצייטערט. אַ פּחד איז אויף אים אַנגעפאַלן.

ער איז געווען זיכער, אַז אַללאַ וועט אים פאַרשעלטן, דערפאַר וואָס ער זוכט שוץ אונטערן צלם פאַר זיין שענסט ווייב. אויפן באַרג האָט חמדה אויסגעזען נאָך שענער, און ער איז גרייט געווען זיך פאַר איר אַפילו צו שמדן. דער שייך האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן און חמדה האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער שייך איז אָבער אַלץ נישט זיכער געווען, צי ער וועט דעם קלויסטער דערגרייכן. מיט קעמלען איז שווער אַרויפצוקומען אויף אַ באַרג. ער האָט געוווּסט, אַז די נזירים פון קלויסטער לעבן גוט מיט די בעדווינער און זיי גיבן־אָפּ כבוד די שייכן פון די שבטים. ווען נאָר אַ שייך קומט צו צום פלויט פון קלויסטער, טראָגן זיי אַרויס פאַר אים ווייס ברויט מיט שוואַרצע קאַווע. זיי זאָגן נישט אָפּ, אַז מען בעט זיי אַ טובה. דעריבער, איז אַלי־מחמוד געווען זיכער, ווען זיי חמדהן אַריינעמען און זי וועט זיין געראַטעוועט.

און אַזוי ווי דער שייך איז געווען פאַרנומען מיטן אונטערשטופּן זיין קעמל האָט חמדה דערזען צוויי מענטשן אַראָפּנידערן פון באַרג.

דער שייך האָט זיך גלייך געכאַפּט צו דער ביקס. חמדה איז איינגעשטעלט — האָט ער געטראַכט. צוויי אויף איינעם, און ווער ווייס, אויב דאָס זענען נישט זיינע שונאים, פון שייך חמד אַלצאַניס שבט.

ער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט און געוואַרט ביז זיי וועלן זיך צו אים נענטערן. חמדהן האָט ער געהייסן שטעלן הינטער זיך. דער שייך האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק און באַלד אויסגעשריגן:

— נזירים!

ער איז געווען צופרידן פון דער באַגעגעניש און ווי פאַר זיך אַ זאָג געטאָן:

— ביי זיי וועט מען זיך דערוויסן ווי עס האַלט.

— וואָס ווייסן נזירים? — האָט חמדה געצווייפלט.

— זיי ווייסן, זיי ווייסן! — האָט דער שייך געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי האָבן אַזעלכע מכשירים, וואָס דערציילן אַלץ וואָס טוט זיך אין דער וועלט.

די נזירים זענען וואָס אַ מאָל צוגעקומען נענטער, און ווען זיי זענען געשטאַנען נאָענט האָבן זיי זיך געצלמט פאַר די בעדויִנערס אויגן:

— זאָל זיין געלויבט...

דער שייך האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן, און אויך גאָרנישט געענטפערט.

איין נזיר איז געווען אַן אַלטער מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און אַ ווייסער באָרד, און דער אַנדערער גאָר אַ יונגיטשקער מיט ראָזע בעקלעך.

— נעם אַראָפּ די ביקס פון דיינע לענדן. דו שטעלסט איין דיין לעבן און דאָס לעבן פון דיין שיינע טאָכטער, וואָס שטייט הינטער דיר — האָט דער אַלטער נזיר געזאָגט אין אַ קוים פאַרשטענדלעכן אַראַביש.

דער שייך איז אויפגעשפּרונגען פאַר כעס — ווער וועט דאָס באַפעלן איבן־אַלי־מחמודן אַראָפּצונעמען די ביקס פון זיינע לענדן?

— טו אַזוי, ווי איך הייס דיך, זון מיינער — האָט דער אַלטער נזיר וויך געזאָגט. נעכטן נאָך, פאַר דער פאַרנאַכט־תפילה, זענען שוין די יאַהודים געווען ביי אונדז אין קלויסטער. זיי זענען אָנגעקומען מיט דזשיפּן

און געווען לייכט באַוואָפנט. זיי האָבן זיך גוט אויפגעפירט און קיינעם נישט געטשעפּעט, אָבער צו מענטשן, וואָס לייגן נישט דאָס געווער, שיסן זיי.

— איז דאָס מעגלעך? — האָט דער שייך געפרעגט מיט דער־שטוינונג — פון באר־שבע ביז טיף אין דער מדבר־סיני אין געציילטע טעג?

— מיין זון! אַ נזיר זאָגט נישט קיין ליגן. וואַרף אַוועק דיין ביקס. אָבער אויב דו ווילסט זי נישט אָנווערן, טאָ בינד זי צו אונטערן בויך פון קעמל און נידער שוין אַראָפּ פון באַרג. ישראלס זעלנער הערשן שוין איבערן גאַנצן מדבר, זיי זענען שוין אָנגעקומען צום סועץ־קאַנאַל און די פראַנצויזישע פּאַראַשוטיסטן האָבן פאַרנומען דעם צווייטן ברעג. מסתמא איז גאָטס ווילן אַזוי — האָט דער נזיר אָנגערירט דעם צלם אויף זיין ברוסט.

— און וואָס זאָל איך טאָן מיט איר? — האָט דער שייך אַ וויַיז־געטאָן אויף חמדהן.

— דער יונגער נזיר האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער שייך מיינט, און ער האָט אונטערגעכאַפּט.

— זאָג אים, עלטערער ברודער, ער זאָל זי אַריינגעבן אין קלויסטער.

— פאַר איר האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן. די זעלנער מיטן מגן־דוד אויף די ברוסטן טשעפּען נישט קיין פרעמדע פרויען.

דער נזיר האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט.

דער שייך איז געשטאַנען אַ נידערגעשלאָגענער און אַריינגעטראַכט: אָבער ווער וועט חמדהן באַשיצן פאַר די אַראַבישע חיילות, וואָס זענען שטאַרקער פון זיין שבט?

דער אַלטער נזיר האָט ממשיך געווען:

— די ווילדקייט פון דער מלחמה איז די יאַהודים פרעמד. זיי פירן זיך גוט אויף מיט קינדער. זיי האָבן אין דער מדבר געפונען אַ פאַרוווּנדעט ייִנגל מיט אַ צעשניטן אויער, האָבן זיי זיך מיט אים מטפל געווען און אין קלויסטער געבראַכט.

דער שייך האָט אויפגעציטערט:

— דאָס מוז זיכער זיין טלאַל, דער סורר ומורר — האָט ער צו חמדהן אַ זייטיקן זאָג־געטאָן.

— דער יונג איז מיינער און איך האָב אים דאָס אויער צעשניטן.

— אויב אַזוי — האָט דער אַלטער נזיר געזאָגט געלאַסן — איז בעסער, זון מיינער, דו זאָלסט זיך נישט נענטערן צום קלויסטער. דאָס יִינגל ליגט אין היץ און מיט דיין באַווייזן זיך וועסטו זיין מצב נאָך פאַרערגערן. און איך וויל דיך וואָרענען פאַר אַן אומגליק; אויב די יאָהודים וועלן דיך טרעפן און זיך דערוויסן, אַז דו האָסט דעם יִינגל אַזוי צעשלאָגן, וועלן זיי דיך באַשטראָפן. אָבער דיין טאָכטער קענען מיר מיטנעמען אין קלויסטער אַריין.

דער שייך האָט אַ נאַכלעסיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, אָבער די נזירים האָבן זיך אָפּגעצלמט און אַוועקגעגאַנגען מיט חמדהן. זיי זענען געגאַנגען מיט שנעלע טריט צום אָרט, ווו זיי פלעגן יעדן פרימאָרגן תפילה טאָן אויפן פרייען באַרג.

אַלי־מחמוד איז שטיין געבליבן אין מיטן באַרג מיטביידע קעמלען. ער האָט זיי טעמפּ נאָכגעקוקט און געזען, ווי חמדה גייט נאָך די נזירים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פון אונטער אירע פיס הייבן זיך אויף וואָל־קנדלעך שטויב. ער האָט געוואָלט זיי נאָכלויפן און זי צוריקנעמען, אָבער דער שטאָלץ פון אַ בעדויִנער־שייך האָט גובר געווען און ער איז געבליבן צוגענאָגלט צום אָרט. ער האָט געזען, ווי די גאַנצע תפילה האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע מינוט, און שוין קלעטערן זיי אַרויף אויפן שפּיץ באַרג צום קלויסטער. וואָס אַ מאָל זענען זייערע פיגורן געוואָרן קלענער, בלאָסער — דער באַרגנעפּל האָט זיי גענומען איינהילן.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער שייך אַ ריס־געטאָן פון אָרט. ער האָט אַפּערגענומען די ביקס פון אונטער דעם קעמלס בויך און זי אָנגעשטעלט אויפן באַרג אַרויף. ער האָט געוואָלט צילן נאָר אין חמדהן, אָבער דער באַרג־נעפּל האָט אַלע דריי שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרשלונגען. און אַחוץ דעם גלאַנציקן קלויסטער־צלם אויפן שפּיץ באַרג האָט דער שייך גאָרנישט מער געזען.

דער גויִאַוועבוים

שוועבע בולדאָזערס זענען מיט רעש אַרומגעקראָכן אויף די בערגלעך. די שטאָלענע קייטן האָבן זיך אויסגעלייגט, ווי אַ ברעטער־וועג, און זיי געשטופּט פאָרויס. די טאַסאַקעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, איינגעגביסן אין דער ערד, געשניטן שטיקער פון בערגל און געוואָרפן אין טאָל אַריין.

די ערד אַ ווייכע, אַ פעטע, איז געבליבן ליגן אַ נאַקעטע, ווי ס'וואָלט וועך אין העלן טאָג אָפּגעדעקט איר טראַכט און זי פאַרשעמט. וואָס טיפער די טאַסאַקעס האָבן זיך אין איר איינגעגעסן, אַלץ מער האָט זיך אַנט־פּלעקט איר אינגעווייד, און ס'האָט אויסגעזען, ווי נאָך הונדערטער יאָרן אָפּרו האָט פּלוצעם געגומען בלוטיקן איר בראַנדזלעכער קערפּער.

אין אַ זייט פון בערגל איז געשטאַנען אַ קליינער צריף, צונויפגע־קלאַפּט פון ברעטער און בלעכן. עטלעכע מענטשן זענען דאָרטן אַריין און אַרויס געגאַנגען. קיין פענצטער איז אין אים נישט געווען, בלויז פון דער געעפנטער טיר האָט דאָס טאָגליכט אַריינגעדרונגען אינעווייניק. אין מיטן צריף איז געשטאַנען אַ טישל. אַ מאַן מיט אַ האַלב־גרויען קאָפּ איז גע־שטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אַ גרויס־געצייכנטן בויגן פּאַפּיר. ער האָט דאָרט לאַנג אַריינגעקוקט און אַפילו עפּעס געמורמלט צו זיך. דער־נאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, צונויפגעוויקלט דאָס פּאַפּיר אין אַ ראָלקע.

— אָט אַזוי בלייבט עס! דער שיכון וועט זיין אַרומגענומען, ווי אַ גאַרטל, און אויפן בערגל וועט מען פלאַנצן אַ וועלדל.

די צוויי מענער מיט אָפּגעברענטע פּנימער, אָנגעטוענע אין קורצע האַקי־הייזלעך און „טעמבלען" אויף די קעפּ, האָבן זיך אויסגעדרייט צום טישל.

— הייסט עס, מ'קאָן אָנהייבן?

דער מאַן מיטן האַלב־גרויען קאָפּ האָט צוריק אויפגעוויקלט דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר. די אַנדערע האָבן זיך געשטעלט איןביידע זייטן פון טישל און אַריינגעשטעקט די קעפּ אין בויפּלאַן.

— אָט דאָ — האָט דער עלטערער מאַן געוויזן מיט אַ שאַרף פּאַר־שניצטן בלייער אין אַ ווינקל פון געצייכנטן בויגן — גייען די צוויי־משפּחה־הייזקעס. ביי די זומפּן נאָענט צום ירקון, דאַרפן די פונדאַמענטן זיין טיפער און העכער. בעסער וואָלט געווען, ווען מען שטעלט די הייזער אויף „פּיסלעך". אָבער דאָס דאַרף קאָסטן אַ סך מער, און כ'האָב צו דעם נישט קיין „תקציב" און נישט קיין צייט. די אַרבעט מוז גיין אחת־שתים. די מעברות זענען איבערפולט. דער עולים־שטראָם גייט כסדר און ס'איז זיי נישטאָ ווו אַהינצוטאָן. מ'מוז בויען! מ'מוז בויען אַפילו מיט אַ נישט־באַשטעטיקטן בויפּלאַן.

די ביידע מענער אין די קורצע הייזלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן זענען זיי אַרויס פון צריף און געגאַנגען גלייך אין טאָל אַריין.

אויף צו מאָרגנס, ווען ברכה האָט אַרויסגעהאָנגען שנירלעך וועש אַרום דעם בלעכערנעם צריפל, האָט זי געזען ווי קעגן איבער אויפן בערגל ראַיעט זיך מיט מענטשן און לאַסטאויטאָס. זי האָט אַלץ געלאָזט שטיין, צוגעלאָפן צום געעפנטן פענצטערל און אַריינגעשריגן אינעווייניק:

— זעט קינדער, קעגן איבער בויט מען שוין אַ ש'יכון! מיין מאַן, מעגסט אויך אַרויסגיין אַ קוק טאָן!

אויפן שטח האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. פון אין דער פרי אָן האָבן די לאַסטאויטאָס נישט אָפּגעלאָזט דאָס בערגל. זיי האָבן געבראַכט זעקלעך צעמענט און שטאַבעס אייזן, געהילץ און אַרבעטס־מכשירים. יונגען, נאַקעטע ביזן גאַרטל, האָבן אין אייזערנע פּאַרמעס געשטויסן זאַמד מיט צעמענט און אויסגעלייגט גאַנצע שטיקער ערד מיט נאַסע בלאָקציגל; ווען די זון האָט די בלאָקן איבערגעטריקנט זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט לאַנגע שלאַוכן און געשפּריצט וואַסער, די ציגל זאָלן שנעלער פאַרהאַר־טעוועט ווערן, מ'זאָל זיי קענען נעמען אין האַנט אַריין. דעמאָלט זענען די „בלאָקן" איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט. יונגען מיט אָנגעהאָנגענע

לייטערלעך אויף די אַקסלען זענען געשטאַנען גרייט, מען זאָל זיי פאַרלאָ־דענען, און זיי האָבן די בלאָקציגל אַוועקגעטראָגן אויף די רושטאָוואַניעס צו די מויערער.

אַז ברכה האָט דאָס געזען, איז איר האַרץ אָנגעפולט געוואָרן מיט פרייד. זי איז אַריינגעלאָפן צו שמעונען און אים געטריבן אין שטאָט אַריין.

— ווי לאַנג נאָך ווילסטו דאָ זיצן אין דער מעברה? זעסט נישט, אַז מ׳בויט? איידער דו וועסט זיך אויסדרייען, וועט שוין קיין דירה נישט זיין!

שמעון וואַקסמאַן האָט זיך קוים דערפרעגט צו דער אַלטאַראַבישער געביידע, וואָס שטייט אויף אַ בערגל, אַרומגערינגלט מיט אַ ליימיקער מויער, ווי זי וואָלט היטן די עליה־גאַס — ווו „מ׳טיילט דירות״. דאָרטן האָט ער שוין ביי אַ טיר געטראָפן שטיין אַ גרויסע ריי. ער האָט לאַנג געוואַרט ביז ער איז אַריינגעקומען אינעווייניק. ביי אַ טישל איז געזעסן אַ דיקלעכער מענטש, גלאַט ראַזירט, אָבער מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ.

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— שוין צוויי יאָר.

— גוטוואָך, ברײנע! ערשט צוויי יאָר אין לאַנד און וויל שוין אַ דירה. איר זענט אַ ביסל צו פרי געקומען. גייט אַהיים!

וואַקסמאַן איז אַהיימגעקומען מיד און אויפגערעגט.

— נו, וואָס האָסטו אויפגעטאָן?

— גאָרנישט!

— וואָס הייסט גאָרנישט?

— דו האָסט זיך אַזוי געאײַלט עולה צו זיין, און דער פּקיד זאָגט, אַז כ׳בין צו פרי געקומען.

— אפשר ווילסטו צוריקפאָרן? איך האָב גענוג די פּאָליאַקן!

— ווער רעדט פון צוריקפאָרן? כ׳וויל נאָר, זאָלסט וויסן, אַז ס׳וועט אונדז אויסקומען לאַנג צו וואַרטן.

— וועט מען וואַרטן!...

זי איז געווען געערעכט ברכה — אַז מען וואַרט דערוואַרט מען זיך. ער האָט דאָס קליינע שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳איז געווען מיט גרויסע אותיות געדרוקט „אישור״, צוגעהאַלטן אין דער הויזנטאַש און קיינעם

נישט געוואַלט ווייזן, סיידן דעם מפקח פון שיכון. צו ערשט איז ער אַרויף אויפן בערגל, ווו ס'שטייט דער גרויסער צריף. פון דאָרט האָט מען אים געשיקט אין טאָל אַריין, ווו ס'געפינט זיך דער מפקח פון שיכון.

דער מפקח איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ ברייטן קאָפּ. פונעם געלבלעכן פנים האָבן אַרויסגעקוקט קליינע אַרבעס־אייגעלעך. ער האָט גערעדט אַ וואַרשעווער יִדיש און באַלד אויף וואַקסמאַנען אָנגעשריגן.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? וואָס, איר האָט קיין צייט נישט? די געשעפטן ברענען ביי אייך?

שפּעטער האָט ער אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג, וואַקסמאַן זאָל צוגיין נענטער צום טישל. ער האָט גוט באַטראַכט דעם צעטל און אים אונטער־גערוקט עטלעכע פּאַפּירלעך אונטערצושרייבן. ער האָט אַלע פּאַפּירלעך אַריינגעלייגט אין אַ שופלאַד, פאַרשלאָסן און נעמענדיק אַ בינטל שליסלען איז ער מיט וואַקסמאַנען געגאַנגען ביז די זומפּן.

די שליסלען האָבן נישט געפּאַסט. דער פאַרוואַלטער האָט געמורמלט — „יִדישע בעל מלאכות". ער האָט אַזוי לאַנג געדרייט מיט די שליסלען, ביז ער האָט געעפנט אַ טיר.

— אָט דאָ האָט איר אייער דירה!

ס'ערשטע איז אַריין אין דער דירה ברכה. זי איז געקומען מיט אַ קאָ־שיקל. קודם איז זי אַריין אין דער קיך און אַוועקגעלייגט ברויט מיט זאַלץ. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך. די פּאָדלאָגעס זענען נאָך געווען פול מיט צעמענט און די שויבן מיט קאַלך. אָבער אין אירע אויגן האָט די דירה אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ. אַ שכנטע האָט אַריינ־געשריגן דורך דער אָפענער טיר.

— מיטן רעכטן פוס! מיט אַ גוט געזונט און אַ גוטער פּרנסה!

וואַקסמאַן איז אַרויס אין דרויסן און זיך אַרומגעקוקט. אַרום דעם הויז איז געווען אָנגעוואָרפן שטיינער און בויאָפּפאַל. ער האָט אַוועקגעשאַרט מיט די פיס די זאַמדן און דערזען, ווי עס קוקט אַרויס אַ חמרה־ערד.

ער איז געלאָפן אין שטאָט אַריין און געבראַכט אַ טוריה און אַ גראַבלע. גאַנצע טעג האָט ער געאַרבעט אַרום דעם הויז: אָפּגערייניקט די שטיקלעך ציגל, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, אַרויסגענומען דעם פאַר־טריקנטן צעמענט, וואָס האָט אָפּגעשפּריצט פון די ווענט, ביז די ערד איז

געוואָרן ריין ווי אַ געל אויסגעקעמטער קאָפּ. איבעווייניק האָט ברכה אויסגע־שטעלט די טעפּ, אָנגעהאָנגען פאַרהענגלעך און אויסגעלייגט די פעלד־בעטלעך.

— זעסט — האָט זי געזאָגט, ווען שמעון איז פאַר נאַכט אַריינגע־קומען — די פעלדבעטלעך וועלן זיין פאַר די קינדער. און ווו וועלן מיר שלאָפן?

— מ׳עט שוין שלאָפן. אַבי מ׳האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— מיט די קינדער צוזאַמען?

— פאַר וואָס נישט? ס׳איז גענוג געררוים אין דעם צימער.

— אָ — האָט ברכה געוואָרנט, שאָקלענדיק צווײדײטיק מיטן קאָפּ — וועסט זען, ווי זיי וועלן באַלד אַ שפּרונג טאָן אין דער הייך. דאָ וואַקסן קינדער ווי אויף הייוון...

דאָס ערשטע האָט שמעון וואַקסמאַן גענומען פלאַנצן ביימער. אין יענער צייט איז נאָך נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען געקויפט אַ שתיל פון אַ פּרוכטבוים. שמעון האָט געהערט, אַז אין בית־דגון געפינט זיך אַ גרויסע שתילערײ, איז ער דאָרטן אַוועק. ס׳איז אים אַקעגנגעקומען אַ ברייטפּלייציקער מאַן פון מיטלוווקס מיט אַן אָפּגעברענט פּנים און גוט־מוטיקע אויגן. וואַקסמאַן האָט גענומען מיט אים אײנטענהען וועגן פאַרקויפן ביימלעך, און דער אַגראָנאָם האָט געצויגן מיט די פּלייצעס:

— מיט עפּלביימער איז נישט אַזוי לייכט, ווי איר שטעלט זיך פאָר. וואָס, מיינט איר, די אַראַבער האָבן געוווּסט דעם טעם פון אַן עפּלבוים? מאַראַנצנביימלעך קאָנט איר באַקומען וויפל איר ווילט, כאָטש די גרעסטע צאָל שתילים זענען געפּרוּירן געוואָרן פון הײַיאָריקן שניי. פון וואַנען זענט איר, פון לאָדזש? טאַקע מיין געגנט! אָט, קומט וועל איך אייך ווייזן. איך בין דאָ אַ וותיק, אַדורכגעגאַנגען דאָס וואַרעמע און דאָס קאַלטע. אָפּגע־אַרבעט אין מקוה־ישראל אָן אַ גראָשן געלט. וואָס איר ווייסט נאָך נישט ווו מקוה־ישראל איז? אַז איר קומט פון הדר־יוסף, זענט איר דאָרטן אַדורכגעפאָרן. איר האָט געזען אויפן וועג׳ אַ גרויס שטיק פלאַכלאַנד, וואָס איז באַדעקט מיט גרינסן, ווי אַ גרינער טעפּעך? און ביים כביש שטייט אָפן אַ גרויס טויער, וואָס זעט אויס ווי אַן אַריינפאָר א״ן אַ פּריצישן

פּאַלוואַרק, מיט אַ לאַנגע ביימער־אַליי? — אָט דאָס איז מקווה־ישׂראל! דאָרט איז די גרעסטע אַגראָנאָם־שול אין לאַנד. דאָרטן האָב איך געלערנט און געאַרבעט. דאָרט לערנט מען נישט פון אויבן, נאָר פון שורש. איר מוזט קענען יעדן פלאַנץ און בוים, ווי איר קענט אייערע אייגענע פינגער. איך האָב זיך ספּעציאַליזירט אין ביימערצוכט. אַ בוים איז ווי אַ מענטש. אַ מאָל איז ער געזונט און אַ מאָל קראַנק. איר מוזט וויסן, ווי אים צו האָדעווען און ווי צו היילן. איינער וואַקסט גוט אין חמרה־ערד, און דער צווייטער וואָרצלט זיך גוט איין אין זאַמדן. און פּונקט ווי איר זעט די מענטשן, אַזוי זענען די ביימער: איינער אַ ריז, ווי איר זעט אַ בולגאַרישן עולה — הויך ווי אַ סאָסנע, ברייטפּלייציק, מיט אַ צעוואַקסענעם ברוסטקאַסטן, און הענט ווי לאָפּאַטעס; און דער צווייטער, ווי איר זעט אַ תימנער פון מדינת עדן; מאָגער און דין און נישט העכער ווי אַ לולב.

שמעון וואַקסמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער גלעזערנער אָראַנזשעריע און אַ פרעג געטאָן.

— און פון וואַנען קומט דאָ אַהער דער עפּלבוים?

— דאָס — האָט זיך דער גערטנער אָפּגערופן — איז דער פאַרדינסט פון וויצמאַן־אינסטיטוט. דאָס איז אַ געמיש פון ראַסן. מיר נעמען אַ וואָרצל פון אַ טראָפּישן בוים און קרייצן אים מיט אַ צווייגל פון אַן עפּלבוים, און אַזוי אַרום באַקומען מיר די פרוכט. אַ וואָרצל פון אַן אייראָפּעיִשן בוים וואָלט אין דעם קלימאַט נישט אויסגעהאַלטן. אָבער איך ראָט אייך נישט אָנצוהייבן מיט עפּלביימער. איך קען דעם באָדן פון הדר־יוסף. נעמט בעסער אַ בוים אַ וותיק. פלאַנצט דעם גויאַוועבוים!

צווייגלעך מיט צייטיקע טאָמאַטן האָבן געוווּנקען צום וועג־צו. אין מיטן די בייטן האָט זיך אויסגעזעצט מיט העלע קאָלירן די סאַלאַט און הייפּטלעך קרויט האָבן זיך גענומען גראָב ווינקלען. ס'איז געווען אין דער האַרטער צנע־צייט און פאַר יעדער צייטיקער ערדפרוכט זענען געווען אָפּן הונגעריקע מיילער. אין וואַקסמאַנס גערטנדל איז די וואַסער־קישקע דערגאַנגען אין יעדן ווינקעלע, די ערד איז דאָרט געווען פייכט און די „טעלער" אַרום די יונגע ביימלעך זענען געווען אָנגעזעטיקט מיט וואַסער.

אויך דאָס קליינוואַרג האָט גענומען וואַקסן. פאַר מאירלען און יוכבדן

זענען די קינדער־בעטלעך שוין געווען צו קליין און זיי זענען געשלאָפן מיט אַרויסגעשטעקטע פיסלעך איבער די ברעטער, אָדער זיי האָבן זיך איינגעקאָרטשעט. די מאַמע האָט דאָס נישט געקאָנט צוזען און אַלע מאָל געמאָנט:

— שמעון, וואָס וועט זיין? די קינדער ליגן איינגעקאָרטשעט און דו קוקסט זיך גאָרנישט אום.

אָבער שמעון וואַקסמאַן איז געווען פאַרטיפט אין זיינע פעק פּאַפּירן און מער איז אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געמאָסטן און געוואויגן. ביי זיך אין צימער האָט ער שוין געהאַט איינגעאָרדנט אַ קליינע לאַבאָראַטאָריע מיט גלעזלעך, וואַרעם־לעמפּלעך, פלעשער און סלאָיִקעס. דאָרט אַהין האָט ער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. אַ מאָל נאָר, ווען דער שטויב האָט שוין גענומען פרעסן די אויגן, האָט ער אַריינגעלאָזט דאָס ווייב אויסוואַשן דעם צימער, דערביי איז ער געשטאַנען און זי געהיטן, ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע.

אַז ברכה איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי צו זיך אַליין גערעדט:

— אַריינגענומען זיך עפּעס אין קאָפּ אַריין — און זעט נישט מער די וועלט פאַר זיך...

טייל מאָל האָט זי זיך געקריגט מיט זיך אַליין:

— ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן... בעת זי האָט אים אין רוסלאַנד באַקענט, האָט זי געוווּסט, אַז ער איז אַן אינזשיניער. אָבער ווי קומט צו אַן אינזשיניער פלעשעלעך מיט שפּריט־לעמפּלעך און גלעזלעך? אַן אינזשיניער, האָט זי געוווּסט, בויט הייזער, באַנען, פאַבריקן, בריקן, אָבער וואָס האָט ער צו טאָן אין ים? אַלע מאָל זעט זי, ווי ער גייט צום ים און ברענגט גלעזלעך וואַסער. וואָס וויל ער, וואָס זוכט ער? וואָס האָט ער דאָרט אין ים פאַרלוירן? יאָ, עפּעס איין מאָל — דערמאָנט זיך ברכה — האָט ער איר אין רוסלאַנד געזאָגט, אַז זיין ספּעציאַליטעט איז — טעמפּעראַטורן. הייסע צי קאַלטע, געדענקט זי שוין נישט. אָבער ווער צאָלט דאָ געהאַלט פאַר מעסטן טעמפּעראַטורן?... און נאָך דערצו טאָר מען פאַר קיינעם קיין פּיפּס נישט טאָן. אַזוי האָט ער איר אָנגעזאָגט... קיין קינד טאָר אין זיין צימערל נישט אַריינשטעקן אַ פוס. אַ מאָל נאָר פאָרט ער אַוועק אין דער קריה מיט אַ פּאַק פּאַפּירן, און אַז ער קומט אַהיים, גיט ער

זיך אַ וואָרף אַוועק אויף דער קאַנאַפּע. דרייט זיך, וואַרפט זיך, ווי ס׳וואָלט אים ווער ביים האַלדז געוואָרגן... דערנאָך גייט ער ווידער אַריין צו זיך אין צימערל און פאַרשליסט זיך. בעת ער זיצט דאָרט, טאָר מען צו אים נישט רעדן. און אַז מען רעדט יאָ צו אים, וואָס קומט דערפון אַרויס? ער הערט דען? ער שטעקט נאָר אַרויס דעם קאָפּ, ווי אַ נישט־דאַ־קער און פאַר־שליסט זיך ווידער.

נאָך ערגער איז דאָס — טראַכט ברכה — וואָס קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. און וואָס וועט זיין דער סוף? אין מכולת וויל מען מער נישט געבן אויפן ביכל. אַז אַ מאַן אַרבעט נישט אויף אַ סטאַבילע שטעלע, גיט מען נישט אויף באָרג, און אַז זי בעט קרעדיט, באַקומט זי אַזאַ ענטפער:

— ווען וועט איר אָפּגעבן, גברת וואַקסמאַן? אפשר נאָכן ערשטן? — פרעגט דער מכולתניק מיט שפּאָט.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען עפּעס גינסטיקעס אין זיין אויפפיר.

— ווי ער קאָן נאָר, פאַרדינט ער אַ פּאָר פונט. צוהעלפן אין שטוב העלפט ער אויך. פיר אַזייגער פאַר טאָג שטייט ער שוין אויף און שטעלט זיך אין תור נאָך אַ שטאַבע אייז, און ווען אַלע שלאָפן נאָך, קומט ער צוריק מיט אַ גאַנצן בלאָק אייז. נישט איין שכנטע איז זי מיט דעם אויך מקנא, און טעפּלעך מילך ברענגט מען איר אַריין פון אַרום און אַרום אַריינצו־שטעלן אין אייזקאַסטן.

אין אָוונט איז אַריינגעקומען די שכנטע פון קעגן איבער. אירע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען צום גויאַוועבוים. ברכה האָט זי וואַרעם אויפגענומען.

— זעצט זיך. זיצט אויף דער קאַנאַפּע. וואָס הערט זיך?

— אָ, דאָ איז אַזוי הייס; וואָס איז דאָס טאַקע, שכנטע? אַז עס קומט אין דער צייט, פאַר נאַכט, ווערן די שטובן אַזוי אָנגעגליט, ווי אין אַ באַקאויוון — קומט בעסער אַרויס אין דרויסן. אונטערן גויאַוועבוים איז קילער.

— אַז איר ווילט? זעט, מיין מאַן האָט געמאַכט אַ נייע באַנק אונטערן גויאַוועבוים.

דער גוי־אָוועבוים

— ווו איז טאַקע אייער מאַן?

— ער זיצט דאָרט ביי זיך אין צימערל.

— איר ווייסט, שכנטע, כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז אייער מאַן קען אַזוי שיין רעדן. ער הערט נישט דאָרטן?

— ניין, ניין, ער זיצט דאָרט פאַרטאָן ביי זיך.

רבקה האָט זיך צוגעבויגן נענטער.

— הערט איר, האָט אייער מאַן אונדז אויפגעשפּילט...

— וואָס אַזוינס, ווען?

— יאָ, נעכטן איז עס טאַקע געווען. שטייען מיר אַזוי אין תור ביים ירקותניק. מ׳שטייט און מ׳שטייט. דער צריך איז נאָך פאַרמאַכט און מ׳וואַרט. ערשט אַז מ׳הייבט אָן טיילן, ווערט אַ געשטופּ און געשטויס. ס׳קומען צו נייע. „אָט דאָ בין איך געשטאַנען — שרייט אַן עלטערער מאַן — דאָ, נאָכן ווייבל מיט דער געלער ספּודניצע". און דאָ ווערט אַן אויסטויש. ס׳גייען אַרויס פון דער ריי קינדער און ס׳שטעלן זיך אַוועק די מאַמעס. דערווייל ווערט דער תור וואָס אַ מאָל גרעסער, און די ירקות אין צריפל — קלענער. „אָט איר דאָרט, די לעצטע, האָט גאָרנישט וואָס צו שטיין. פאַר אייך וועט שוין נישט סטאַרטשען" — שרייט אַ געזונטער יונג אַריבער. און דאָ, ווי פון אונטער דער וואַנט אַפּויער קומט גאָר צו אייער שמעון. מ׳קוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט. אפשר וויל ער זיך אַריינשאַרן אין תור... אָבער ער שטייט אָן אַ טאָרבע, שטייט אַזוי און קוקט ווי דער עולם שטופּט זיך, און ער גייט אַרויס מיט לשון:

— וואָס שטופּט איר זיך דאָ אַזוי? וויפל שעה שטייט איר דאָ אין תור, האָ? דריי, פיר שעה? וואָלט נישט בעסער געווען, ווען איר נוצט אויס די צייט צו אַרבעטן אין גאָרטן? געזונטע הענט האָט איר, נעמט מען אַ רידל מיט אַ גראַבלע אין האַנט אַריין. ערד ליגט אַרום געגוג ביי יעדן הויז. פּעטע חמרה. וואָס מ׳זייעט, וואַקסט, און וואָס מ׳פלאַנצט, נעמט אָן. איך זאָג אייך ביי מיין וואָרט. מען דאַרף נישט מער, ווי אָט די פּאָר שעה וואָס איר שטייט דאָ — און איר קאָנט עסן ירקות בשפע!

— און וואָס האָבן די מענטשן געזאָגט?

— אַלע האָבן טאַקע געזאָגט, אַז ער איז גערעכט, נאָר פון תור האָט זיך קיינער נישט גערירט...

ברכה האָט געוואָלט אָפּלענקען דעם שמועס אין אַן אַנדערער זייט, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, ס'קומט דאָך אייך אַ מזל־טוב! אַ קלייניקייט — אַ וועגעלע מיט נעפט!

— נו, אפשר קומט מיר נישט? איר מיינט, ס'איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען? אָבער וואָס איז דאָס? די באַנק שאָקלט זיך דאָך! די ערד איז דאָ אַזוי ווייך ווי אַ טייג.

זי האָט זייער לאַנג גערעדט און איבערדערציילט פון דעם טאָג אָן, ווען זי איז אַנטלאָפן פון פלאָצק ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין רוסלאַנד. און מיטן שיכון איז אַזוי געווען:

— איר הערט, שכנטע, כ'בין געלאָפן און געלאָפן. איין מאָל, צען מאָל, ביז כ'האָב זיך איינגעשפּאַרט „כ'גיי נישט אַוועק ביז מ'גיט מיר נישט קיין אישור אויף אַ דירה". דער פקיד מיטן קאַפּעלע...

— אָט טאַקע דער אייגענער, וואָס ביי אונדז — האַקט איר ברכה איבער די רייד — אונדז האָט ער אויך אָנגעטאָן געברענטע צרות...

— אָבער איך, איך — זאָגט רבקה — בין אים גאָרנישט שולדיק געבליבן. פון מיר האָט ער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. צו ערשט בין איך געגאַנגען מיט גוטן: „אדון פקיד! מיט פינף קליינע קינדער, איינס קלענער ווי דאָס צווייטע, זיץ איך דאָ. דאָס איז די ירושה, וואָס מיין מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט, און אַליין האָט ער געלייגט דעם קאָפּ ביי סטאַלינגראַד — „זאַ סטאַלינאַ, זאַ ראָדינו!". אין דער מעברה איז נישטאָ אַפילו וווּ זיי צו לייגן. איינס ליגט אויף דאָס אַנדערע".

— איר הערט, שכנטע, דער פקיד האָט מיר מיט קיין וואָרט נישט איבערגעריסן. געלאָזט מיך אויסרעדן און אַז כ'האָב שוין געהאַט געענדיקט, רופט ער זיך אָפּ: „אויב אַזוי, געהערט איר אין גאַנצן נישט צו מיר"! — „צו וועמען דען געהער איך"? — „צו דער סאָציאַלע".

— ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. צו דער פרוי מיטן הינקענדיקן פוס שיקט ער דאָך מיך. דאָרט געדויערט עס גאָר יאָרן... און כ'האָב געמאַכט אַ געוואַלט: „צו וועמען שיקט איר מיך"? — „צו דער סאָציאַלע"? — „כ'בין נישט קיין סאָציאַלע! הענט, איר זעט, האָב איך געזונטע. כ'וועל אַרבעטן און אַליין דערנערן מיינע קינדער. נאָר אַ דאַך

איבערן קאָפּ, אַ שיכון גיט מיר! כ׳גיי נישט אַרויס ביז איר וועט מיר נישט געבן אַ דירה אין הדר־יוסף״.

— און כ׳האָב טאַקע אַזוי געטאָן, זיך אַוועקגעזעצט און כ׳ריר זיך נישט!... און מיטן רשיון אויף נעפט איז מיר גאָר די גאַל געקראָכן... יעדעס מאָל, ווען כ׳בין געגאַנגען אין סוכנות, האָב איך מיטגענומען מיינע פינף פיקערס. טייל מאָל האָב איך אַפילו די קינדער דאָרטן איבערגעלאָזט. „איר גיט נישט קיין רשיון — טאָ נעמט זיי און גיט זיי עסן״...

פון אָפּענעם פענצטער קעגן איבער האָט זיך געהערט אַ טומל. רבקה האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס זענען אירע „פיקערס״. זיי רייסן זיך דאָרט איבער עפּעס. זי איז אַוועקגעלאָפן אין מיטן שמועס.

ווען זי איז אַוועק פון הינטערן גויאַוועבוים, האָט שמעון וואַקסמאַן אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פון זיין טונקל צימערל און אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— וואָס מ׳קאָן זאָגן אויף איר, אָבער אַ כוואַטסקע ייִדענע איז זי דאָך.

מער ווי אַלע האָבן רבקהן באַוואונדערט די וואַקסמאַנס.

יעדן פרימאָרגן האָט רבקה זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר אַלטע אָפּיצערסקע שטיוועלעך, וואָס זי האָט נאָך מיטגעבראַכט פון פוילן און אַרויפגעקראָכן אויפן קאָזשיקל פון נאַפּטוועגעלע, געטריבן די פּרדה און ווען זי איז צוגעקומען אין מיטן שיכון, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געקלונגען מיט אַ גלעקל און ווייבער זענען אַרויסגעלאָפן מיט קאַנען און בלעכן אין די הענט. ביים גאַרטל האָט זי געטראָגן אַ לעדערנע טאָרבע מיט אַ סך קליינגעלט. אין רבקהס ראַיאָן האָט קיינער נישט געטאָרט אַריינקומען מיט נעפט. אַנדערע נעפטפירער, וואָס האָבן געהאַט ווייטערע און אָרעמערע ראַיאָנען, האָבן אַלץ געטראַכט, אַז ס׳וועט איר מיאוס ווערן דאָס פאָרן מיט אַ פערד און זי וועט בעסער גיין מאַכן „ספּאָנדזשע״, אָבער רבקה האָט זיך צוגעוווינט צו דער פּרדה, אַליין איר איינגעשפּאַנט און אויסגעשפּאַנט און אויפגעשטעלט פאַר איר אַ בלעכערן שטעלעכל. ווי נאָר זי האָט באַקומען די נעפט־קאָנצעסיע, האָט זי אָנגעהויבן שענער אויסזען. אירע באַקן האָבן גענומען פלאַמען מיט אַ מילכראָזן קאָליר, ווי ביי אַ געזונטער פּויערטע, וואָס שטייט צעפלאַמט ביים ברעג טייך און וואַשט וועש. אַ גאַנצע וואָך האָט זי די קינדער איבערגעלאָזט „הפקר״ אויפן הייפל, אויף דער

גאַס, געקאָכט האָט זי פאַר זיי ערשט, ווען זי איז אַהיימגעקומען מיטן נעפּטווּעגעלע און אַוועקגעשטעלט די פרדה אין שטאַל. אָבער שבת איז געווען איר טאָג. פרייטיק פאַר נאַכט האָט איר אויסגעפּעלט טעפּ. זי האָט אַריינגעפּאַקט אין די קינדער, ווי זי וואָלט זיי וועלן אָנזעטיקן פאַר אַ גאַנצער וואָך. שבת אין דער פרי האָט זי די קינדער אַרויסגעשיקט אין גאַס אויסגעוואַשענע און אויפגעקעמטע, מיט נייע שיכלעך און געפּרעסטע העמלדעך. ביים מכולתניק האָט זי מער נישט גענומען אויף באָרג, און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ס׳האָבן זיך צו איר גענומען שדכענען מאַנספּאַרשוינען פון שיכון.

רבקה איז ראַש צוריקגעקומען און זיך ווידער אַוועקגעזעצט הינטערן גויאַוועבוים.

— כ׳האָב געמיינט, אַז זיי שלאָפן שוין. דערווייל האָבן זיי דער־שפּירט די פרישע רעטעלעך. זענען זיי באַפאַלן דאָס קרעדענצל און נישט איבערגעלאָזט קיין איינס צום פרישטיק. שווער, שווער אויסצוקומען... יאָ, כ׳האָב ביי אייך דערשפּירט... ווען איז דאָס געווען, טאַקע נעכטן, ווען כ׳בין צוריקגעקומען מיט דער פרדה, אַ ריח פון געפּרעגלטע קאַרטאָפל. פון וואַנען האָט איר גענומען קאַרטאָפל? צי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט?...

ברכה האָט אָבער געוואָלט מיט איר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— און טאַקע אַזוי, רבקה, וואָס דאַרפט איר האָבן צו טאָן מיט אַ פרדה. איינשפּאַנען, אויסשפּאַנען, זיצן אויפן קאָזיאָל און קנאַקן מיט דער בייטש, היטן זיך פאַר אַ בריקע פון פערד. אַ מאַן טויג זיך בעסער דערצו... און איר וועט קענען צוהיטן די קינדער...

רבקה האָט דערפון נישט געוואָלט הערן.

— כ׳האָב שוין געהאַט אַ מאַן! וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? ער איז אַוועק און געלייגט דאָס קעפּל „זאַ סטאַלינאַ, זאַ ראָדינו״, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דריי פּיקערס.

— איר האָט דאָך פינף, זאָלן געזונט זיין!

— האַ, וואָס זאָגט איר? יאָ! די ייִנגסטע צוויי זענען עפּעס אַנדערש...

מער האָט מען זיך פון רבקהן נישט געקענט דערוויסן. זי איז געווען פאַרהאָרעוועט פון פאַר טאָג ביז אין דער נאַכט אַריין. די קינדער האָבן זיך אַליין געכאָוועט. איינס האָט אָנגעטאָן דאָס אַנדערע. זיי האָבן צעריסן

דאָס ברייטל אויף שטיקער, געכאַפּט מאַראַנצן און אַוועק אין שול. ערשט אין אָוונט האָט די מאַמע זיי געמאַכט וואָרעמס, געוועקט פון די געלעגערס.

— וואָס האָט עץ זיך שוין געלייגט שלאָפן? צ׳האָט דאָך היינט נאָך נישט געגעסן אַ לעפל געקעכץ. אַז צ׳וועט זיין הונגעריק, וועט עץ זיך וואַרפן אַ גאַנצע נאַכט אויפן געלעגער.

און אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן און רבקה האָט אָפּגעוואַשן דאָס געפעס — איז זי ווידער אַרויס אין דרויסן.

אונטערן גויאַוועבוים איז געווען היימלעך. מ׳איז געזעסן און גע־שמועסט. די היץ איז געווען גרויס און קיין בלעטל האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן. ברכה האָט אַלעמען מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק. אין איר אייזקאַסטן האָט קיין שטיקל אייז נישט אויסגעפעלט. די קינדער פון אַרום זענען שוין געגאַנגען שלאָפן און פון די אָפענע פענצטער האָט מען געהערט יעדן ריר זייערן אין די בעטן, צום מייסטן באַרעדעוודיק איז געווען שיפרה.

— פון מאַנס געהאַלט איז שווער אויסצוקומען. פאַר יעדן ביסן מוז מען באַצאָלן מיט גאָלד. די שפּייזקאַרטן סטייען קוים אויף איין וואָך. וואָס קאָן מען שוין דערלעבן? 200 גראַם פלייש פאַר אַ מענטשן אויף אַ חודש גיט מען. מיינער וואָלט דאָס באַדאַרפט אויף איין מאָל אין טעלער... צוקער איז אַ יקרות. נאָר דאָס שטיקל ברויט און פולווערמילך, וואָס מ׳באַקומט פאַר פּיאַסטערס. דוב יוסף האָט אונדז גוט צו רעכט געמאַכט...

— וואָס היינט איז... רופט זיך אָפּ מאַשע דעם טאַפּעצירערס — אָט וועט איר הערן נאָך עפּעס שענערס. ס׳וואָר, מ׳גיט אייער? יאָ, דריי אייער אַ וואָך. הערט איר, היט איך מיר אַזוי אָפּצונעמען די אייער, כ׳זאָל האָבן כאָטש אויף שבת. דערווייל גייט מיין מאַן אין שטאָט אַריין צו באַקומען פאַר מיין תינוק „עלעדאָן״. נעמט ער מיט די קאַרטן צום אַפּטייקער, און לאָזט אים אויסשניידן די קופּאָנען פאַר „עלעדאָן״. ער קומט זיך צוריק און קיינעם פאַלט גאָר נישט איין. ערשט כ׳גיי דאַנערשטיק אין מכולת אַריין און וויל אָפּנעמען די אייער. אַ נעכטיקער טאָג! איר האָט דאָך שוין נישט די קופּאָנען, זאָגט דער מכולתניק. וואָס הייסט, כ׳האָב נישט? — נעם איך זיך שפּאַרן. אַהין און אַהער. ווייסט איר, וואָס ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן? דער אַפּטייקער האָט צוגעלקחנט די קופּאָנען פון די אייער.

ערשט איצט איז מיין מאַן געווען אַ גרויסער חכם. „ס'איז מיר באַלד נישט געפעלן געוואָרן — זאָגט ער — וואָס דאָס געלע אַפּטייקערל איז אַריין מיט די קאַרטן אין צווייטן צימער און דאָרט אויסגעשניטן די קופּאָנען״...

דאָס געשריי פון די שאַקאַלן האָט זיך וואָס אַ מאָל מער דערווייטערט פון שיכון. אַרום האָבן זיך געגומען בויען צוויי־משפחה־הייזער. די פלעמ־לעך האָבן אַריינגעבליצט ווייט אין פוסטע פעלדער און די שאַקאַלן האָבן געוויִעט שטילער, מורא געהאַט אַריינצוקומען אין שיכון אַריין. שמאָלע אַספאַלט־שטעגן האָבן געגומען באַדעקן די אויסגעטראָטענע זאַמדוועגלעך. אין גאַסן־ווינקלען האָבן אויפגעבליצט גרויסע נאַכטלאָמפּן, אָבער ביי שמעון וואַקסמאַן אין צימערל איז נאָך אַלץ געבליבן ווי געווען. ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ פּאָר הונדערט זייטן אויף גרויסע בייגנס פּאַפּיר, מיט אַ סך צייכענונגען. יעדער שטריך איז געווען באַצייכנט מיט אַ נומער און אַ פּאַרטייטשונג. צום סוף האָבן זיך געפונען עטלעכע בלעטלעך, גע־דיכט באַשריבן מיט בלויז ציפערן, אָבער אַזעלכע לאַנגע שורות ציפערן, וואָס נאָר מיט אַ גרויסער רעכן־מאַשין איז זיי מעגלעך אויפצוגעמען. ער איז געווען פאַרזונקען אין די בלעטער פּאַפּיר, געזוכט, געגישטערט, געמעקט און ווידער פאַרצייכנט.

שפּעט ביי נאַכט האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ מידער, און אַרויסגע־גאַנגען כאַפּן אַ ביסל לופט אונטער דעם גויאַוועבוים.

אַרום איז אַלץ געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, אָבער שמעון וואַקסמאַן האָט אַפילו נישט געטראַכט פון שלאָפן. ער האָט זיך געדרייט אונטערן גויאַוועבוים און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ער איז דער שומר פון גאַנצן שיכון.

— אָבער דאָס — האָט ער מיט זיך גערעדט — איז דאָס סאַמע שווערסטע — אין גאַנצן אַוועקוואַרפן די „טעמפּעראַטור־טעאָריע״ און זיך נעמען צום „פאַרפרירונגס־סיסטעם״ הייסט אַרויסגעוואָרפן דריי יאָר אַרבעט אין גאָס אַריין... אָבער ווער וועט דאָס וועלן הערן פון אַזאַ קאַל־קולאַציע, ווי ער האָט דאָס אויפגעשטעלט? פריִער אָדער שפּעטער, און ער וועט מוזן פון זיין גאַנצן פּלאַן רעזיגנירן. יאָ, דער פאַרפרירונגס־סיסטעם איז מער רעאַלער, אויך ביליקער. די זאַלצן און כעמיקאַלן בלייבן

פון אויבן אויף די אייזבלאָקן און ס׳איז לייכט די אייבערשטע שיכטן מע־כאַניש אַראָפּצוקראַצן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגעגאַנגען ביי די פענצטער פון הויז. דאָס גערטנדל איז געווען פאַרגרינט. די ציבעלעס זענען געשטאַנען שטייף און די מייערן־בייטן זענען געווען ווייך אויסגעקעמט. פונעם אָפּע־נעם פענצטער האָט ער געהערט ווי די קינדער אָטעמען.

— עקספּערימענטן אויפן חשבון פון ווייב און קינדערס טאָג־ברויט — האָט ער גערעדט צו זיך.

דער געדאַנק האָט אין אים עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט זיך געפילט ווי שולדיק אין אַן אָפּגעטוענער עבירה. ווידער האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס טראַכט ער אַליין אויף זיך אויס אַ בלבול צו האָבן געטאָן אַן עבירה, וואָס ער איז קיין מאָל נישט באַגאַנגען. אַזוי האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעקריגט מיט זיך אַליין, ביז ס׳איז אים אונטערגעקומען אַזאַ גע־דאַנק: מאָרגן וועט ער איר זאָגן. וועט זי באַשטיין, איז גוט, אַליין וועט ער גאָרנישט אויספירן. ער מוז האָבן אַ שותף דערצו. ברכה, ווייסט ער, איז ערלעך. קיין ערלעכערן מענטש ווי זיין ברכה איז, האָט ער אין זיין לעבן נישט באַגעגנט. מוז זי אים טאַקע אַקעגנקומען. קיין סך אַריינצוליגן אין שותפות פאַרלאַנגט ער דאָך נישט פון איר. אָבער דער איינער באַדינג איז אויך שווער. און ער וועט עס איר קורץ אויפקלערן.

— הערסט, ברכה, ווי לאַנג איך וועל נישט אַרויס מיט מיין זיס מאַכן ים־וואַסער, האָב איך נישט פאַר דיר מער, ווי ברויט מיט מילך. ביידע זאַכן זענען ביליק. מיט דעם מוז מען זיך דערנערן, אפשר אַ יאָר, צוויי, און ס׳קאָן אויך זיין דריי... וואָס מ׳באַקומט אויף די קאַרטן — פאַר די קינדער! באַשטייסט?

ער האָט שוין געוואָלט אַריינלויפן, זי אויפוועקן פון שלאָף. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ס׳וועט טאָג ווערן, וועט דער געדאַנק צערונען ווערן צוזאַמען מיט דער נאַכט, אָדער ער וועט אים נישט קענען איבערגעבן מיט דער זיכערקייט, ווי ער קלאַפּט איצט אין זיינע שלייפן. ער איז שוין צוגע־לאָפן צו דער טיר, אָבער ווען ער איז אַרויף אויפן דריטן טרעפּל, האָט פון דער ים־זייט אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל, און ער איז געבליבן שטיין זיך אַ ביסל אָפּצופרישן.

דאָס ערשטע האָט געגומען בלײַען דער גויאַוועבוים. זינט מ׳האָט אים אַרומגעשניטן, האָט ער זיך אַ הייב געטאָן אין דער הייך. זיינע צווייגן פאַרדעקן שוין דאָס פענצטער און שפּרייטן זיך אין אַלע זייטן. די העל־גרינע בלעטער ווערן וואָס אַ מאָל טונקעלער, שפּיציקער און שטופּן אַרויס בלײַעכץ־וואָרצלען ווי פון מילך־ברוסטן. צו מזרח־זייט שטייט ער שוין אין גאַנצן איינגעטונקט אין בלײַעכץ, ווי אַ חופּה־קלייד באַשאָטן מיט העל־ראָזע קאָנפעטי. זיינע אונטערשטע צווייגן זענען צעשאָטן, ווי ער וואָלט זיך געדרייט אין אַ הוירא־טאַנץ, און וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער „שיסן" זיינע שפּיצן אין הימל אַריין. אַז מ׳קוקט זיך גוט איין, זעט מען, אַז ער בליט נישט מיט איין מאָל. יעדע צווייג גייט זיך איר אייגענעם גאַנג. אין דער צייט, ווען אויפן שפּיץ בוים זענען שוין די קנאָספּן אָפּן, דאָס בלײַעכץ שיט זיך און עס סטאַרטשען אַרויס געלבלעכע וואָנצעס, אונטער וועלכע ס׳הייבן זיך אָן וויקלען גרינע קעפּעלעך־פּרוכט — שטייען נאָך אונטן די צווייגן פעסט־פאַרמאַכטע, די בלעטער זענען דיקע און געזונטע, און ס׳מערקט זיך נישט קיין שום סימן, אַז זיי זענען טראָגנדיק מיט פּרוכט.

ווי נאָר די קינדער האָבן דערזען דעם צעבליטן בוים, זענען זיי שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן. מער ווי אַלע האָט געקלעפּט ביים בוים מאירל. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן שפּיץ בוים און אַראָפּגעשריגן.

— מאַמע!

— גיי אַראָפּ! וועסט נאָך חלילה אַראָפּפאַלן.

— מאַמע, כאַפּ מיך — און ער איז צו להכעיס אַרומגעשפּרונגען ווי אַ וועווערקע.

— אָט דאָס זענען די סאַברעס — שרייט ברכה צו די שכנטע — מ׳קאָן מיט זיי גאָרנישט מאַכן.

אַז מאירל האָט דערזען דעם גאָרטן מיט צייטיקע ירקות און דעם גויאַוועבוים אַ צעבליטן, האָט ער זיך געפילט מעשׂה בעל־הבית פון אַ זאַטיק שטיק ערד.

מאירל איז אַ פלינק און דרייסט ייִנגל. זיין בלאָנד קעפּל האָר זעט אויס, ווי זאַנגען פון אַ צייטיק קאָרנפעלד. יעדן פרעמדן, וואָס קומט צו צום הויז, באַגעגנט ער מיט אַ שיין־קלינגענדיקן „שלום". ער פאַרשט באַלד, וואָס

דער פרעמדער וויל. ער שטייט מיט איין פוס פון אונטן. דאָ איז זיין באָדן, זיין ערד און זיין היים. יעדער עראָפּלאַן, וואָס פליט אַדורך, איז אַן אונדזע־ריקער; די קינדער פון הדר־יוסף פילן, אַז קיין פרעמדער פייגטלעכער עראָפּלאַן קאָן זיך דאָ נישט באַווייזן. יעדער שטערן, וואָס גייט אויף אויפן הימל, איז אַ ישראלדיקער. יעדער וואָלקן, וואָס ברענגט רעגן, ברענגט אים פון ישראל־ים.

מאירל איז אַ באַרעדעוודיקער און האָט ליב צו פרעגן אַ סך שאלות. אַז דער טאַטע דערציילט אים, אַז ער הייסט נאָך זיין זיידן, וואָס איז דער־הרגעט געוואָרן אין פוילן דורך די נאַציס, שטעלט ער אָן אַ פּאָר פּאַרחי־דושטע אויגן:

— דו האָסט געהאַט אַ טאַטן?

— אַוודאי, געהאַט אַ טייערן טאַטן.

— און אַ מאַמע אויך?

— יאָ, אַ טייערע מאַמע.

— נו, ווו זענען זיי?

— די דייטשן האָבן זיי צוגענומען, אַריינגעזעצט אין קאַלך־וואַגאָנעס און אַוועקגעפירט.

— און דו האָסט זיי געלאָזט צונעמען?

דער טאַטע הייבט אים אָן עפּעס אויסטייטשן, אָבער מאירלען קאָן גאָרנישט אַריין אין קאָפּ און מיט אַ בייזן בליק גיט ער נאָך אַ מאָל אַ פרעג.

— און דו האָסט דיין מאַמען געלאָזט צונעמען?...

נאָך אַזאַ שמועס גייט מאירל אַוועק אַ ברוגזער און אַ סך טעג קאָן ער נישט אַריינקוקן דעם טאַטן אין פּנים. ער האַלט זיך נאָר ביי דער מאַמען, ווי ער וואָלט זי היטן, ס'זאָל זי קיינער נישט צונעמען...

פּאָר טאָג, ווען דער מילך־הענדלער פּאָרט אַריין מיטן וועגעלע, קאָן ער זיך נישט אָפּוווּנדערן.

— קיין עין־הרע, וואָס פּאָר אַ בוים ס'איז אויסגעוואַקסן.

ס'רינגלען אים אַרום ווייבער מיט טעפּלעך און וואַרטן ער זאָל זיי אָנגיסן מילך. יעדע ציט וואָס לענגער אויס די האַנט מיטן טעפּל, ווייל זיי

ווייסן, אַז מער ווי צוויי קאַנען מילך פאַר דעם הייזער־בלאָק האָט ער נישט.
אַז ברכה קומט אַרויס, הייבן זיי באַלד אָן אַ שמועס וועגן בוים.

— שכנטע, גיט דעם בוים מער וואַסער. איצט דאַרף ער דאָס האָבן.
דאָס בליִעכץ ציט פון אים.

— איך זשאַלעווע דען אים? — זאָגט ברכה, און ס'טוט איר אַ הנאה,
וואָס מ'זעט איר בוים — איר זעט דאָך, ווי מ'היט אים אָפּ. דאָס גראָז אַרום
איז אויסגעוואָרצלט, דער שטאַם איז אָפּגעקאַלכט און די וואַסער־קישקע
ליגט אים צופוסנס.

— היט אים, היט אים — זאָגט בלומע — מיר וועלן האָבן די ערשטע
גויאַוועס אין הדר־יוסף פון אייער בוים.

נאָך מיטאָג זיצן אונטערן גויאַוועבוים די קינדער פון די נידעריקע
קלאַסן. זיי קוקן אַרויף צום שפּיץ.

— אָ, וועט דאָ זיין באַרנעס...

— ס'איז דאָך אַ גויאַוועבוים — זאָגט מאירל.

— וואָס פאַר אַ טעם האָבן גויאַוועס?

— איך האָב זיי שוין געגעסן. מותק זענען זיי! זיי זענען אַ ביסל
זיסלעך־זויער, און אַזאַ ריח האָבן זיי — ווי געווענדזלטע פיש.

— אָ, ווי געפּרעגלטע פילע — באַלעקט זיך יוסי.

— מאירל, וועסט אונדז לאָזן רייסן גויאַוועס?

— פאַר וואָס נישט? — זאָגט מאירל מעשה בעל־הבית.

— זע נאַר, מאירל, אַז ביי נאַכט זאָלן דיר נישט מסתננים פאַרדאַרבן
דעם בוים. מ'זאָגט, אַז זיי רייסן אויסביימער...

— איך וועל זיי געבן! ווען איך וועל גרויס ווערן, וועלן מיר צו זיי
אַריבערגיין און זיי פאַרטרייבן, ווײַט, ווײַט!

— ווער וועט גיין?

— אונדזער גאַנצע כיתה וועט גיין

— יאָ, יאָ, אַלע וועלן מיר גיין — שטייען אויף די קינדער און שטעלן
זיך אויס אין אַ שערענגע, אָרעם ביי אָרעם.

און אַזוי שטייענדיק פאַלט זיי גאָר איין עפּעס אַנדערש.

— קומט, וועלן מיר זיך מעסטן. זעסט מאירל, איך דערגרייך שוין
דעם גויאַוועבוים ביז די צווייגן.

דער גויאַוועבוים

— און איך ביז אַ דאָ!

— עי, דו האָסט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער...

קיינער האָט נישט אַזוי קרום געקוקט אויפן גויאַוועבוים, ווי זשובאַלי. ער איז צוזאַמען מיט די וואַקסמאַנס אַריין אין הויז. ער האָט אויך געפלאַנצט ביימלעך אין זיין גערטנדל, אָבער זיינע ביימער זענען געווען אַקאַציע. ס׳איז אים נישט געקומען אויפן געדאַנק צו פלאַנצן אַ פּרוכטבוים. וואָס מער דער גויאַוועבוים האָט געשפּרייט זיינע בלעטער, אַלץ בייזער איז ער געוואָרן אויף די וואַקסמאַנס. דאָס זענען די אַשכנזים — האָט ער געטראַכט — זיי ווילן דיר נישט אויסזאָגן, וואָס מ׳דאַרף צו טאָן, קיין עצה נישט געבן. אויך זיינע קינדער זענען געלעגן ביים גויאַוועבוים. עס האָט זיך אים אַפילו אויסגעדאַכט, ווי זיי וואַקסן מיטן בוים צוזאַמען. די פיסלעך ווערן לענגער און די הענטלעך שפּרייטן זיך אויס, ווי די צווייגן, אָבער ער, זשובאַלי, האָט זיי געטריבן און נישט געלאָזט זיצן אונטערן בוים, ווי זיי וואָלטן אַריינגעגאַנגען אין אַ מאַכמעדאַנישן מעטשעט. פאַר זשובאַלין האָט יעדער מורא געהאַט. קיינער האָט מיט אים נישט געוואָלט האָבן צו טאָן. ער איז געווען אַ גברן, און אַז ער איז אַרויס אָן העמד, האָט זיך געדאַכט, ווי ער טראָגט אויף זיין הויט אַ פעל פון אַ שוואַרצן בער. ער האָט ליב געהאַט צו שרייען הויך, אַפילו ביי נאַכט, און אַז ער האָט גענומען שלאָגן זיינע קינדער, האָט זיי קיינער נישט געקענט אַרויסרייסן פון זיינע הענט.

איין מאָל אין אָוונט איז ער אַריין צו די וואַקסמאַנס מיט אַ רוגזה, און אַז ער האָט גענומען רעדן, איז אים גלייך אַרויסגעקומען אַ ווייַסע שוים אויף די ליפּן. ער האָט אַלע מינוט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און געטאַפּט דאָס מעסער. ברכה מיט די קינדער האָבן זיך באַהאַלטן אין קיך און פאַרשלאָסן, אָבער וואַקסמאַן איז אַרויס פון זיין צימערל, אים רויִק אַקעגנגעגאַנגען.

— זיצט, שכן!

— כ׳וויל נישט זיצן — האָט זשובאַלי אַ דונער געטאָן — איר אַשכנזים באַליידיקט אונדז. מאירל האָט מיין מיידל גערופן „שוואַרצע" און...

דער לעצטער פון באַשאַף

— זיצט, וועל איך מיט אייך רעדן!

— כ׳וויל נישט זיצן!

וואַקסמאַן איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי ברייט געעפנט.

— אויב דו ווילסט נישט זיצן — אַרויס!

זשובאַלי האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. דאָס ערשטע מאָל טרעפט, אַז ווער פון די שכנים זאָל זיך אים אַקעגנשטעלן. אַלע, ווייסט ער, ציטערן פאַר זיינע פויסטן. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי מ׳וואַרפט אים אַראָפּ די קרוין פון קאָפּ. ער האָט געוואָלט אויפהייבן אַ האַנט, אַ בענקל, אָבער אין די אויגן פון דעם דאַרן אַשכנזי האָט ער קיין שום פחד נישט באַמערקט. פאַרקערט, ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי דער בעל־הדירה וואַרט נאָר, ער זאָל אָנהייבן, און ער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט זיך מיט אים אָפּצורעכענען פאַר אַלע צייטן. זשובאַלי האָט זיך געוואַקלט וואָס צו טאָן: זיצן אָדער אַרויסגיין? זיצן האָט ער אָבער ביי קיין פאַל נישט געקענט. איז ער אַרויס שעלטנדיק אויף אַראַביש...

פון דעמאָלט אָן זענען די וואַקסמאַנס מיט זשובאַלין געוואָרן שונאים, אָבער זשובאַלי האָט זיך צו זיי וויניקער געטשעפּעט, ווי צו אַנדערע. זיינע קינדער האָט ער געלאָזט זיצן אונטערן גויאַוועבוים, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען. נאָר ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען פאַר וואַקסמאַנס גערטנדל, איז ער געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און קיין מאָל קיין בליק נישט געטאָן, נישט אויף די וואַקסמאַנס און נישט אויפן גויאַוועבוים.

אָבער איין מאָל, אין מיטן נאַכט, זענען פּלוצעם אין שיכון אַריין אָנגעקומען מיליטערישע רופּבאַפעלן. אַ סמל האָט געהאַלטן אַ רשימה אין האַנט און געזוכט רעזערוויסטן, באַלד האָט מען געהערט אַ קלאַפּן אין די טירן.

— ווו וווינט דאָ שמעון וואַקסמאַן?

וואַקסמאַנס דירה איז געשטאַנען מיטן פענצטער צום וועג־צו. ער האָט דערהערט זיין נאָמען און זיך אָנגערופן:

— דאָס בין איך.

— אויפשטיין און אָנטאָן זיך! — האָט אַ שנייד געטאָן אַ באַפעל.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, זענען שוין אויפן שוועל געשטאַנען צוויי מיליטער־לייט, זיי האָבן געלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל.

— און ווו ווינט דאָ זשובאַלי?

— מיין שכן! דאָ אויף די טרעפּן.

וואַקסמאַן האָט אַפילו נישט געפרעגט וואָס און ווען. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז מ׳רופט אים אין זיין מיליטערישער איינהייט. ער האָט זיך אין איילעניש אָנגעטאָן און געוואַרט. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט און אים געהאָלפן איינפּאַקן אַ קליין טלומיקל. צו ערשט האָט זי די קינדער נישט געוואָלט איבערוועקן, אָבער זי האָט נישט געקענט מיט זיך דורכקומען דער פאָטער זאָל זיך מיט זיי נישט געזעגענען. וואַקסמאַן האָט זיך אַריבערגע־בויגן איבער די בעטלעך, געקושט מאירלען און יוכבדן, ביי די קינדער האָבן די אויגן זיך געקלעפּט און זיי זענען צוריק איינגעשלאָפן. וואַקסמאַן איז געווען גרייט. דערווייל איז אַראָפּגעקומען זשובאַלי באַגלייט פון די זעלנער. ווען ער האָט געזען ווי זיין שכן שטייט שוין גרייט מיטן רוקזאַק אויף דער שוועל, האָט ער זיך ווי אַ וואַקל געטאָן. צו ערשט האָט ער געוואָלט פאַרבייגיין, אָבער זיינע פיס האָבן זיך פאַרהאַלטן. ער איז צו צו דער טיר, ווו וואַקסמאַן איז געשטאַנען און אים אָנגענומען אונטערן אָרעם.

— קום, ברודער!

און ביידע — אַקסל ביי אַקסל — זענען זיי אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

מער ווי 15 שילינג האָט וואַקסמאַן זיין ווייב אין געלט־טאָרבעלע נישט איבערגעלאָזט.

אויף צו מאָרגנס, ווען ברכה איז אַריינגעגאַנגען אין מכולת קויפן ברויט, איז געשטאַנען אַ גרויסע ריי. דער מכולתניק האָט זיך נישט גע־איילט צו עפענען, און די ווייבער האָבן הויך גערעדט:

— ער נעמט דאָרט חלה...

— ער באַהאַלט אַלץ.

— אַז ס׳איז מלחמה, ווילן זיי דאָך רייך ווערן...

— איינער גייט לייגן דעם קאָפּ אויף דער מלחמה, און דער צווייטער מאַכט דערווייל געלט...

פון געבן אויף באָרג איז שוין נישט געווען קיין רייד. די ערשטע, וואָס זענען אַריינגעקומען אין מכולת האָבן געקויפט, וואָס ס׳האָט זיך

געלאָזט אויף זאַפּאַס, אויך ברכה האָט אויסגעגעבן ביזן לעצטן פּיאַסטער און דאָס טאָרבעלע איז ליידיק געוואָרן.

— וואָס וועט ווייטער זיין? — איז זי געווען פאַרקלעמט.

זי האָט אַרומגעגנישטערט אין שטוב עפּעס צו פאַרקויפן, אָבער ווער האָט געהאַט דעם קאָפּ צו קויפן זאַכן? זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן בוים. אויפן שפּיץ, האָט זי דערזען, האָבן זיך גענומען געלבלען צייטיקע גויאַוועס.

— מאירל! — האָט זי זיך צעשריגן — זע נאָר!

מאירל האָט אויף דעם געוואַרט. ער האָט מיטביידע הענט אַ כאַפּ אַרום געגעבן דעם שטאַם און אין איין רגע איז ער געווען אויף זיין שפּיץ.

צו ערשט האָט ער גענומען פליקן פון אַלע זייטן און אַריינגעוואָרפן די גויאַוועס אין העמד אַריין. דאָס העמד איז געוואָרן אָנגעבלאָזן, און ס׳האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון אונטערן פאַסיק.

— גיב אַ טרייסל! האָט די מאַמע אַרויפגעשריגן.

ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צייטיקע גויאַוועס און ברכה האָט זיך צעשריגן.

— שויך, גענוג!

מאירל איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען און אויסגעשאָטן די גויאַוועס פון העמד. ברכה האָט איילִיק אויפגעקליבן די פרוכט פון אונטערן בוים.

און אַזוי ווי זי איז געשטאַנען איינגעבויגן, קלייבנדיק די גויאַוועס, האָט זי דערזען פאַר זיך אַ שטיקל האָפענונג אויף פּרנסה. ווער וועט דאָס נישט קויפן גויאַוועס? — האָט זי געטראַכט — זי האָט אַלץ אַריינגענומען אין שטוב. דאָס ערשטע האָט זי אָנגעשאָטן דאָס מילך־טעפּל.

— מאירל, טראָג אַריין דאָס טעפּל גויאַוועס צום מכולתניק און בעט דערפאַר אַ האַלבן פונט!

מאירל איז געקומען צוריקצולויפן מיטן געלט אין האַנט.

— מאַמע, ער וויל נאָך!

— נאַ, טראָג אַריין נאָך א טעפּל, אָבער נעם נישט קיין געלט. זאָל ער דיר געבן אַרבעס מיט מעל.

אין שטוב איז היימלעכער געוואָרן. פון ברכהס קיך איז אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע פון וואַרעם געקעכץ. פון דעם טאָג אָן האָט זי מער צוגעהיטן דעם גויאַוועבוים. טייל מאָל, אַז זי האָט אים אונטערגעגאָסן מיט

וואַסער, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז איר נייער פּרנסה־געבער. ס׳האָט איר געגומען באַמבלען אין קאָפּ, אַז שמעון אַליין האָט איר וועגן געזאָגט: „ווי לאַנג איך וועל נישט זיין אין דער היים, וועט ער דיר געבן צום לעבן״. צי דאָס איז געווען אין חלום, אָדער אויף דער וואָר — האָט זי נישט געוווּסט. אָבער איין זאַך איז פּאַר איר יאָ קלאָר געוואָרן: זינט שמעון איז אַוועק, האָט זיך דער גויאַוועבוים אין גאַנצן פאַרענדערט. טייל מאָל, ווען זי גייט נאָר אַריבער די גאַס, קוקט זי זיך אום, ווי דער בוים וואָלט זי גערופן. און דעמאָלט זעט זי ווי דער גויאַוועבוים זעט אין גאַנצן אויס ווי אַ מענטש: אַ מאָל לאַכט ער און אַ מאָל איז ער אָנגע־כמאַרעט. טייל מאָל וויגט ער זיך אין ווינט און הערט נישט און זעט נישט קיינעם אַרום זיך, אָט פּונקט אַזוי ווי שמעון, ווען ער זיצט אין זיין צימערל, אַריינגעטאָן אין זיינע פּאַפּירן מיט די פלעשעלעך און ספּירט־לעמפּל... נאָר אַז ס׳איז ווידער אין טאָרבעלע נישטאָ קיין פּיאַסטער, דרייט זי זיך אַרום אים, און דער גויאַוועבוים עפנט ווידער זיין טײַסטער, שיט מיט גרויסע פּיאַסטערס, וואָס איר דאַכט זיך אויס, אַז דאָס זענען גויאַוועס. פּונקט אַזוי האָט געטאָן שמעון: ער פלעגט עפענען די טיר פון זיין צימערל און איר אָנשיטן אַ ביסל קליינגעלט צו גיין אין גאַס איינקויפן חיונה... ברכה שטעלט זיך פון וויטנס, קוקט גוט אָן דעם בוים, און אַ פרייד גייט אויף ביי איר. ווי יונג ער איז, ווי שטאַרק, פול מיט פרוכט, און ער וועט זי קענען שפּייזן מיט די קינדער...

אין אָוונט איז צוגעקומען צום גויאַוועבוים זשובאַליס ווייב. ווי נאָר זי האָט געהאַט געזען, אַז איר מאַן איז אַוועקגעגאַנגען מיט וואַקסמאַנען אונטערן אָרעם, האָט זי אָנגעהויבן זיך חברן מיט ברכהן.

— אַזוי ווי זיי זענעןביידע געגאַנגען געזונטערהייט, זאָלן זיי צוזאַמען צוריקקומען געזונטערהייט!

די זשובאַלי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אוי, ווי זעט מען אים שוין. אַזוי, אַז אַ מאַן איז אין דער היים, שאַצט מען גאָרנישט אָפּ. גייט ער נאָר אַרויס פון הויז — פעלט ער דיר אין יעדן ווינקל.

— און ווי ביי מיר זעט אויס! עס גלוסט מיר נישט עפּעס צו טאָן אין שטוב.

דער לעצטער פון באַשאַף

— אייך, שכנטע, איז נאָך גוט — זאָגט די מאַראָקאַנערין — איר האָט כאָטש אַ שטיקל שפּייזער...

ברכה האָט זיך דערשראָקן.

— וועמען האָב איך?

— נו, כ׳מיין דעם גויאַוועבוים. איר מיינט, מען זעט נישט וויפל טעפּלעך גויאַוועס איר טראָגט אַוועק אַ טאָג צו פאַרקויפן...

— אַ, דאָס מיינט איר — האָט זיך ברכה באַרויִקט — מיינע שונאים זאָלן האָבן אַזעלכע הילצערנע שפּייזער.

— פון דעסטוועגן איז אייך אַ ביסל לייכטער. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע קינדער? מ׳זאָגט, זיי וועלן געבן פאַר אויסהאַלט, אָבער דערווייל זעט מען נאָך נישט קיין פּיאַסטער...

דער ערשטער איז שיכּור איז אַהיימגעקומען זשובאַלי. ער איז געוואָרן נאָך מער אויפגערעגטער און דרייסטער. צו ערשט איז ער אַריין אין מכולת און געפאָדערט, אַז דער הענדלער זאָל אַרויסלייגן אַלע שפּייזן.

— שוין נאָך דער מלחמה — האָט ער געשריגן — אויב דו וועסט באַהאַלטן און נעמען הינטן־אַרום אויפגעשרויפטע פּרייזן, וועל איך מיט דיר מאַכן, ווי כ׳האָב געמאַכט הינטער עזה מיט די אַראַבער — און ער האָט אַ צי געטאָן מיט אַ פינגער, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַן עוזי אין האַנט.

ברכה איז אים נאָכגעלאָפן, געפרעגט עפּעס וועגן איר מאַן, אָבער זשובאַלי האָט איר געזאָגט, אַז מער ווי עטלעכע טעג זענען זיי נישט געווען צוזאַמען, און ווען די שלאַכטן זענען אויסגעבראָכן, האָבן זיי זיך צעשיידט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען.

פון דעמאָלט אָן איז פאַר ברכהן יעדער טאָג געוואָרן אַ יאָר. אַלע טאָג איז ווער צוריקגעקומען פון פראָנט, אָבער שמועלן האָט מען אַלץ נישט געזען. ערשט אין זעקס וואָכן אַרום איז ער פּלוצעם אַריינגעקומען אין שטוב. ברכה האָט געזען, אַז ער האָט זיך קיין סך נישט געענדערט, נאָר זיינע אויגן האָבן אַ ביסל ווילדער אויסגעזען און זיין שטימע איז געוואָרן האַרטער. דאָס ערשטע האָט ער געפרעגט:

— נו, ווי ביסטו אַדורכגעקומען?

— כ׳האָב געהאַט אַ שפּייזער...

און זי האָט אַ ווייז געטאָן אויפן גויאַוועבוים.

שמעון איז אַרויס אויפן הויף. ער האָט אָנגעקוקט דעם בוים, און מער קיין פּרוכט נישט געזען. ס׳איז אים געווען שווער צו גלייבן וועגן דער ברכה, וואָס האָט אויף אים געדוט, אָבער מאירל האָט זיך אַריינגעמישט:

— אבא, האָט זיך דאָ געשיט גויאַוועס!...

מאירל האָט דערזען, ווי אויפן שפּיץ בוים הענגט נאָך אַ גויאַווע. פלינק האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן שפּיץ און געבראַכט די פּרי.

— נאָ, אבא, פּאַרזוך...

שמעון האָט איינגעביסן די פּרוכט. טויזנט טעמים האָט ער אין איר דערפילט. ער האָט די גויאַווע אין גאַנצן אויפגעגעסן. דערנאָך איז ער אַריין צו זיך אין צימער. אַ קוק געטאָן, ווי ער האַלט דאַרטן מיט זײַנע פּלענער. ער האָט צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן. „פון איין מלחמה אַרויס און אין דער צווייטער אַריין”, אָבער איצט, אין דער מלחמה, איז ער אַליין דער סאָלדאַט און אַליין דער גענעראַל. אַליין דאַרף ער באַפעלן און אַליין דעם באַפעל אויספירן... און ס׳וועט זיין שווערער ווי אין סיני... און לענגער וועט עס אויך דויערן... מיט קיין „בליץ־מלחמה” קאָן מען דעם ים נישט באַזיגן. ער האָט געוואָרפן די באַשריבענע בלעטער אַהין און צוריק, באַטראַכט זיי מיט רויִקייט, ווי אַ סטראַטעג פּראָנט־מאַפּעס. אַזוי האָט עס געדויערט שעהען לאַנג, ביז דער „סאָלדאַט” האָט זיך אין אים ווידער אָפּגערופן. ער האָט מאַרשירט אַהין און צוריק אין זיין ענג צימערל און אַריינגעטראַכט אינעם גרויסן פּאַרנעם פון דעם נאַטור־שונא...

ביים ירקון

די זיבן-טויזנט-טאָניקע שיף „עצמאות", פול־געפּאַקט מיט נייע עולים, הוידעט זיך עטלעכע מייל פון חיפהער ברעג און וואַרט ס׳זאָל טאָג ווערן, כדי אַריינצופאָרן אינעם פּאָרט. דערווייל איז נאָך פינצטער. די עלעקטרישע לעמפּלעך פון דער יבשה הייבן זיך פון דער נידער ביי די ברעגעס און סדרן זיך אויס וואָס אַ מאָל העכער און העכער, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעהאָנגען אָן יעקבס לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און איר שפּיץ גרייכט אין הימל אַריין. וואָס העכער און ווייטער, איז טאָקע שוין אוממעגלעך אונטערצושיידן לעמפּל פון שטערן. ערשט ווען די נאַכט־גרוי־קייט שפּאַלט זיך און אַ שטיק הימל ווי אַ גרויס, גרוי איי לייגט זיך אויס אויף די שפּיצן פון כרמל־באַרג, שיילט זיך אַרויס פונעם שפּיץ באַרג אַ גאָלדענער קופּאָל, וואָס צינדט זיך אָן מיט רויטן זון־פלאַם, און נעמט שטי־פּעריש ווינקען אינעם פאַרשלאָפענעם ים־בעקן. דעמאָלט איילן צום ברעג פאַליענדיקע כוואַליעס. די שיף טוט זיך אַ וואָרף ווי אַ ריזן־בער וואָלט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער, זי דערנענטערט זיך צום האַפן, און לאָזט זיך פאַרקניפּן מיט דער יבשה.

ס׳איז געווען פּסח־צייט. דער פרילינג האָט נאָך געהאַט דער מאַמעס ערד־מילך אויף די ליפּן. יעדעס שטיקל ערד איז געווען אָנגעזאַפּט ווי אַ פולער אייטער, און גרינע גראָזן האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צום נייעם לעבן. איןביידע זייטן שאָסיי זענען די פעלדער געווען באַגרינט, און דער דופט פון מאַראַנצן־בליִעכץ האָט פאַרשיכורט.

•

מיכאַלס וועג איז געווען אַ לאַנגער און שווערער, ווי פון רוב ניצול־געוואָרענע, וואָס האָבן דעמאָלט מיט דער מאַסן־עליה געשטראָמט אין לאַנד אַריין.

„לחם לאכול ובגד ללבוש" — האָט מיכאל באַרוך מיט זיך אָפּגעמאַכט. דער באַגער פון די אָבות, באַנייט דורך די אייניקלעך פון דער שארית־הפליטה. אָבער אייגן ברויט איז דעמאָלט אין לאַנד געווען זייער ווייניק, און נאָך שווערער איז עס געווען מיט בגד ללבוש. אַ העמד איז געווען אַ וויכטיקע זאַך. אמת, נישט ווייט אין דעם ראַיאָן וואַקסט בוימוואָל אויף די פעלדער, אָבער צו די ברעגעס פון נילוס קאָן מען נישט צוקומען, און בוים־וואָל באַקומט מען נאָר געקויפט פאַר פרעמדער וואַלוטע — דאָלאַרן.

שוין אויף צו מאָרגנס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז צו מנוחה איז אויך נאָך ווייט. דאָס לאַנד איז דעמאָלט געווען ערשט נאָך דער באַפרייַונגס־מלחמה, און ווער ווייס וואָס ס'קאָן נאָך געשען?

ער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב און קינד אין דורכגאַנגס־לאַגער, „שער העליה", און אַליין האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט צו זען דאָס לאַנד.

ער האָט געוווּסט, אַז אין ישראל זענען פאַראַן צוויי טייכן: דער ירדן און דער ירקון. אָבער צום ירדן, האָט מען אים געזאָגט, איז נישט פאַראַן קיין פרייער צוטריט. דער טייך ליגט האַרט ביי דער גרענעץ און תמיד קומען דאָרט פאַר שיסערייען צוליב עפּעס אַ סיכסוך, אָדער סתם־אַזוי אַן אַ פאַרוואָס. דער איינציקער טייך, וואָס ליגט אין מיטן לאַנד, איז דער ירקון.

אין יענע יאָרן, איז נאָך דער ירקון געווען אין זיין פולן גלאַנץ. זיינע קוואַלן קאָלערן זיך פון די בערג ביי ראש־העין, לענג־אויס דעם פלאַכלאַנד, און שלענגלען זיך דורך דעם צפון פון תל־אביב, ביז זיי פאַלן אַריין אין מיטללענדישן ים.

איידער מיכאל איז צוגעקומען צום ירקון־ברעג, האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט, אַז דער ירקון מוז זיין אַזאַ טייך, ווי די ווייסל אין פוילן, אָדער ווי דער דניעפּר אין רוסלאַנד. אָבער אַז ער איז צוגעקומען צו זיינע ברעגעס, האָט ער דערזען אַ שמאָל וואַסערל, וואָס שפּיגלט אַפילו נישט אָפּ דאָס פּנים פון מענטשן.

אַזוי וואַנדערנדיק, איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין נישט צוליבן באַקענען דאָס לאַנד, נאָר כדי צו געפינען אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ. ער איז געווען אָרעם, און מיט זיין גאַנץ ביסל פאַרמעגן וואָלט ער אַפילו פאַר קיין איין נאַכט נישט געווען געקאָנט באַצאָלן אין אַ האָטעל פאַר זיך און זיין משפחה. איבעריקנס,

די האָטעלן האָבן אַזעלכע ווי ער אַפּילו איבער דער שוועל נישט אַרייַנ־געלאָזט. דעמאָלט איז נאָך אַנגעגאַנגען אַ געיעג נאָך פאַרלאָזענע דירות אין יפו און אין די פאַרוואָרלאָזטע דערפער. אָבער דאָס מזל האָט אים נישט צוגעשפּילט צו געפינען אַ לייטישע דירה. אומעטום איז ער געקומען צו שפּעט, פאַרשפּעטיקט. אין די ליימענע כאַטעס איז שוין אויפגעגאַנגען אַ ניי לעבן. נייע מענטשן זענען אַרייַנגעקומען און אָנגעהויבן באַלעבן די חורבות.

מיכאל האָט אַרומגעוואַנדערט עטלעכע טעג און שוין געוואָלט צוריק־פאָרן אינעם לאַגער אַרייַן און וואַרטן גלייך מיט אַנדערע טויזנטער משפּחות אויפן גורל פון צוטיילן אַ דירה דורך דער סוכנות. אָבער גראָד אין דעם מאָמענט האָט ער באַמערקט פון ווייטנס אַ פאַרוואָרלאָזטע כאַטע.

דאָס הייזל איז געשטאַנען נישט ווייט פון כביש, און עטלעכע צענדליק מעטער פונעם ירקון־ברעג. אַרום איז עס געווען באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן, דערנער און ביימלעך מיט ווילדע יאַגדעס.

ווען מיכאל איז אַראָפּ פון שאָסיי צום הייזל־צו, האָט ער זיך ראַפּטעם צוריקגעקערט. צווישן די קוסטעס האָט זיך עפּעס באַוועגט. ער האָט געמיינט אַ שלאַנג. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, איז ער צוגעגאַנגען און דערזען, אַז דאָס זענען גאָר די שפּרינגענדיקע יאַשטשערקעס — לטאָה רופט מען זיי. זיי זענען דאָ אַ סך, און לויט זייער היימישקייט מיטן מענטשן, זאָגן זיי גאָר־נישט אָן קיין שלעכטס.

ער איז צוגעגאַנגען און אַרייַנגעקוקט אינעווייניק: אַ גרויסע שטוב איז געשטאַנען פּוסט. דורך אַ צעבראָכענער שויב האָט ער אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ. אינעווייניק איז נישט געווען צו זען קיין איבערבלייבעכץ פון מעבל, און ס׳האָט זיך נישט געפילט קיין ריח פון בהמות. ס׳איז אים געווען שווער צו אַנטשיידן, וואָס דאָס איז געווען — אַ שטוב, אָדער אַ שטאַל.

אָבער ווי נאָר מיכאל האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון אינעווייניק, איז אים מיט אַ מאָל באַפאַלן עפּעס אַ זעלטענע פרייד. דער באַגער צו געפינען אַן אייגן ווינקל האָט אים אין גאַנצן באַהערשט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויב קיינער זעט נישט, ווי איינער וואָס האָט נאָר וואָס געפונען אַ זעלטענע מציאה.

ווען ער איז שוין צוריק געשטאַנען אויפן שאָסיי, האָט ער זיך געמאַכט אַ סימן. ווי עס זעט אויס דער וועג אין דער געגנט, און ווו די בריק געפינט

זיך. זיינע פיס, האָט ער דערפילט, זענען געוואָרן גרינגע, ווי ביי אַ פויגל, וואָס אָט היפּט ער און באַלד וועט ער זיך אויפהייבן און אַ פלי־טאָן אַרויס־נעמען זיינע פייגעלעך און זיי אַריבערפירן אין אַ נייער נעסט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די דורכפאָרער פון יענער געגנט זענען פאַרבייגעפאָרן פאַרן הייזל, האָבן זיי פּלוצעם באַמערקט ווי אויפן דאַך הענגען שנירלעך מיט ווייסע קינדערוועש און די פענצטערלעך זענען פאַרהאָנגען מיט פאָרהענגלעך. אַ גוטמוטיקר שמייכל האָט די מענטשן באַהערשט:

— נאַ, זעט, מען וווינט שוין דאָ אויכעט!

לחם לאכול ובגד ללבוש — האָבן יעדן פרימאָרגן געשעפּטשעט מיכאלס ליפּן, ווען ער איז געלאָפן זוכן אַרבעט. צום סוף פון דער ערשטער וואָך האָט ער געפונען אַרבעט אין דער ירושלמי־פאַבריק, וואָס איז נישט ווייט פון יענעם אָרט.

זענען טעג און חדשים אַוועק, און קיינער איז נישט געקומען צו זיי, און קיינער האָט זיך נישט געפרעגט אויף זיי.

ערשט נאָך צוויי יאָר אָפּווייגען אין דער כאַטע, איז געקומען אַ מענטש מיט אַ טעקע. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען אַ זייטיקער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט און גלייך גענומען אויספרעגן:

— אייער נאָמען?

— וועגן וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן?

— מען דאַרף דאָס וויסן.

— ווער?

— דער אַפּוטרופּוס.

די נייע עולה האָט בשום אופן נישט געקענט נאָכזאָגן דאָס וואָרט אַפּוּ־טרופּוס, און האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז קיין שום שכן אין דער געגנט האָט זיך נישט אינטערעסירט צו וויסן זייער נאָמען. אַ מינוט האָט זי נאָכגעטראַכט, און עפּעס אַ צופרידנקייט האָט איר באַהערשט. זי האָט הויך און דייטלעך געענטפערט:

— באַרוך.

דער לעצטער פון באַשאַף

און דער מאַן מיט דער טעקע האָט געגוי פאַרשריבן: פינף נפשות, צווישן זיי דריי קינדער.

אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן אַרום און אַרום אויפגעבליצט עלעקטרישע לעמפלעך, נאָר אין דער־אָ כאַטע האָט געצאַנקט אַ נאַפטלעמפל. טייל מאָל האָט מען דאָס לעמפל אויך געמוזט פאַרלעשן, ווייל די מיקן האָבן געגומען אַריינדרינגען דורך די שפּאַלטן פון טיר און ווענט.

דער זומער איז געווען אַ הייסער און אַ גרויסע צאָל חמסינען האָבן אויסגעטרוקנט די ערד. אויף טריט און שריט איז די ערד געווען געשפּאָלטן, ווי זי וואָלט טויזנטער מיילער געהאַלטן אָפן, גרייט, נאָך אַ ביסל טוי פון הימל, אָדער וואַסער פון דער ערד. ס'האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, ווי די דורשטיקע ערד גיט זיך אַ נדר נישט מער צו זיין אַזאַ נאַר און לאָזן אָפּלויפן פון זיך די רעגן־וואַסערן. דאָס מאָל, אַז די רעגנס וועלן קומען, און דער הימל וועט בשפע געבן רעגן, וועט זי טרינקען און טרינקען...

אָבער צו ווינטער איז נאָך געווען גענוג לאַנג, און קיין קיל ווינטל אָדער וואָלקנדל אויפן הימל, האָט זיך נישט באַוויזן.

מיכאל פלעגט קומען שפּעט פון דער אַרבעט. ער גייט אַוועק מיטן זון־אויפגאַנג און אַרבעט איבערשעהען. סוף־סוף האָט ער דאָך געוואָלט צו עפּעס צוקומען. זיין חלום איז געווען, איבערצולאָזן די אַרבעט אין פאַבריק ביי דער וועבשטול און זיך נעמען צו תכלית־זאַכן. עס האָט אים געצויגן צו פעלדאַרבעט. ער האָט געזען, ווי אַרום דער כאַטע שפּראָצן־אויס ווינטער־צייט פריש־גרינע, זאַפטיקע גראָזן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערד פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך: וואַסער. זון און ליכט האָט זי גענוג, נאָר פאַרן ביסל וואַסער איז זי גרייט זיך אָפּצוגעבן דעם מענטשן.

ער האָט געחלומט וועגן אַן אייגענעם פּרדס, אָדער ווייַנגאָרטן. אָבער קיין מאָל האָט ער דאָס פאַר זיין פרוי נישט דערציילט, און אַפילו נישט געגעבן אָנצוּגעהערן וועגן דעם. זי איז געווען אַ שטאָטישע, און קיין מאָל נישט געזען, ווי אַ פלאַנץ ווערט געבוירן אויף דער נאַטור. ער, אָבער, איז אויסגעוואַקסן אויף די לאָנקעס לעבן אַ ייִדיש שטעטל, מחמת ער האָט גע־האַט אַ זיידן אַ ייִדישן דזשעדזשיץ.

איין מאָל, ווען מיכאל איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער

קלאָרען, זיין פרוי, געטראָפן עפּעס נישט מיט אַלעמען. זי האָט זיך אַרומ־געדרייט איבער דער שטוב אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע, עפּעס ווי זי וואָלט פאַרבאָרגן אַ סוד.

— וואָס איז דיר, קלאַרע? — האָט ער מילד געפרעגט.

— גאָרנישט.

ער האָט זי תמיד באַוווּנדערט. ער אַליין, אַז עס איז אים עפּעס שווער אָנגעקומען, פלעגט ער רעדן ביטערע ווערטער אויף וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט: אויף די פירער פון דער מדינה, אויף סתם־קהלס־פאַרזאָרגער, טייל מאָל פלעגט ער אַפילו אונטערציִען אַ חשבון, אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט מיטן שידוך פון קומען אין דער ייִדישער מדינה. אָבער זי, זיין קלאָרע, פון איר מויל האָט ער נאָך נישט געהערט קיין קרעכץ, און קיין שלעכט וואָרט אויפן לאַנד אָדער אירע מענטשן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די קינדער זענען געלעגן אויף די נאַרעס אין אַ זיסן שלאָף. תמיד האָבן אים די שלאָפנדיקע קינדער אָנגעפילט מיט פרייד. ער האָט געפילט אין זיך געניג כוח צו זיין זייער שפּייזער.

— נו, זאָג שוין.

— עפּעס אַן אַראַבער האָט מיך היינט איבערגעשראָקן.

— אַן אַראַבער? ווי קומט דאָ אין דער געגנט אַן אַראַבער?

קלאַרע איז אַ מינוט געבליבן שטיל, און באַלד האָט זי גענומען דער־ציילן:

— ער איז געווען אַן אַלטער. אין אַזאַ הולך ווי מ׳זעט די אָפּגעריסענע פאַסטעכער. ער איז אַריינגעקומען אין שטוב שטיל, געעפנט די טיר, און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך, ווי ער וואָלט דאָ עפּעס געהאַט באַהאַלטן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן הויך, און מיר דאַכט אַז ער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט אַללאַ. שפּעטער האָט ער מיר געוויזן מיט סימנים, איך זאָל מיט אים אַרויסגיין אין דרויסן. ער האָט ווידער עפּעס גערעדט, און אַז ער האָט געזען, אַז איך פאַרשטיי אים נישט, האָט ער אָפּגעבראָכן אַ גרויסע צווייג און מיר געוויזן מיט איר אפשר צוויי מעטער העכער איבערן דאַך, דערביי האָט ער געקוקט דאָ אין דער זייט פון ירקון, דאָ — צו דער באַן־ליניע, און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין פון זיינע רייד, וואָס ער מיינט, דעם טייך אָדער די לויפנדיקע באַן.

— דאָס איז אַלץ? — האָט מיכאל געפרעגט, וועלנדיק צו נישט מאַכן קלאַרעס שווער געמיט, און אַליין זענען אים איבערן לייב געלאָפן שרעק־פּליטערלעך, ווי מוראַשקעס אונטער דער הויט.

— און ווי אַזוי ביסטו פון אים פּטור געוואָרן?

— ער איז אַליין אַוועק און נאָר געוויזן מיטן שטעקן, ווי ער וואָלט זאָגן, אַז ער וועט זיך נאָך דאָ אומקערן.

— אַלע חלומען זיי זיך נאָך צוריקצוקערן. אָבער זיי ווילן נישט קומען מיט פרידן, נאָר מיט קריג און מיט גרייטע זעק, אָנצורויבן יִידיש פאַרמעגן. זיי האָבן, דערציילט מען, פון סאַלעמע מאַרשירט קיין תל־אביב און אויפן וועג געליטן אַ ווימטע מפּלה. אפשר איז דאָס טאַקע געווען דער בעל־הבית פון דער כאַטע?

— ווער ווייסט אים? ער האָט נאָר אָנגעוויזן אויף דער כאַטע מיט די פינגער, פיר מאָל זיי צוזאמענגעלייגט און צוריק געעפנט, און איך האָב פאַרשטאַנען ווי ער וואָלט זאָגן, אַז די כאַטע איז שוין אַלט פערציק יאָר.

— אַלע פּלוידערן זיי, וואָס נאָר עס קומט זיי אין מויל אַריין. פאַרגעס אין אים, ווי דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט ביי טאָג צו פאַרגעסן אין דעם געהייל פון די שאַקאַלן ביי נאַכט...

דאָס יאָר האָבן די רעגנס זיך פרי אָנגעהויבן. צו ערשט האָט אָנגעהויבן טריפן אַ דין רעגנדל. דראָבנע וואָלקנדלעך, ווי קעמפקעס שפּינגעוועב האָבן זיך פאַרצויגן אויפן הימל. פון הינטער זיי האָט שטיפעריש נאָך געפינטלט די זון מיט אַ פייערדיק אויג. דער צעגליטער אַספאַלט פון די כבישים האָט זיך צעגלאַנצט מיט שוואַרצקייט, איז געוואָרן גלאַט ווי גלאָז און די אויטאָ־רעדער האָבן זיך איבער זיי געגליטשט, ווי איבער אַ פאַרפרוירענעם טייך. די השרון־פעלדער האָבן געעפנט די מיילער, ווי דאָרשטיקע פייגל וואָס האָבן געפונען אַ וואַסער־אָדער. אַזאַ רעגנדל, ווייסן די תושבים, דויערט נאָר געציילטע מינוטן. ער שמייסט אין פנים, דערנאָך הערט עס גלייך אויף, און עס דאַכט זיך אויס, אַז דאָס האָט ווער באַשפּריצט מיט וואַסער אַ פאַר־חלשטן. אָבער פאַרנאַכט־צו, גייט שוין די זון אונטער רויטלעך בייז, איבערן גאַנצן מערב־פּאַס, ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ בלוט־ים. דעמאָלט ווייסט מען שוין, אַז די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן. ביי נאַכט נעמט גיסן. אַזוי

גיסט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. פון ביידע זייטן כביש לויפן די וואַסערן אין ירקון אַריין.

אַז מיכאל־באַרוך קוקט־אַרויס פונעם קליינעם פענצטערל קעגן איבער דער ירקון־בריק און זעט די שוימיקע ריטשקעלעך, וואָס פאַלן אַריין אינעם ירקון, קאָן ער אַליין נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער טייך הייבט זיך נישט אויף. ס׳איז ווי אין יענעם פסוק: „כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא״...

אין די גרויסע רעגנס זענען פטור פון אַרבעט נאָר די בוי־אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אונטערן פרייען הימל. אַלע אַנדערע, וואָס אַרבעטן אונטער אַ דאַך, מוזן קומען צו דער אַרבעט.

ווינטערצייט גייט ער אַוועק צו דער אַרבעט באַגינען און קומט אַהיים אין אָוונט אַ צעווייקטער ביזן לייב, אָבער אויף מאָרגן גייט ער ווידער אַרבעטן.

אַזוי האַלט שוין אָן דער רעגן אַ גאַנצע וואָך. איטלעכס מאָל ווען ער גייט אַדורך די ירקון־בריק, גיט ער אינסטינקטיוו אַ בליק־אַראָפּ צום טייך. נעכטן נאָך האָט ער קיין שום אויסטערלישס נישט באַמערקט. היינט איז ער דעם וועג דורכגעלאָפן אין האַלב־פינצטערניש. אַ ביסל האָט ער שוין געהאַט פאַרשפּעטיקט, און אין איילעניש האָט ער אַפילו נישט באַמערקט די וואַסערן. ער איז גיך געגאַנגען ווייטער. אין גאַנצן פופצן מינוט גאַנג צו פוס צו דער פאַבריק, און דאָ — דער רעגן שמייסט, ווי מיט ריטער, אין פּנים.

פון הינטער שווערע וואָלקנס ברעכט דערווייל אויף דער טאָג. אויף מיכאַלס פּנים רוט נאָך אַ שמייכל. דעם שמייכל נעמט ער יעדן פרימאָרגן מיט פון דער ליימענער כאַטע, ווען ער גייט אַרויס פון שטוב און גיט אַ בליק אויף די צעוואָרעמט־שלאָפנדיקע קינדער. תמיד באַגלייט אים דער שמייכל ביזן איבערן טויער פון דער פאַבריק. ערשט ווען ער גייט אַריין אינעם בשותפותדיקן אַרבעט־טראַנס מיט דער אויטאָמאַטישער וועבמאַשין, טרעפט אַלע מאָל, אַז ביים ערשטן איבערגעריסענעם פאָדעם, ווען די מאַשין שטעלט זיך אַליין אָפּ און וואַרט אויף זיין הילף, רייסט זיך איבער דאָס בילד פון זיין היים און ער איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן אינעם גערויש פון די מאַשינען.

אָבער דאָס מאָל האָט ער געפילט, ווי עמעצער וואָלט אים אין מיטן וועג אָפּגעשטעלט, איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיינע רעיונות. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז בעת ער איז דורכגעגאַנגען די בריק, האָט דאָס וואַסער אים אַ גלאַנץ־געטאָן העכער ווי נעכטן. זיינע מחשבות האָבן זיך צעשפּילט מיט יעדן טריט, און ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען פאַר וואָס ער האָט זיך נ׳שט אומגעקוקט אויף דער הייך פון די וואַסערן.

אַרום דעם ספּאָרט־סטאַדיאָן זענען שוין די פעלדער געווען פאַרפלייצטע, און אין טייל ערטער האָט זיך דאָס וואַסער געהאַט אַרויפגעכאַפּט אויפן כביש. ערשט איצט איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז פון דער בריק איז דאָס וואַסער געווען נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אוי, און דאָס הייזל ליגט דאָך אַ סך נידעריקער פונעם כביש!... ער האָט אין דמיון דערזען די שלאָפנדיקע קינדער. אין דער כאַטע איז נאָך פינצטער. ריטשקעלעך וואַסער נעמען זיך אַריינרייסן דורך דער טיר און דורך די שפּאַלטן פון מויער. די קינדער שלאָפן זיס־צעוואָרעמטע, און פילן נישט ווי די נאַרעס ווערן נאַס. זיי וועלן זיך באַלד אַ וויג־טאָן, צו ערשט וועט זיי דאָס וואַסער אויפהייבן און נעמען וויגן, שטיל און צאַרט, ווי אַ מאַמעס האַנט — דערנאָך...

מיכאל איז אויפגעשפּרונגען, ווי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די געדאַנקען. ער איז געלאָפן צוריק צו דער בריק, צו דער כאַטע, צו די שלאָפנדיקע קינדער.

אָבער וואָס איז געשען? ער קאָן שוין די בריק נישט געפינען. דעם כביש זעט מען שוין מער נישט אַרויס. עס פליסט איבער אים אַ ברייטער וואַסערטייך. מיכאלס אויגן בייסן זיך איין אין יעדן ווינקל פון וועג; אָט זעט מען נאָך דאָרטן אַרויס אַ שפּיץ פון דער בריק־באַריערע. ער האָט אויפגעבונדן דעם באַשליק, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, ווי איינער וואָס וויל זיך ראַטעווען דורך שווימען. אָט האָט ער זיך שוין פעסט אָנגעהאַלטן אינעם פאָרענטש פון דער בריק.

אַרום איז געווען אַלץ פאַרגאָסן. ער איז שוין אַריבער דעם ירקון, אָבער קיין באָדן אונטער די פיס האָט ער שוין נישט. דער צעבושעוועטער וואַסער־שטראָם האָט אים געשטויסן אַראָפּ אונטער דער בריק. ער האָט דערפילט די געפאַר, אָבער ער האָט געקעמפט מיט אַלע כוחות. ער האָט פון זיך אַראָפּ־

געוואָרפן דאָס רעקל, די שיך. ס׳איז אים געוואָרן לייכטער. נאָך עטלעכע טריט, און ער וועט דערגרייכן די כאַטע.

דאָס וואַסער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אינעווייניק. די טיר האָט ער נישט געקענט געפינען. ער האָט געוואָלט אויפרייסן דאָס פענצטערל, אָבער די כוואַליעס האָבן אים גענומען אַוועקשלעפן. ער האָט זיך גע־קלאַמערט אַרום דער מויער מיט פיס און נעגל, אָבער דער שטראָם האָט אים אַוועקגעריסן. אַ גרויס געשריי האָט אַרויסגעפּלאַצט פון זיין ברוסט, אָבער קיינער איז איצט נישט געווען אינעם טאָל, וואָס זאָל אים הערן. אָט נאָך אַ מינוט, און ער וועט אַוועק מיטן שטראָם אונטער דער בריק אַרונ־טער... אין דער רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט ווי אַ ווידערקול וואָלט אים געענטפערט פון אינעווייניק פון דער כאַטע... אַ סקרוך איז אים אַריבער איבערן לייב. די הענט, האָט ער געפילט, ווערן אים פאַרשטאַרט, און אָט וועלן זיי אָפּלאָזן די ליימיקע מויער, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך גע־עפנט דאָס פענצטערל און אַ קאָפּ פון אַ פרוי האָט ארויסגעשטעקט אין דרויסן. ער האָט דערזען זיין קלאַרע. אָבער נאָך קיין מאָל האָט ער ביי איר נישט באַמערקט אַזאַ לאַנגן האַלדז ווי איצט. איר האַלדז — האָט זיך אים געדאַכט — האָט זיך אויסגעצויגן ווי ביי אַ זשיראַפע, און דייטלעך האָט ער דערהערט איר קול:

— ראַ—טע—ווע—עט!!!

ערשט איצט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אינעם פענצטער:

— גיב אַרויס די קינדער! — האָט ער געשריגן, — שנעלער גיב זיי אַרויס!

אָט האָט ער שוין געהאַט אַ קינד אין האַנט, באַלד דאָס צווייטע. ער האָט זיך מיט זיי געלאָזט ווי אַן אָדלער וואָס טראָגט די פייגל אויפן רוקן, און אָט איז ער שוין אויפן בערגל, ווו די וואַסערן האָבן נישט דערגרייכט.

איצט האָט ער זיי געלאָזט שטיין נאַקעטע, זיי צוגעוואָרפן דעם סוועט־ער און דאָס העמד, און איז צוריק געלאָפן צו דער כאַטע.

קאָן זיין, אַז די נאַקעטקייט האָט אים ווי אויפגעוועקט, ווייל ער האָט דערפילט אין זיך אַ קראַפט, וואָס וועט זיכער אַלץ גובר זיין. איצט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז נאַקעט און שטאַרק, ווי דער יאַפּאַנישער גענעראַל, וואָס האָט בעת אַ שלאַכט אויף מאנדזשוריע אין מיטן אַ שלאַכס־

רעגן באַפֿוילן זיינע זעלנער זיך אויסצוטאָן נאַקעט און גיין אין קאַמף. דער גענעראַל האָט צוליב דער נאַקעטקייט פון די זעלנער, וואָס זענען געווען מער באַוועגלעך ווי די רוסישע, געוווּנען די שלאַכט. און אויך ער, מיכאל, האָט צוליב דער נאַקעטקייט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון.

אין געציילטע מינוטן איז דאָס גאַנצע געזינדל געווען אויפן בערגל, און ווען זיי האָבן אַ בליק געטאָן אויף דער כאַטע, האָבן זיי שוין דעם דאַך נישט געזען...

זיי האָבן גענומען אַרויפגיין העכער אויפן בערגל. און פון ווייטנס האָבן זיי געהערט געשרייען פון די איבערגעשראָקענע איינוווינער. אַ גאַנצער שיכון איז שוין געשטאַנען אונטערן וואַסער.

פונעם בערגל ביזן שיכון איז אין גאַנצן אַ שפּאַן וועג. גוטע מענטשן האָבן מיכאלן אָנגעוויזן, אַז דאָרט, אין די לעצטע הייזער פונעם שיכון, נישט ווייט פון באַן־פּלאַנט, שטייט נאָך ליידיק אַ דירה.

די דירות פונעם שיכון זענען נישט געווען קיין פּריוואַט־אייגנטום. זיי האָבן געהערט צו דער סוכנות. עמעצער מסתמא האָט געמוזט אַ ווונק טאָן, אַז אויף די מענטשן פון דער פאַרפלייצונג — און געווען זענען זיי אין יענער געגנט גאָר אַ סך — וואָס כאַפּן זיך אַריין אויף אייגענער האַנט אין ניי־געבויטע, ליידיקע דירות, זאָל מען קוקן דורך די פינגער און נישט רופן קיין פּאָליציי זיי אַרויסצוּוואַרפן.

די דירה, וואָס מיכאל האָט געפונען, איז געשטאַנען אין טאָל, צווישן די זומפּיקע לאָנקעס, ביי דער רעכטער זייט פונעם ירקון. דאָס הויז איז געווען אַן איינשטאָקיקס, פון די ערשטע הייזער, וואָס מ׳האָט דאָ אָנגע־הויבן צו בויען לויט אַ נייעם סיסטעם, די מויערער האָבן דאָס גערופן „בליץ־סיסטעם״: די הייזער זענען געוואָרן אין גאַנצן געגאָסן פון בעטאָן. צו ערשט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע הילצערנע פאָרמעס, צוזאַ־מענגעקלאַפּט פון ברעטער, און אַז די פאָרמעס זענען פאַרטיק געווען, האָט מען אַלע אַרבעטער צוזאַמענגענומען צו איינע אַזאַ פאָרמע און גענומען אַריינגיסן אין איר שיטערן בעטאָן. די אַרבעט איז געגאַנגען שנעל, און די „מנהלי עבודה״ האָבן כסדר געשריִען „יאַלאַ, יאַלאַ!״ אַזאַ פאָרמע האָט געמוזט אָפּגעגאָסן ווערן בנשימה אחת, גלייך פאַרטיק ווערן אין איין טאָג.

מען האָט געצאָלט די אַרבעטער פאַר איבערשעהען, אַבי נאָר צו פאַרענדיקן פאַר זון־אונטערגאַנג.

נאָכן אָפּגיסן, בלייבט דער בעטאָן אין דער פאָרמע עטלעכע טעג, און אַז מען נעמט פונאַנדער די ברעטער — שטייט אַ הויז פון אַכט דירות, פיר פון אונטן און פיר אויפן ערשטן שטאָק.

יעדע דירה האָט אַ צימערל מיט אַ קאָרידאָרל, וואָס דינט אויך ווי אַ קיכל. די טרעפּן געפינען זיך אין דרויסן, ביי דער וואַנט פון הויז, און פירן צו אַ לאַנגן גאַניק איבער דער לענג פון די טירן.

אַקעגן דער ליימענער כאַטע ביים ירקון־ברעג, האָט דאָס קליינע, לייטיקע דירהלע אויסגעזען ביי מיכאלן ווי אַ פּאַלאַצל. די קליידער האָבן ביי זיי נאָך געטריפט פון וואַסער. אַלע ווילע האָט זיך די טיר אָן עפן־געטאָן און ס׳האָט ווער אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ מלבוש. דאָס, וואָס מיכאל האָט באַמערקט זענען געווען הענט, ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינמישן צו דעם נייעם לאָקאַטאָר, וואָס איז אומלעגאַל אַריין אין דער דירה. די אויפזעער פון שיכון זענען געווען שטרענגע, און זיי האָבן אין אַזעלכע פאַלן אַלע מאָל זיך געטשעפּעט צו די וואָס האָבן צוגעהאָלפן צו דער „פּלישה״ *.

מיכאל האָט זיך פון שטוב נישט אַרויסגערירט. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז מען קומט אים אַרויסוואַרפן. אָבער דעם טאָג איז קיינער נישט געקומען. אַ גרויסער טייל פון אָט דעם שיכון האָט געליטן פון דער פאַרפלייצונג, און ער איז נישט געווען דער איין־און־איינציקער, וואָס איז דאָ אַריין אויף אַזאַ אופן.

ווי נאָר דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָבן די שכנים אָנגעטראָגן זעלנערישע קאָצן און טעפּלעך וואַרעמס. די קינדער האָבן זיך געוואָרפן צו די טעפּלעך, און אַז זיי זענען זאַט געוואָרן, האָבן זיי זיך איינגעבעט אין די גרינלעכע קאָצן, ווי פייגל אין אַ וואַרעמער נעסט.

דאָס לאַנגע גאַניקל פונעם הויז איז געשטאַנען צו דער זייט פון ירקון. מיכאל האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין פרוי. קלאַרע איז געזעסן אין אַ ווינקל און איר בליק האָט אים אויסגעזען צו זיין פול מיט פחד, ווי פון אַ פויגל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער נעסט. ער האָט זי געוואָלט

---

* פּלישה — אַריינכאַפּן זיך אומגעזעצלעך.

טרייסטן, אָבער ס׳האָבן אים אויסגעפּעלט ווערטער. האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפירט אויפן באַלקאָנדל.

פון דעם באַלקאָנדל האָט מען געקאָנט זען דעם גאַנצן שטח ביז צו דער ירקון־בריק. ער האָט איר געוויזן מיט דער האַנט אין אַ געוויסער ריכטונג. אין אָנהייב האָט קלאָרע נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, אָבער ווען זי האָט זיך גוט אָנגעשטרענגט, האָט איר בליק דערגרייכט די ליימענע כאַטע, אין וועלכער זיי האָבן פריער געוווינט. זי האָט דערזען, אַז איין וואַנט איז איינגעפאַלן. דער שטראָם האָט אַפילו די שטיקער ליים מיטגעשלעפּט. ערשט איצט האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם אַראַבער אין זייער כאַטע ערב דער פאַרפלייצונג, און זי איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטוב ווי אין אַן אייגענער היים:

— ווי מיינסטו, מיכאַל, מען וועט אונדז דאָ לאָזן וווינען?

— פאַר וועמען האָסטו מורא, פאַר „יִדישע גזלנים”? און דערצו זענען מיר דאָך נייע עולים — האָט מיכאל געענטפערט מיט זיכערקייט.

— און מאָרגן וועסטו גיין צו דער אַרבעט און מיך לאָזן אַליין?

— איך וועל מער נישט אַרבעטן אין דער פאַבריק.

— וואָס דען וועסטו ווערן, אַן אַפּטייקער? וואָס טראַכסטו צו טאָן?

— ברויט און אַ העמד אויפן לייב קאָן מען אַרויסבאַקומען פון דער מאַמע־ערד.

האָרט ביי די הייזער, ביז די ברעגעס פון ירקון, איז געשטאַנען אַן אויסגעטריקנטער פּרדס. דיביימער זענען געווען באַוואַקסן מיט שאַרפע צווייגן. ווינטערצייט איז דער פּרדס געווען פאַרפלייצט מיט פלאַך־שפּיגלענדיקע וואַסערלעך. די וואַסערלעך האָבן זיך געהאַלטן כמעט אַ גאַנצן ווינטער. טייל מאָל, ווען ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די ערד האָט זיי שוין טיף אין זיך אַריינגעזאַפּט, האָט גאָר אומגעריכט ווידער אַ ביינאַכטיק רעגנדל זיי באַוואַסערט, און אויף צו מאָרגנס האָבן נאָך מער ברייטערע וואַסער־לעך, ווי וועמען אויף צו להכעיס, ווידער געשפּיגלט זיך אין דער זון.

די מאַראַנצן־ביימער פונעם פּרדס האָבן שוין מער נישט געבליט, נאָר דאָ און דאָרט האָט ביים פּיען פון אַן אַלטן בוים זיך גענומען אַרויספּיקן אַ קנופּ גרינע בלעטלעך, ווי הינדעלעך פון אַן איישאָל. ווי לאַנג די ערד

איז נאָך געווען פּייכט, האָבן די בלעטער אָנגעהאַלטן זייער גרינקייט, זיך איבערגעיאָגט איינס דאָס אַנדערע, ווי פון וואָרצל־אַרויס וואָלט מען זיי געטריבן אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. דערנאָך איז ווידער די ערד געוואָרן פאַר־טריקנט, ווי אַן ערדענער טאָפּ. אין די בלעטער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט געלע פלעקן, ווי פון האַלבצייטיקע מאַראַנצן. אַרום די בלעטער־ראַנדן האָט זיך אַרומגעוויקלט אַ העל, געל רעמל. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך און ווילד זיך צעוואַקסן אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויפּ.

ערב פרילינג האָט אינעם פּרדס אויפגעבראָכן אַ ניי לעבן. אין די פאַר־נאַכטן האָבן אַ געווימל זשאַבעס אָנגעהויבן זייער קוואַקעריי ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן ביז די ערשטע חמסינען. אָבער אַז עס זענען געקומען די היצן און מיכאל באַרוך האָט אַ בליק געטאָן פונעם גאַניקל אויף די פּרדס־ביימער, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ווינט לעבן אַ פאַרוואָרלאָזטן בית־עולם.

די זומפּן האָבן אויסגעטרוקנט, און די זשאַבעס האָבן זיך גיך אַרויס־געצויגן פונעם פּרדס. אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען מחנות קאָמאַרעס, מיקן און גליווערעמלעך פון אַלע מינים. צו זיצן אויפן גאַניקל איז געווען אוממעגלעך. די מיקן האָבן געביסן פון אַלע זייטן. אַ ביסל שפּעטער, ווען די פייערלעך פון די שטובן האָבן זיך גענומען לעשן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסגעצויגענע שאַקאַלן־געוואָי, וואָס איז געווען ענלעך צו קינדער־געוויינען. דאָ, טיף אינעם פּרדס, זענען געווען זייערע נאָרעס און ווען די לעמפּלעך נעמען זיך אויסלעשן אין די שטובן, קומען די שאַקאַלן נענטער צו צו די לולן, וואָס שטייען ביי די הייזער. ערשט דעמאָלט טרעטן די מיקן אָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דעם געהייל פון די שאַקאַלן, און מ׳קאָן ערשט אַ ביסל רויִק זיצן אויפן גאַניקל.

אין דער צייט קומט אַרויס פון דער צווייטער טיר אורקע בענגאַל מיט אַ בענקל אין האַנט, און זעצט זיך אַוועק לעבן מיכאלן:

— נו, שוין אַוועק די ציפּערס?

די „ציפּערס” מיינט אורקע די מיקן, וואָס ציפּן שטיקער הויט. אַ מאָל, ווען אַ מיק האָט אורקען אַ ביס געטאָן, האָט ער געשווירן, אַז ער וועט אַנטלויפן ווו דער פעפער וואַקסט, אַבי נישט צו וווינען ביים ירקון־ברעג. אָבער איצט האָט ער זיך שוין כמעט צוגעוווינט. ער ווייסט געגוי ווען זיי

האָבן זייערע „משוגענע שעהען" און ווען זיי גייען אַוועק, און ווי איז צו אַ מיק, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער אורקעס ברייטע הענט. חוץ דעם, קומט אורקע נישט ארויס אָן אַ סיגאַרעט.

— מען וואָלט געדאַרפט מאַכן דאָ עפּעס אַ שטיקל פּאָזשאַנדעק — ווייזט אורקע אויפן פּרדס.

— ווער דאַרף מאַכן?

— וואָס הייסט ווער? איך און דו! וואָזשע־דען? דו ועסט וואַרטן ביז מען וועט דיר מאַכן, וועסטו זיין אַ לייט!...

— וואָס דאַרף מען טאָן?

— ס׳ערשטע מוז מען מאַכן אַ קאָאָפּעראַציע, דאָ גייט אַלץ אין קאָאָפּעראַטיוון. אַ בעקער־קאָאָפּעראַטיוו, אַ שאָפער־קאָאָפּעראַטיוו. אַ שלעכט געשעפט אפשר „אגד" אָדער „דן"? אַז דו גייסט מיט אַ קאָאָפּעראַטיוול, זענען אַלע טויערן פאַר דיר אָפן, אָבער אַז דו קומסט אַליין, ווי אַ „פּריוואַטער", טראַכטן זיי זיך: אַ יחיד? פּריוואַטע איניציאַטיוו? שלאָג דיר אַליין קאָפּ אין קישן. ווער דאַרף דיך אפילו אויסהערן?

— און אַז דו וועסט האָבן אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— האָ, האָ, דעמאָלט — ציט זיך אורקע אויס איבער דער לענג פון בענקל און שטעלט אַרויף אַ פוס אויף די שטאַכעטן פון שמאָלן באַלקאָנדל. — דעמאָלט, אַז דו האָסט שוין אַ קאָאָפּעראַטיוול, קאָן מען באַקומען דעם גאַנצן פּרדס פאַר אַ שיבוש.

— און וואָס טוט מען מיט אַזאַ פּרדס?

אורקע, אַ צופרידענער פון דער פראַגע, האָט צעצויגן די ווערטער, ווי אַ קינד קייגומי:

— דער עיקר איז, מען גיט דיר אַ שטיקל פּאַפּיר אין האַנט אַריין, אַז דער פּרדס איז צו דיר פאַרפאַכטעט געוואָרן אַזוי און אַזוי. דעמאָלט, אַז איך האָב די „כתובה" אין האַנט, פאָר איך מיר אריין מיט מיין טראַקטאָר גלייך אין פּרדס אַריין. דאַרפסט זען, ווי דאָס גייט ביי מיר. אחת־שתים דריי איך דיר איבער די ביימער מיט די וואָרצלען אין דער הייך; איך לאָז אַראָפּ די דעקע פון טראַקטאָר און שאַר זיי צונויף אויף קופּעס; דערנאָך, אַז די מלאכה איז געענדיקט, איז געענוג אַ שוועבעלע און די אַלטע ביימער צע־

פלאַקערן זיך. דעמאָלט זעסטו מיט די אייגענע אויגן וואָס פאַראַ פּרוכט־באַרע ערד עס איז פאַראַן ביים ירקון־ברעג.

— און וואָס מיינסטו, קאָן מען דאָ מאַכן מיט אַזאַ שטיק ערד?

— דאָ, ביים ירקון, איז דאָס בעסטע צו זייען בוימוואָל.

מיכאלן האָט עפּעס אַ צי געטאָן ביים האַרצן, ווי ער וואָלט אין דמיון דערזען אַ פאַרווירקלעכטן חלום:

— בגד ללבוש?...

— אַוודאי אַזוי! פון וואָס דען מיינסטו קאָן מען מאַכן אַ לעבן?

— און ווער וועט אונדז צוהעלפן?

— וואָס הייסט ווער? וואָס מיינסטו אַז „זיי" ווילן זיך נישט איינ־ברענגען קיין דאָלאַרן? זיי וועלן זאָגן: קינדערלעך, איר ווילט איינבררענגען דאָלאַרן דעם מלוכה־אוצר, מ'זאָל נישט דאַרפן קויפן אַ העמד פאַר פרעמ־דער וואַליוטע? אַדרבא, איר זענט ביי אונדז אָנגעלייגטע מחותנים. אַזוי און אַזוי... אַזוי פיל און אַזוי פיל באַקומט איר פאַר אַ קילאָ, אַזוי און אַזוי אַ סובסידיעלע... מירן אייך שיקן אונדזערע יִנגלעך פון „מקוה ישראל"*, זיי זאָלן אייך אַ ביסל אויסטייטשן דעם ענין, און לאָמיר זען וואָס איר קענט!...

מיכאל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— דו מיינסט עס ערנסט?

— הערסט אַ מעשה! צו וואָס האָב איך דיר דאָס אַלץ דערציילט? אָט קום איך דאָך ערשט פון אַ ישיבה. מ'האָט טאַקע אַרומגערעדט דעם גאַנצן ענין, און באַשלאָסן אַזוי און אַזוי... מאָרגן גייען מיר צו אַן אַדוואָקאַטל מאַכן אַ ניַי קאָאָפּעראַטיוול. אַזוי און אַזוי... אַ נאָמען איז שוין דאָ — „כותנה", נאָר ס'פעלן נאָך אויס עטלעכע פאַר אַרבעטס־הענט. כ'האָב שוין אַפילו גערעדט מיטן הויפּט־פאַרוואַלטער פון שיכון. די קאַנאַליזאַציע־רערן וועט מען ציִען ביז אונדזער פעלד. אַזוי און אַזוי... און עס וועט וואַקסן, ווי אויף הייוון! דו ביסט דען אַ מבין אויף דער ערד? אפשר איז די „שוואַרצע ערד" פון הינטער קראָקע געווען אַ בעסערע?

— נו, און דו נעמסט מיך אַריין אינעם קאָאָפּעראַטיוו?

---

* אין מקוה ישראל געפינט זיך אַן אַגראַר־שול.

— דאָס וויל איך דאָך דיר דערציילן. איך האָב באַלד אָפּגערעדט אַזוי און אַזוי, מיינער אַ שכן איז אַרויס קרוע־בלועדיק פון דער פאַרפּלייצונג, קוים געראַטעוועט דאָס קליינוואַרג, דרייט זיך אַרום ווי אַ געפּלעפּטער. אַ פּאָר הענט ווי די שאָפלען האָט ער... מען מוז אים אַריינגעמען. כ׳האָב נישט געוווּסט געגנוי, ווי דו הייסט, האָב איך געזאָגט מיכאל דער פאַרפּלייצטער, און די חברה האָבן צוגעקלאַפּט דעם מקח, אַזוי און אַזוי, און דו ביסט שוין דערינען!

די נאַכט האָט שוין מיכאל נישט געקאָנט איינדרימלען, און ערשט ווען דער באַגינען האָט זיך גענומען אַריינרייסן דורכן פענצטער, איז ער איינגעשלאָפן, אָבער גלייך האָט אים איבערגעוועקט אַ קלאַפּן אין טיר. עס איז געווען אורקע, זיין שכן. אורקע האָט אים אַ ביסל אונטערגעאיילט, און זיי זענען ביידע אַוועק אין שטאָט אַריין.

יעדעס מאָל ווען די מענטשן פון שיכון האָבן אַ קוק געטאָן אויפן ליידיקן פעלד פון פּרדס, האָבן זיי טיף אָפּגעדעכעט, ווי מ׳וואָלט אַוועק־גענומען בייזע הינט פון זייערע טירן.

פּאָר נאַכט האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף די לאַנגע באַלקאָנדלעך, אָנגעלענט זיך אויף קעסטלעך און בענקלעך, און פרייער אָפּגעאָטעמט:

— אַ מחיה, מ׳קאָן כאַטש זיצן און כאַפּן אַ ביסל לופט.

— און וועמען איז דאָס איינגעפאַלן צו מאַכן?

— דעם טראַקטאָריסט מיטן „פאַרפּלייצטן״.

— דער טראַקטאָר איז טאַקע זיינער?

— ווייס איך וואָס, ער ברענגט אים פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

— טאַקע אַן אונטערנעמונג אויף אייגענער האַנט?

— מ׳שמועסט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ קאָאָפּעראַטיוול.

— אַ קאָלכאָז?...

— נישט קיין קאָלכאָז, נאָר אַ לאַנדווירטשאַפטלעך קאָאָפּעראַטיוול. דאָס איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. מען טיילט זיך מיט די פאַרדינסטן, אָבער פון איין טעפּל עסט מען נישט...

— און וואָס וועלן זיי טאָן מיטן באָדן?

— ווייניק אַרבעטן זיי דאָרט אַריין? ביי טאָג און ביי נאַכט ליגן זיי אויף די פעלדער אין די זומפּן. דאַכט זיך, זיי הייבן שוין אָן עפּעס צו פלאַנצן.

— אפשר קאַרטאָפל? הלוואי מאַכן זיי דאָס! מען זעט דאָך נישט קיין בולבע פאַר ד׳אויגן.

— אַז מ׳פרעגט דעם „פּאַרפּלייצטן״, זאָגט ער מיט אַ געלעכטערל אַז צוקער־באַרקעס.

— וועלן זיי דאָך גאָר משוגע־רייך ווערן... אַ שטיקל צוקער איז דאָך היינט גאָלד!

זינט מיכאל איז אַריין אינעם קאָאָפּעראַטיוו, איז ער געוואָרן מער פּאָ־פּולער ביי די מענטשן פון שיכון, אָבער ביים נאָמען „פּאַרפּלייצטער״״ איז ער שוין געבליבן. מיכאלן אַליין איז נישט ניחא דער נאָמען. אַז ער הערט אים אַרויסרעדן הינטער די פּלייצעס, גיט ער אַזש אַ ציטער, ווי ער וואָלט אין פעלד אַרויפגעטראָטן אויף שטעכיקע דערנער. די פּאַרפּלייצונג האָט זיך אים טיף איינגעגעסן אין די ביינער. לאַ־די וואָס ער איז פון איר אַרויס אָדם־נאַקעט, האָט ער נאָך געהאַט געגוג נאָכווייענישן. דאָס ערגסטע איז געווען מיט די שפּייזקאַרטן, וואָס זענען אַוועק מיטן שטראָם.

אין יענע דוב יוסף־צייטן* איז דאָס געווען פּשוט אַן אומגליק. דער דוחק אין שפּייז איז געווען גרויס, און ס׳האָט גאַרנישט געהאָלפן, ביז ער האָט נישט פאַרעפנטלעכט אַ מודעה אין אַ צייטונג וועגן דער אַבידה פון די כרטיסי־מזון, האָט ער קיין נייע נישט געקראָגן.

נאָך מער האָט געליטן זיין קלאַרע. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס זי האָט אָנגעווירן די פאָטאָגראַפיעס פון איר אומגעקומענער משפחה. צוליב אָט די פאָטאָגראַפיעס האָט זי נישט איין מאָל איינגעשטעלט איר לעבן, באַהאַלטנדיק זיי אין שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

באַלד נאָך דער פּאַרפּלייצונג, ווי נאָר די וואַסערן זענען אָפּגעפאַלן, איז זי גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן לענג־אויס די ירקון־ברעגעס, געזוכט, גע־נישטערט צווישן די קוסטעס, געשאַרט מיט אַ שטעקעלע. מענטשן פון שיכון האָבן זי געהאַלטן אויפן אויג, נאָכגעקוקט. מען האָט געשמועסט, אַז

---

* דוב־יוסף — אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער אין די „צנע״־יאָרן.

זי זוכט אַן אוצר, אַ זשמאַניע מיט געלט. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט קלאַרע געפונען איין איינציקע פאָטאָגראַפיע פון איר אומגעקומענער שוועסטער. זי האָט זיך באַגנוגנט דערמיט און אויפגעהערט צו זוכן.

פריִער, ווען זי פלעגט אַ בליק טאָן אויף דער פאָטאָגראַפיע, האָט זי קיין מאָל נישט געוואָלט גלייבן, אַז איר שוועסטער לעבט נישט מער. די אויגן פון דעם צוואַנציק־יאָריקן מיידל האָבן אַראָפּגעקוקט גרויס־געעפנטע, ווי לעבעדיק, און אין די מוילווינקלען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די רייפע יוגנט. דער קאָליר פון די האָר איז געווען אַזוי נאַטירלעך, ווי זי וואָלט איצט געשטאַנען פאַרן שפּיגל מיט אַ קאַם אין האַנט. זי פלעגט זיך קעמען מיט אַ שרונט אין דער מיט, און טראָגן אַ לאַנגן צאָפּ. אָבער דעם צאָפּ האָט מען אויף דער פאָטאָגראַפיע נישט אַרויסגעזען. זי איז דעמאָלט געווען אינעם געבלימלטן בלוזקעלע, און אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט אַראָפּגעהאַנגען דאָס גאָלדענע קייטעלע מיטן מגן־דודל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין איר יונגן בוזעם.

אָבער אַז קלאַראַ האָט איצט אַ קוק־געטאָן אויף דער פאָטאָגראַפיע, איז איר אַ שוידער אַריבער איבערן לייב. דאָס בילד איז געווען צעווייקט און אָפּגעקראָכן. אַ גרינער שימל פון די פאַרעיפּושטע וואַסערן האָט זיך אָנגעלייגט און באַדעקט די אויגן־הייטלעך. די אויגן האָבן אויסגעזען צו זיין מיט בעלמעס פאַרצויגן, ווי זיי וואָלטן בלינד געוואָרן אין מיטן פון אַ חלום. אַזוי, טראַכט קלאַראַ, האָבן אויסגעזען די אויגן פון די פאַרטיעס, וואָס זי האָט געזען פירן אין די גאַזקאַמערן אַריין... ערשט איצט האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז איר שוועסטער איז אויך דערשטיקט געוואָרן צוזאַמען מיט איינער אַזאַ מענטשן־פּאַרטיע און זי וועט שוין קיין מאָל מער נישט קעמען אירע לאַנגע צעפּ ביים שפּיגל...

ביי מיכאלן איז דאָס געפיל געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי ביי זיין פרוי. עפּעס אַ גם־זו־לטובה־געפיל האָט אים באַהערשט און געמאַכט גיך פאַרגעסן אינעם אומגליק. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך נישט געקענט שענקען, איז געווען, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט פון דעם טייך אַזוי אָפּנאַרן. ווען ער איז אַרויס פון שטוב, האָט דער ירקון נאָך אויסגעזען ווי אַ שטיל לעמעלע. דעמאָלט האָט ער נאָך צייט געהאַט אַלץ פון דער כאַטע אַרויסצוטראָגן. און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט ער שוין שיִער

ביים ירקון

נישט געהאַט פאַרשלונגען זיינע קינדער... עטלעכע יאָר אַזוי נאָענט געווינט מיטן ירקון, און נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ טייוול ס׳שטעקט אין אים.

מיכאל קען גוט דעם ירקון. נישט איין מאָל איז ער געווען ביי זיינע קוואַלן. די קוואַלן פון ירקון ברעכן־אויף צווישן די בערג, וואָס ליגן האַרט ביי דער מזרחדיקער ירדן־גרענעץ. אַ גאַנץ יאָר שפּראָצן דאָרט פון יעדן באַרג־שפּעלטעלע לויטערע וואַסערקוואַלן. ווען מיכאַל האָט דאָס ערשטע מאָל זיך דערנענטערט צו ראש העין, דאָרט, פון וואַנען ס׳ברעכן־אויף די וואַסער־קוואַלן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער ווייסער באַרג ליגט אין אַ פּאָזיציע פון אַ יונגער מוטער מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט, וואָס האַלט אין מיטן אָנזייגן אַ קינד. צוקומענדיק נענטער, האָט ער געטראָפן תימנער פון ראש העין, וואָס קריכן אַרום מיט סטאַדעס ציגן אין די בערג, און שטילן דעם דורשט דירעקט פון די קליינע ריטשקעלעך. זיי שטעלן אונטער אַ האַנט צום שטראָמענדיקן וואַסער, און טרינקען זיך אָן:

— אַי, טוב!

איצט האָט ער ראש העין כמעט נישט דערקענט. פון דער וויטנס האָט זיך אויסגעוויזן ווי צווישן די בערג האָבן זיך אַנטפּלעקט טיפע גריבלעך, און אַ לאַנגער קאַנאַל פירט אין אַ זיגזאַג, לויפט טיף אַריין צווישן די בערג־שפּאַלטן, ווי אַ מאָלער וואָלט דאָ אויסגעלייגט זיין געמעל פון אַ צויבערנ־דיקער ליניע, וואָס באַהאַלט זיך אין דער סודותדיקייט פון אַ ווייבלעכער טאַליע.

אויף דער וואָר זענען דאָס געווען די קאַנאַלן פונעם נייעם וואַסער־ווערק פון ראש העין. נאָענט ביים דאָרף, איז פאַראַן אַ סאַדזשווקע, וואָס זאַמלט די וואַסערן, און ריזיקע פּאָמפּעס זענען דאָ אינסטאַלירט געוואָרן. די פּאָמפּעס אַרבעטן אויף דער פולער פּאַרע, און טרייבן דאָס וואַסער אין אונטערערדישע וואַסער־רערן, וואָס לענקען דעם שטראָם צו די פעלדער פון נגב. דריי פערטל פון די קוואַלן ווערט אָפּגעלענקט צום דרום צו, און דעריבער האָט דער ירקון געענדערט זיין אויסזען: זעלטן ווען טרעפט מען שוין אַפילו אַ לאָדקע מיט יונגוואַרג אויפן טייך. ערגעץ צווישן די קוסטעס פאַרבלאָנדזשעט אַ מאָל אַ מאָלער, וואָס שטעלט־אויף זיין סטאַ־לוגע, און צייכנט די האַלב־נאַקעטע ביימער, וואָס שטייען לענג־אויס דער קאַריטע מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, ווי ייִדן אין אַ נהרות־בבל־בילד.

און נישט נאָר דער אויסזען אַליין האָט זיך דאָ געענדערט, נאָר אויך זייך אָנזען ווי אַ טייך בכלל. אין שיכון גייען כסדר אַרום שמועות, אַז מען וועט דעם ירקון נאָך מער פאַרשמעלערן, אָפּלענקען די רעשט וואַסערן, וואָס מ׳האָט אים צוגעטיילט, און אפשר דערוואַרט אים גאָר דער בייזער גורל, אַז ער זאָל אין גאַנצן אָפּגעמעקט ווערן פון דער מאַפּע.

אָבער בוימוואָל וועט דאָ וואַקסן! אין דעם איז מיכאל זיכער, אַפילו ווען מ׳זאָל אין גאַנצן אָפּלענקען די וואַסערן, איז דער באָדן דאָ אָן אויס־גערוטער, און ליגט אין טאָל, די ערד איז שוואַרץ און פולכנע. די יִינגלעך פון מקוה־ישראל האָבן צו ערשט גענומען אַ ביסל ערד, פּאַרפּאַקט עס אין אַ טאָרבעלע, און צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער שמחה: קיין בעסערן באָדן פאַר בוימוואָל־פּאַרזיי דאַרף מען נישט!

נישט קיין לייכטע אַרבעט האָבן זיי זיך דאָ אונטערגענומען. אַ קאָאָפּע־ראַטיוול פון זעכצן מענטשן, וואָס שטייען אויפן פעלד און האָרעווען פון באַגינען ביזן זון־אונטערגאַנג, און זענען אויסגעשטעלט אויף דער ברכה פון דער ערד. דערווייל ווייס מען נאָך גאָרנישט ווי ס׳וועט אויסזען. אַלע טאָג קומען די מענטשן מיט די דזשיפּן: פון סוכנות, פון דער קריה, אַ קוק טאָן, אַ שמעק טאָן וואָס ס׳הערט זיך, ווי זיי וואָלטן חושד געווען, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועלן די פויערים פון קאָאָפּעראַטיוול אַראָפּ פון פעלד. צום מיינסטן פאַרעט זיך דאָ דער יונגער אַגראָנאָם אין טעמבל־היטל, וואָס פאַרשטעלט טיף זיינע אויערן. ער איז דער איינציקער באַרעדעוודיקער פון וועמען מען קאָן כאָטש אַ וואָרט אַרויסבאַקומען. ווי נאָר אורקע „דער שפּרעכער פון קאָאָפּעראַטיוול״ דערזעט אים, לאָזט ער זיך אים גלייך אַנטקעגן:

— נו, איר מעגט שוין הייסן געבן עפּעס על החשבון.

— איך מיש זיך נישט אין ביזנעס — באַווייזט זיך אַ גוטמוטיקער שמייכל אויפן אַגראָנאָמס פּנים — מיין דאגה איז נאָר ס׳זאָל געראָטן...

— איר זעט דען נישט? — צעשפּרייט אורקע די הענט און גיט זיך בשעת מעשה אַ דריי אין אַלע זייטן פעלד — אַ גרינער טעפּעך!...

— אויב ס׳וועט דאָ געראָטן, וועט מען אויך פּרוּוון אין חולה־געגנט און אין בית־שאן.

— אָבער לאָמיר דערווײַלע זען אַ פּאָר פּיאַסטער! — האַלט זיך אורקע בײַ ס׳זיניקע.

אורקע וויל נאָך עפּעס זאָגן, פרעגן, אָבער דער אַגראָנאָם וויל זיך נישט אַרײַנלאָזן אין לאַנגע שמועסן. עס קומט אונטער מיכאַל, אָבער אײדער ער באַווײַזט עפּעס צו פרעגן, רײַסט דער אַגראָנאָם אָפּ עטלעכע בלעטלעך פון אַ בוימוואָל־שטענגל און שפּרינגט צוריק אַרײַן אין דזשיפּ.

שטענדיק, נאָכן אַוועקפאָרן פון די חברה־לײַט וואָס קומען אויף אַ באַזוך, שטייט מיכאל ווי אַ צעטומלטער. ס׳דאַכט זיך אים אויס, אַז די לײַט, וואָס קומען דאָ פון אַלע זײַטן „אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך״, באַהאַלטן עפּעס אויס פאַר די מענטשן פון קאָאָפּעראַטיוו. דאָ מוז עפּעס זײַן, טראַכט ער, וואָס זיי ווילן נישט מיר זאָלן וויסן...

דאָס פעלד איז שוין באַגרינט פון עק צו עק. די וואָרצלען וואַקסן ממש פאַר די אויגן. זיי פאַרשפּרייטן זיך פונאַנדער אין עטלעכע „גענג״. צווײַגלעך אַזעלכע, וואָס צעשפּרייטן זיך אין אַ ראָד. די בלעטער האָבן זיך שוין אויסגעפאָרמירט אין קלײנע הערצלעך.

אַרבעט איז בײַ דעם דאָ גענוג, וואָס מער מען רייניקט דאָס ווילדגראָז, אַלץ שטאַרקער פאַרוואָרצלען זיך די פלאַנצן, ווערן שטאַרקער די קנאָספּן, פולכנער די בוימוואָל־וואַטע, מיט אַ זײַדענעם גלאַנץ, פון וועלכער מען קאָן ציִען גאָר לאַנגע פעדעם, אַזוי האָט בפירוש געלערנט דער אגראָנאָם אין טעמבל־היטל.

מיכאל מאַכט בײַ זיך אָפּ, אַז דאָס מאָל, ווען דער אַגראָנאָם וועט קומען, וועט ער צו אים צושטיין און אים נישט אַוועקלאָזן פון פעלד, ביז ער וועט אים אויסזאָגן דעם סוד. ער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי געשפּאַנט צו זען אַ מענטשן ווי איצט דעם אַגראָנאָם, און ער האָט זיך קוים אויף אים דערוואָרט:

— עפּעס סודעט איר זיך תמיד. וואָס פאַראַ געהיימעניש שטעקט דערבײַ?

— ווייס איך וואָס...

— מיר קענט איר זאָגן. — בעט זיך מיכאל און לייגט אַרויף די האַנט אויף די ברוסטן.

— נאָך צו פרי...

מיכאל גייט צו צו אים נענטער, און אין זיין בליק דערזעט דער יונגער אַגראָנאָם אי געבעט אי פֿאַרביטערטקייט:

— איך זאָג אייך צו, איך וועל נישט אַנטלויפֿן פֿון פֿעלד אַפֿילו ווען איר וועט מיר אַנטפּלעקן דאָס ערגסטע; אַפֿילו ווען איר זאָלט וועלן צונעמען דעם בוימוואָל אָן אַ גראָשן געלט. איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט אַז „בגד ללבוש" מוז קומען פֿון דער־אַ ערד, טאַקע דאָ פֿון דער ערד וואָס ביים ירקון.

דער אַגראָנאָם פֿאַררייכערט אַ סיגאַרעט:

— נאָך זעקס וואָכן וועט מען וויסן...

— וואָס וועט מען וויסן? — שטעלט מיכאל אָן מויל און אויערן.

אין דעם יונגן בחור האָט אויפֿגעבראָכן דער שטאָלצער געפֿיל פֿון אַ סאַברע, וואָס האָט פֿיינט צו לייקענען, און ווי אַ דאָקטאָר וואָס באַשליסט צו זאָגן דעם חולה ווי ער האַלט, האָט ער געזאָגט:

— קיינער וועט אייך נישט צונעמען קיין גראַם בוימוואָל. פּוסטע מעשיות! דער באָדן איז אין אייער רשות. נישט אין דעם גייט עס! די מורא קומט גאָר פֿון אַן אַנדער ריכטונג: עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע אינזעקטן...

מיכאַל האָט אויפֿגעציטערט און פֿאַר אויפֿרעגונג דעם אַגראָנאָם נישט געלאָזט אויסרעדן:

— זיי זענען שוין דאָ? טאַקע דאָ, ביי אונדז אויף די פֿעלדער?

— ווער זאָגט, אַז זיי זענען דאָ? וואָס ציטערט איר אַזוי? איך זאָג, אַז אין דער טעאָריע זענען זיי פֿאַראַן. אין די ביכער האָבן מיר דערוועגן געלערנט... אין די לאַבאָראַטאָריעס אין רחובות מאַכט מען עקספּערימענטן... איר זעט דען נישט, ווי איך נעם תמיד מיט בלעטלעך פֿון די בוימוואָל־פֿלאַנצן? אָבער דאָ ביי אייך אויפֿן פֿעלד? לאָזט זיך דאָס דערווייל אַרויס פֿון קאָפּ! אַז עס וועט זיך עפּעס ווייזן, וועלן מיר אייך שוין קומען וועקן, אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט... אַ רגע, לאָזט מיך אויסרעדן! ס׳זענען פֿאַראַן אַזעלכע אינזעקטן, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין די געוויקסן, און ווי שיין ס׳זאָל נישט אויסזען אויפֿן פֿעלד, ווערט פֿון אַלעם כהרף־עין אַ תל. נישט אַלע מאָל און נישט אין אַלע ערטער קומט עס, אָבער ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל קומען. מיר האַלטן אין איין מאַכן עקספּערימענטן, וועלכע כעמישע שטאָפֿן עס זענען די בעסטע פֿאַר דעזינפֿעקציע, אָבער דער קאַמף מיט

די בוימוואָל־מזיקים איז אַ שווערער. דערווייל האָבן מיר נאָך נישט קיין ריכטיק מיטל אין די הענט.

— איז מעגלעך אַז פון דער גאַנצער אַרבעט זאָל גאָרנישט אַרויס־קומען ?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז איר מוזט האָבן געדולד נאָך אַ זעקס וואָכן. נאָך דער צייט וועט דער בוימוואָל שוין זיין פאַרטיק.

דעם פאַרנאַכט איז מיכאל אַהיימגעקומען מער מיד ווי אַלע מאָל. כל־זמן ער האָט נישט געוווסט פון דעם געפערלעכן שונא, די בוימוואָל־מזיקים, האָבן אים די פעלדער געצויגן, ווי עס ציט דעם שוישפּילער צו דער בינע. ער האָט זיך געגרייסט מיט יעדער בייט ערד, וואָס איז אָפּגערייניקט גע־וואָרן דורך זיינע הענט. אויף ביי נאַכט האָט ער אַריינגעשטעקט שטעקעלעך אין דער ערד, כדי אויף מאָרגן צו זען מיט וויפל די שטענגלעך זענען צוגעוואַקסן. ער האָט שוין געוווסט, אַז די פלאַנצן וואַקסן ביי נאַכט. היינט, ווען ער איז געקומען אין פעלד אַריין, האָט ער דערפילט אַ קילקייט אונטער די פיס, ער איז געוואָרן מער ניכטערער. ער האָט דערזען, אַז אין דעם קאָאָפּעראַטיוול, אין וועלכן אורקע האָט אים אַריינגעפירט קאָן זיין אָדער כולו־ריווח, אָדער כולו־היזק. פאַר אַזאַ ריזיקאַלישן שפּיל האָט ער נישט געהאַט קיין חשק. וואָלט ער דאָס געוווסט אין אָנהייב...

איצט קלערט ער נאָר אין וועלכער זייט דאָס צינגל וועט זיך אַ צי טאָן. און וואָס וועט דעמאָלט זיין ווען די מזיקים וועלן זיך באַזעצן אויפן בוימ־וואָל ? ווי וועט ער אַרויס פונעם קאָאָפּעראַטיוול ? אפשר וועט דאָס זיין נאָך ערגער, ווי אַ צווייטע פאַרפּלייצונג ? וואָס־זשע טוט מען ? דערציילן קלאַרען ?

ער האָט דערווייל געהאַלטן דעם סוד טיף אין זיך. צו וואָס זי באַ־אומרויִקן ? וואָס קאָן זי דאָ העלפן ?

יענע נאַכט האָט ער אין חלום געזען, ווי מחנות שרצים קריכן אַרויס פון ירקון אין דער ריכטונג צו די בוימוואָל־פעלדער. ער לויפט זיי אַקעגן מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט. דערנאָך שיט ער קאַלך לענג־אויס דעם טייך, צו פאַרשטעלן זיי דעם וועג. אָבער עס העלפט נישט, און די מזיקים קריכן ווייטער. זיי באַפאַלן די פולע קנאָספּן, גריזשען זיך אַריין אינעווייניק און

מאַכן אַן אַ חורבה. לעבן אים שטייט דער אַגראָנאָם אין טעמבל־היטעלע, מיט אַ מיקראָסקאָפּ אין האַנט. ער רייסט אָפּ אַ בוימוואָל־בייטעלע, לייגט עס אַרונטער אונטערן גלאָז, און הייסט אים, מיכאלן, אַריינשטעקן דאָס אויג אינעם לאַנגן רערל:

— זאָג, וואָס זעסט דו דאָרט? — פרעגט דער אַגראָנאָם.

און מיכאל רעדט ווי אַ היפּנאָטיזירטער, נישט אָפּרייסנדיק דאָס אויג פונעם רערל:

— אוי! אוי! וואָס פאַרא חורבן זיי האָבן געמאַכט. נישט מער איבער־געבליבן ווי אַ ביסל פּרוכנע. ווי זיי לויפן!... ווי זיי גריזשען און פרעסן!... עס בלייבט נישט מער צו טאָן ווי פאַרברענען, ווי מען האָט אונטערגעצונדן די קופּעס טרוקענע ביימער פון אַלטן פּרדס. האַ, ווי זאָגט איר אַגראָנאם? פאַרברענען איז אַ זיכערע דעזינפעקציע, האַ?

אָבער פאַר וואָס זאָל ער נישט צוגרייטן זיין קלאָרען? ערגער וועט דאָך זיין, ווען דאָס וועט קומען פאַר איר אומגעריכט. פונקט ווי די פאַר־פלייצונג אין דער אַראַבישער כאַטע. ניין, מאַכט ער ווידער מיט זיך אָפּ. דאָס איז נישט קיין ענין פאַר ווייבער. דאָ האַנדלט זיך אין גרעסערע זאַכן. דאָ גייט אין אויפשטעלן אַ נייעם צווייג פון רוישטאָפן אינעם לאַנד. נישט דאַרפן צו קויפן בוימוואָל.

פון דעמאָלט אָן האָט ער געציילט די טעג, ווי איינער, וואָס שטייט פאַר אַ גרויסן משפּט און דערוואַרט אַ גזר־דין. זיין פּנים איז געוואָרן לענגער, און די באַקנביינער שפּיציקער און דאַרער. אָבער אויף אַלע פראַגן פון קלאָרען, האָט ער אַלע מאָל געהאַט אַן אויסרייד און איר וועגן „סוד" קיין וואָרט נישט געזאָגט.

אויף די פעלדער האָבן זיך אויפגעהויבן די בוימוואָל־קושאַקעס הע־כער און פולער. דערנאָך האָבן זיי זיך באַדעקט מיט בלימעלעך, און מיכאַל האָט געזען, ווי עס פּילן זיך אָן די קנאָספּן. וואָס אַ מאָל זענען זיי גע־וואָרן פולער אויפגעקוואָלן, ווי אַ פּנים געשוואָלן פון ציינווייטאָג. דערנאָך האָט דאָס געשווילעכץ אויפגעבראָכן מיט ווייס־האָריקע צויטן.

— ווער ווייס, — האָט מיכאַל געטראַכט, — אפשר וועט געלונגען אַראָפּצוכאַפּן דעם בוימוואָל איידער עס קריכן אַרויס פון ירקון די מחנות מזיקים...

אַ פייערדיקער חמסין האָט שוין אָנגעהאַלטן דעם דריטן טאָג. ס'האָט געבושעוועט אַ הייסער ווינט, וואָס איז געקומען פון דעם סאַהאַראַ־מדבר, און געשאָטן דאָס צעגליטע זאַמד אין פּנים אַריין. אין דער לופט האָט מען גע־פילט אַ צוגעזענגטן ריח, ווי ביים פאַרברענען דערנער אויף די פעלדער. דאָס איז אַ ספּעציפישער חמסין־ריח. ביים ירקון־ברעג איז די היץ געווען נאָך שטאַרקער, כאָטש דאָ האָט געבלאָזן ווייניקער זאַמד אין פּנים אַריין. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פון די האַלב־נאַקעטע לייבער, און טרינקען האָט זיך געוואָלט גאַנצע פעסער. אַז מען איז געזעסן אַריבערגעבויגן אי־בער די בוימוואָל־פלאַנצן, האָט מען געזען, ווי פון טייכל הייבט זיך אויף אַ פאַרע ווי אַ דורכזיכטיקער נעפל. מיט דער־אַ פאַרע קאַרמעט דער ירקון אָן די ביימער און קוסטעס, וואָס וואַקסן ביי זיינע ברעגעס, און דעריבער טוען די ביימער נישט נאָך די אַנדערע, וואָס וואַקסן אויף דער טריקעניש, און אין חמסין־טעג לאָזן זיי גלייך אַראָפּ די בלעטער ווי זיי וואָלטן חלשן. אין אַזאַ חמסין קאָן מען אַפילו אָפּקאָכן אַן איי אין צעגליטן זאַמד, אָבער די מענטשן פון קאָאָפּעראַטיוול טוען זייער פעלד־אַרבעט.

די מענטשן פון קאָאָפּעראַטיוו זענען דענערווירט: שוין מער ווי אַ וואָך, ווי די אַגראָנאָמען האָבן זיך נישט באַוויזן אויפן פעלד. אורקע און מיכאל האָבן אַלע טאָג געטאָפּט די בוימוואָל־שויטן. געפאַרשט זייער פייכטקייט, אָוועקגעשאַרט די ערד און נאָכגעקוקט, אויב עס טריקענען שוין די וואָרצ־לען. אין די בלעטער האָבן זיך שוין באַוויזן ברוינע פלעקן, און פון די קעפלעך שטופן זיך ווייסע צעפלעך. זיי פאַרשטייען, אַז עס דערנענטערט זיך דער בוימוואָל־אַראָפּנעם, אָבער אויף אייגענער האַנט ווילן זיי נישט אָנ־הייבן. ס'האָט זיך שוין געמאַכט פאַרנאַכטלעך, און זיי האָבן זיך גע־גרייט אַהיימצוגיין. פּלוצעם דערזעען זיי ווי עס לויפט אָן אַ דזשיפּ. דער אַגראָנאָם מיטן טעמבל־היטל איז דאָ! ער לויפט גלייך אויף די פעלדער. יעדע פּאָר טריט שטעלט ער זיך אָפּ, באַטאַפּט עטלעכע שויטן, ציפּט פון זיי אַרויס די וואַטע, צעציט אין לאַנגע פעדעם. די פעדעם האַלט ער הויך אַקעגנאיבער דער רויטלעך־פאַרגייענדיקער זון. דערנאָך דערנענטערט ער זיך מיט שנעלע טריט, און שרייט שוין פון ווייטנס:

— צייטיק! צייטיק!

— מ'קאָן אָנהייבן דעם אַראָפּנעם?

— אַפילו שוין איצט!

מיט איין מאָל איז מיכאַלס האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד. ער איז צוגעלאָפן צום יונגן אַגראָנאָם, אים אַרומגעכאַפּט און פעסט צוגע־דריקט צו זיך:

— דו קונדס איינער, האָסט מיר אַזוי פיל שרעק פאַרשאַפט!...

— איצט, — האָט דער אַגראָנאָם געזאָגט, — דאַרפט איר נאָר האָבן איין זאַך: הענט. אַ סך הענט!

די ערשטע הענט, וואָס האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו פליקן דעם בוים־וואָל, זענען געווען מיכאלס. נאָך פאַר זון־אונטערגאַנג האָט ער באַוויזן אָפּ־צופליקן צוויי פולע זעקלעך בוימוואָל. ער איז מיט די פולע זעק אַרויפ־געלאָפן אויפן באַלקאָנדל און אַלע שכנים אַרויסגערופן פון די שטובן:

— זעט, בוימוואָל וואַקסט הינטער מיין פענצטער!

דערנאָך איז ער צוריקגעלאָפן אין פעלד אַריין. ער האָט אַנידערגע־קניט פאַר אַ בוימוואָל־שטרענגל, גענומען אין זיינע הענט אַ פולן קנאָספּ און אָנגעהויבן אים עפענען, געצויגן דינע פעדעם בוימוואָל. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט געעפנט טויערן, וואָס זענען געווען דורות־לאַנג פאַר זיינע אָבות פאַרשלאָסן. און ווען דער קנאָספּ איז שוין געווען ליידיק, האָט ער אַ בליק געטאָן אויף דעם פענקל וואַטע אין זיינע הענט, זיינע ליפּן האָבן גענומען ציטערן און ער האָט קוים דערהערט זיינע אייגענע ווערטער:

— איך וועל מער פון די ירקון־ברעגעס נישט אַוועקגיין!...

שייך-מוניס

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די גאַסן זענען געשטאַנען צעגליטע און פאַרטרוקנטע פון שטויב. זיינוולען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פּאַדעשוועס פון זיינע שיך האָבן זיך אָנגעגליט אויף די צעהיצטע שטיינער. מיט אייליקע טריט האָט ער געשפּאַנט איבער אַלענבי־גאַס צו דער תחנה המרכזית. פאַר די אויגן האָבן זיך אים געמיניעט: געשעפטן פון שיך, קאָנפעקציע, ביכער און בלומען. ס׳איז אים פאַרגעקומען, אַז אין שטאָט איז אומעטום דער אייגענער גערויש, טומל, איילעניש און סכנה ביים דורכגיין יעדן שפּאַן, יעדן סקווער און געסל. און די שוי־פענצטער — זיי מאָנען, לעכצן אַרויסצוציִען פון דיר די לעצטע פּאַר פּיאַסטערס...

ערשט איצט איז אים אַזוי היימיש געוואָרן זיין דערפל, וואָס ליגט אַקעגנאיבער דער עלעקטרישער רידינג־סטאַציע אויפן פּליכעוואַטן שאַרבן פון אַ זאַמדיקן באַרג און ווי אַ געטרייער שומר האַלט עס אַ וואַך־אויג אין תל־אביבער צפון אויפן ים־ברעג.

ווען ער איז אַדורך דעם סקווער און גענומען גיין באַרג־אַראָפּ צו דער אַלטשטאָט, איז אים אויפן געמיט אַ ביסל לייכטער געוואָרן. דאָ שטייען לענג־אויס די גאַסן קליינע קרעמלעך פון בוי־מאַטעריאַלן, אייזנ־וואַרג און צעלניק, סטראַגאַנעס מיט פרישן געבעקס, אויבסט, ירקות און שפּילערייען פאַר קינדער. די פאַרקויפערס זענען אויך נישט, ווי אויף אַלענבי־גאַס, אַזעלכע שטייפע, און מ׳זעט אויך נישט דאָ אַזעלכע אויס־געפּוצטע מיידלעך מיט אַ שטאַרקן פּאַרפום־גערוך. דאָ שטייען די בעלי־הבתים אַליין און פאַרקויפן די סחורות מיט אייגענע הענט, ציטערן, אַ קונה זאָל נישט אַוועקגיין און זיי לאָזן אַ שפּאַר ביסל אַראָפּ פון פּרייז. אַפילו קליינע יִינגלעך האַנדלען דאָ מיט נאַשוואַרג, פּונקט, ווי אַ מאָל אין אַ יאַריד־טאָג דאָרט, ביי זיינוולען אין שטעטל. פאַרבייגייענדיק פאַר אַ

קרעמל פון בלעכוואַרג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין ברײנדל האָט אים געבעטן קויפן עפּעס פון קיכגעשיר. אין גרויס אײַלעניש איז ער צוגעקומען צום לעצטן אויטאָבוס, וואָס גייט־אָפּ ערב־שבת.

שבת האָט שייך־מוניס אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען, ווי אין די טעג פון אַ גאַנצער וואָך. כאָטש ווי יעדן טאָג קוקט דאָס דערפל אַראָפּ פון דעם שפּיציקן באַרג מיט זיין גרויער זיקנה, מיט די איינגעבויגענע געלעכערטע דעכער און איינגעהויקערטע מויערן — דאַכט זיך אָבער זיינוולען אויס, ווי דער באַרג וואָלט זיך אַ רוק־געטאָן פאָרויס צום ים־ברעג, ווי עס וואָלטן זיך מיט אַ מאָל אויסגעשטרעקט הונדערטער פּאָר הענט און דערלאַנגט אַברייטן שבתדיקן שלום עליכם די מלאכי השרת — אַ שבת שלום!

אַז זיינוול איז אַראָפּ פון אויטאָבוס, האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט: וואָס איז געווען דאָס גאַנצע אײַלעניש? די זון שטייט נאָך איבערן סאַמע האָריץ פון ים און די פּאַליעס, זעט מען, יאָגן זיך רייטנדיק איינע איבער די צווייטע מיט אַ ווייסן שוים. אַ מאָל, אין דער אַלטער היים, וואָלט מען אָנגעטאָן אַ פּאָר גראָבע שטיוואַלעס און געהוּלכט צו פוס אין שטאָט אַריין. אָבער דאָ איז דער מענטש גאָר אַנדערש, ווי ער וואָלט אויפגעהערט צו גלייבן אין דער קראַפט פון זיינע רגלים. מ׳האָט זיך געלאָזט באַהערשן פון דער מאַשין. מען איז צוגעבונדן צו איר. איז נישטאָ דער אויטאָבוס, וואַרט מען אויף אים לענגער, ווי ס׳וואָלט געדויערט דער צופוס־גאַנג אין שטאָט אַריין.

ערשט איצט, ווען פאַר זיינע אויגן האָבן נאָך געמיניעט די גרויסשטאָטישע געביידעס האָט ער דערזען, ווי די הייזלעך פון שייך־מוניס זענען אָנגעוואָרפן און אַריינגעבאַקן, ווי צעווירענע קוילעטשן איינס אין אַנדערן. נאָך פון דער ווייטנס, ווען ער האָט אַ בליק־געטאָן אויפן דערפל, האָט זיך אים געדאַכט, ווי גאַנץ שייך־מוניס איז נישט מער ווי נחס תיבה, וואָס איז נאָכן לעצטן איירָאַפּעיִשן מבול געבליבן שטיין אויפן שפּיץ באַרג. נישט מער, די מענטשן פון דער תיבה האָבן נישט אַריינגענומען אין איר קיין חיות, ווייל חיות האָט דעמאָלט נישט געדראָט קיין סכנה...

אַזוי אײַלנדיק צו זיך אין שטוב־אַריין, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן

פריש־אונטערגעשוירענעם האַלב־גרויען בערדל, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט זיינע געדאַנקען, און ווי זיין טבע איז, גערעדט צו זיך אַליין.

זיי, די וותיקים, דערציילן די מעשה אַזוי:

שייך־מוניס איז געווען אַן אַראַבישער שייך, געשטאַמט האָט ער פון אַ ירדנישן וואַנדער־שבט. ער האָט זיך דאָ אויפן באַרג אָפּגעשטעלט מיט זיינע פיר ווייבער און 23 קינדער, מיט זיינע קעמלען, שעפּסן, אייזלען און געגומען בויען דאָס דערפל, וואָס טראָגט עד היום זיין נאָמען. אָבער בעת דער באַפרייַונגס־מלחמה איז ער אַוועק פון דאָרף, ווי דורך אַ ווינט פאַרטאָגט, און איבערגעלאָזט פוסטע הייזקעס און קופּעס מיסט.

באַלד אָבער האָט זיך דער ווינט אויסגעדרייט און מיט רעש אָנגעטראָגן דעם ערשטן עליה־שטראָם פון די די־פּי־לאַגערן פון דייטשלאַנד. די נייע עולים האָבן געשלאָגן כפּרות מיטן אַראַבישן שייך און אויף פּראָסט יִדיש רופט מען דאָס דערפל „שלח מנות". אין דער אמתן — טראַכט זיינוול — איז דאָס גאַנצע דערפל אַ שטיק וווּנדער. דאָ וווינען דאָך מענטשן פון איין גורל: אַרויסגעשפּרונגענע פון די וואַגאָנעס, פון די גאַזקאַמערן און ברענאויוונס. פּרווו נאָר אַ נעם־טאָן איינעם פון די דאָזיקע מענטשן און אויסהערן די מגילה פון זיינע איבערלעבונגען; דרינג אַריין אין איין שטוב אַזאַ, אין איין יִדישער נשמה, דערפילסטו גלייך דעם געראַנגל צווישן דעם דערדריקנדן חושך פון יענע טעג און די קאָנטורן פונעם נייעם האַרטן לעבן. אָבער פון דרויסן פּטרט מען דאָס אָפּ מיט אַ ווערטל: שלאָך־מוניס

די ערשטע צייט, ווען זיינוול איז אַהערגעקומען, האָט ער זיך דאָ געפילט פרעמד. די אַראַבישע הייזקע איז געווען אומהיימלעך. די ליימיקע ווענט זענען געווען פול מיט לעכער, אין וועלכע פאַרשידענע ווערעם און „צוואַנציק־פיסיקע"־קריכערס האָבן געהאַט זייערע נעסטן. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז מען פון שטוב מער נישט אַרויס. דער גויאַוועבוים האָט זיך געוויגט אַקעגנאיבער דעם פענצטער און געוואָרפן מרה־שחורהדיקע שאָטנס איבער די ווענט און סופיט. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט ווי דער רוגזדיקער ים רייסט זיך צום ברעג און זיין גערויש האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן געוואָי פון די שאַקאַלן.

צו ביסלעך איז ער געקומען צו זיך. ער האָט זיך אַ נעם־געטאָן צו פאַרריכטן די הייזקע, אָפּגערוימט אַלע גראַטעס פון הויף, אַרומגעצוימט

אַ פּלויט, פֿאַרפּלאָנצט נייע ביימער און אָנגעהאָנגען מזוזות אויף די טירן. דאָס איבעריקע האָט שוין געטאָן זיין ברײַנדל. זי האָט אויפֿגעהאָנגען נייע פֿאַרהאַנגען אויף די פֿענצטער און אויך נייע זשיראַנדאָלן, אַרײַנגעשטעלט אַ קאַמאָדע־שענקל, אַ ווייסן אײַזקאַסטן און זיינוול האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן, ווי ביי זיך אין דער היים, אין שיראַדז.

אַ גאַנצע וואָך איז זיינוול אַ פֿאַרנומענער מענטש. ער אַרבעט שעהען און איבערשעהען, אָבער אַז עס קומט שבת, טוט ער זיך אָן דעם באָרדאָ־געבלימלטן שלאָפֿראָק מיטן טראָלדיקן גאַרטל און כאַפּט זיך אַרויס מיט זיין ברײַנדלען אויף אַ שפּאַציר. ערשט ביז דאָ־נישט־לאַנג האָט ער געהאַט אַ תענוג צו שפּאַצירן מיט זיין שכן שמולקע, אָבער פּלוצעם האָט יענער פֿאַרלאָזט די דירה, געזאָגט האָט ער אַפֿילו, אַז אַלץ צוליב דעם, וואָס אינעם דאָרף איז נישט פֿאַראַן קיין לשכת עבודה * און ס׳איז אים מיאוס געוואָרן תמיד צו לויפֿן זיך פֿאַרשרייבן אין שכנותדיקן הדר־יוסף.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז שמולקע האָט זיך אויף שנעל אויסגעלערנט אַ ניי גוט פֿאַך. ער איז געוואָרן אַ פּאַלאַטן־לייגער, אָנגעהויבן גוט צו פֿאַרדינען, דערשמעקט דעם טעם פֿון שטאָטישן לעבן און איבערגעגאַנגען אין אַ דירה אין צפֿון תל־אביב.

אין שמולקעס דירה איז אַרײַנגעקומען אַן איראַקישע צוועלף־קעפּיקע משפּחה.

זינט שמולקע איז אַוועק פֿון דער דירה, הערט מען נישט קיין ייִדיש וואָרט אויפֿן הויף. די איראַקער רעדן און שרייען נאָר אויף אַראַביש. זיי האָבן שוין באַוויזן אַרײַנצושטעלן אַ ראַדיאָ, וואָס קלאַפּט פֿון פֿרי ביזן שפּעטן אָוונט אַראַבישע ניגונים און תּפֿילות.

אַז זיינוול האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען זיין נייע שכנטע — אַן אויס־געדאַרט ווייבל מיט טונקל־אָפּגעברענטע קין־ביינער, האָט זיך אים אויס־געוויזן, אַז עפּעס אַן אַזיאַטישער פֿויגל איז דאָ אַרײַנגעפֿלויגן אין אַ פֿרעמדער נעסט... איצטער איז ער שוין צוגעוווינט צו דעם און ער נעמט רויִק אויף זייערע ליאַרעמס און געשרייען. אויפֿן הויף באַגעגנט מען זיך גאָר פֿריינדלעך.

---

* לשכת עבודה — אַרבעטס־פֿאַרמיטלונג־ביוראָ.

— וואָס זעט מען עפּעס נישט אייער מאַן? — פרעגט ברײַנדל די איראַקערין.

ער ליגט און כראָפּעט. שבת איז זײַן טאָג, אָדער ער גייט אין דער קנייפּע טרינקען, אָדער ער ליגט אויף דער פּריטשע.

— אַזוי איז ער פון וויגל אַרויס? — מישט זיך אַריין זיינוול.

די איראַקערין גיט אַ פיר מיט די הענט אין דער לופטן און זאָגט, אַז ס׳האָט געקענט זיין נאָך ערגער: דאָ שלאָפט ער מער, ווי ער טרינקט. דאָרטן אין איראַק איז ער געווען אַן אויפזעער אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע, און דאָ פּאָרט ער אַרום מיט אַ ירקות־וועגעלע.

— אָבער קינדער האָט איר... — טרייסט ברײַנדל די שכנטע — טאַקע איינס און איינס...

— און זי האָט איר אויך געבראַכט פון דאָרט? — גלעט זיינוול דעם קעפּל פון אַ קליין מיידעלע, וואָס וויקלט זיך אַרום דער מוטערס קליידל.

— שושנה איז די איינציקע, וואָס איז דאָ געבוירן — אַ סאַברע. זי ווייסט אַפילו נישט דעם טעם פון געבראָטענעם שעפּסן־פלייש און נישט פון איראַקער עפּל. די איבעריקע קינדער געדענקען דאָס זייער גוט.

— מ׳דערקענט באַלד — זאָגט זיינוול, אַז די קליינע איז אַן אונדזעריקע. ער גיט זיך אַ דריי־אויס, ווי ער וואָלט אָנזאָגן ברײַנדלען, אַז

דער שמועס איז געענדיקט און מיט פּאַוואָלינקע טריט גייט ער אַרויס פונעם הייפל.

— פאַרשטייסטו מיך, ברײַנדל, ס׳איז די אייגענע מעשה: „זכרנו את הדגים אשר אכלנו במצרים"... איז דער טייטש דערפון — ווי לאַנג עס דרייט אין דער נאָז אַ גערוך פון פאַרשטונקענע פיש, קאָן מען קיין גוטן טעם אין אַ מאָלצייט נישט פילן...

— הלמאי זאָל איך זאָגן, אַז דו ביסט נישט גערעכט — זאָגט ברײַנדל שטיל. ביי זיי מעסט מען אַלץ פון טאָפּ־אַרויס און...

— כ׳וויל מער נישט הערן „זיי" און „מיר" — רייסט זיינוול האַסטיק איבער.

הגם זיינוול איז געווען אויפגערעגט און ער האָט געוואָלט זיך אומ־קערן צוריק אין שטוב אַריין, האָט ער אָבער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַזוי עזותדיק צו האַנדלען קעגן זיין ווייב און אַנטלויפן פון איר אין מיטן שמועס. ער איז געגאַנגען ווייטער מיט פּאַמעלעכע טריט. ס׳האָט זיך געשאַפן ביי אים דאָס געפיל, ווי ער גייט איצט אויף אַן אינספּעקציע איבערן דערפל, ווי ער וואָלט מחוייב געווען צו גיין זען וואָס עס טוט זיך, וואָס ס׳איז דורך די זעקס טעג פון דער וואָך געשאַפן געוואָרן, ווי ווייט צפון תל־אביב האָט זיך שוין אויסגעבויט און דערנענטערט צום דאָרף.

ברײַנדלען האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי מען קוקט אויף זיי, ווי אויף אַ צעקריגט פּאָרפאָלק, זי האָט באַמערקט, ווי זיינוול קוקט אָן יעדעס ווינקעלע מיט אַ טיפער דורכדרינגלעכקייט, ווי אויף זיין פּנים צעגיסט זיך אַ הנאָהדיקער שמייכל, פונקט ווי ביי אַ קינד, ווען עס רירט אָן מיט די הענטלעך די שבתדיקע בגדימלעך. זי האָט שנעל געוואָלט אַרויס פונעם שמאָלזאַמדיקן געסל, ווו פון ביידע זייטן האָבן גערינען ריטשקעס אָפּלויף־וואַסער. נאָך עטלעכע טריט און זיי זענען אַרויסגעקומען צו אַ פרייען פּלאַץ ביי דער אַשכנזישער שול.

עפּעס אַ פּאַרשפּעטיקטער מנין האָט נאָך געהאַלטן ביי קדושה, ביים אַריינגאַנג איז געווען אָנגעהאָנגען אַ נייער שילד.

בית כנסת ע״ש החיילים דוד בש ומרדכי גריץ ז״ל

שנפלו במלחמת השחרור בהגנת מדינת ישראל.

זיי זענען אינסטינקטיוו צוגעגאַנגען צו דער שול־מויער. זיינוול האָט

אַ קוק־געטאָן אויפֿן ווייב, איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און גע־רעדט צו איר ווייך ווי צו אַ קינד, ווי ער וואָלט איר וועלן געבן אָנצוהערן, אַז עס אַרן אים נישט אַלע אירע חסרונות פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַבי זי זאָל אים איצטער אויסהערן מיט קאָפּ.

— ברײַנדל! — הייבט ער אָן שטיל און ברײַנדלען דאַכט זיך, אַז זיינע צײַנער טרייסלען זיך אין פּיבער — האָסט געהערט, ברײַנדל, אַז אין חוץ־לארץ זאָל מען אַ ייִדישע שול רופֿן אויפֿן נאָמען פֿון געפֿאַלענע זעלנער? הערסט ברײַנדל, דו ווייסט דאָך, איך קום אין שול אַריין נישט מער ווי אין די ימים נוראים און ווען כ׳האָב יאָרצייט. אָבער, אַז כ׳בין אינעווייניק ווערט ביי מיר עפּעס אַ גאַנצער מיש־מאַש. עס ווערט מיר אומעטיק און כ׳וויל אַ פֿרעג־טאָן דעם בורא־עולם: „אפשר קומט דיר נאָך ביי מיר אַ רעשט, הא? האָסט זיך צוגעקוקט ווי מען שעכט און ברענט דיינע חסידים און אַנשי־מעשׂה, רבנים און תּינוקות של בית רבן. האָסט געהערט דאָס ביטערע געוויין פֿון די ייִדישע מאַמעס, וועמענס קינדער מ׳האָט געמאָרדעט פֿאַר זייערע אויגן, און דו ביסט זיך אַזוי געזעסן אויף דיין כּסא־הכּבֿוד און נישט געטאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין״...

פֿאַרשטייסטו מיך, ברײַנדל, אַרײַנזאָגן דעם רבונו של עולם שאַדט נישט. משה רבינו האָט זיך אויך אַ מאָל קעגן אים צעבונטעוועט, און אַפֿילו ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט זיך אויך נישט געשעמט אים צו לאָדענען צו אַ דין־תּורה... אָבער באַלד כאַפּ איך זיך, אַז נישט דאָס איז דער עיקר. דאָ בין איך אין אַ מקום קדוש, וואָס עקסיסטירט צום אָנדענק פֿון צוויי העלדישע סאָלדאַטן פֿון צה״ל, און עס נעמט מיך באַלד אַרום אַ געפֿיל פֿון חרטה. פֿאַר וואָס בין איך זיך אַליין מבֿזה? דאָ איז דאָך נישט דאָס אָרט פֿאַר מחלוקת. אַ געפּלעפּטער זעץ איך זיך אַוועק אין אַ ווינקל און ס׳הייבט אָן ברומען אין מיר עפּעס אַ ניגון. אַ ניגון אָן אַ פּירוש און אָן אַ טרייסט. ערשט ווען מ׳קאָן שוין מער נישט וואַרטן מיט מנחה־דאַוונען און מער ווי אַכט מענטשן צום מנין זענען נישטאָ — רופֿט זיך צו מיר אָן אַ גרייזגרויער זקן:

— „זיינוול, זאָג אַשרי, ס׳איז דאָ מנין״!

קוק איך זיך נאָך אַ מאָל אַרום, צייל אויף אַלף־בית, און פֿרעג אים:

„ווי אַזוי״? „מ׳קאָן צורעכענען די צוויי זעלנער צום מנין״ — זאָגט דער זקן געלאַסן. „על־פּי נשמה יאָ, אָבער על־פּי דין טאָר מען קיין מת נישט צורע־כענען צום מנין״. האָט דער אַלטיטשקער געגעבן זיך אַ שטעל־אויף ווי אַ לייב און ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויפגעקאָכט, אַז די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן און די אויגן־קישעלעך זענען אויפגעקוואָלן: „וואָס האָסטו געזאָגט? אַ מת? פון ווען אָן זענען דאָס ביי דיר גבורי־ישראל מתים?״ און ער איז אַליין אַ שפּרונג־צו געטאָן צום עמוד דאַוונען מנחה.

— קום שוין, קום! דו רעדסט, ווי פון חלום — גיט זי אים אַ נעם ביים אָרעם און גייט אַרויס אויפן כביש.

פון דער ים־זייט האָט אַ בלאָז־געטאָן אַ קיל ווינטל, אַ מחנה ווייסע מעוועס האָבן מיט אַ שימערדיקן פלאַטער זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, עפּעס אַרומגעזוכט מיט אימה און זיך באַלד באַהאַלטן צווישן דיביימער ביים ברעג פון ירקון־טייך. די באַוועגונג אויפן כביש איז געווען אַ שוואַכע. איינצלנע מאַשינען זענען בליץ־שנעל פאַרבייגעלאָפן און אין זיינוולס אויגן האָט דער גאַנצער אַרום איצט אויסגעזען פלאַי־פלאַים:

— ווען איז דאָס אַלץ געבויט און געשאַפן געוואָרן? דו געדענקסט ברייינע, ווען מיר זענען אַהערגעקומען איז אַרום געווען פּוסט און וויסט. אָט, זעסטו, דאָס קליינע אַראַבישע הייזל, וואָס איז אַ מאָל געווען פאַר־איינזאַמט, געלעגן ווייט אינעם פּוסטן פעלד, איז שוין איצט אַרומגערינגלט מיט שטאָקיקע בנינים. אַפילו זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, און די נייע הייזער רוקן זיך אַריין אינעם דערפל.

הינטערן דאָרף איז שוין געווען אויפגעבויט אַן עלעקטרישע סטאַציע, אַן עקספּערימענטאַלע סטאַציע פאַר בוי־מאַטעריאַלן, וואַסער־סטאַציעס, פאַרשטעלטע בענזין־אַרסענאַלן און מ׳שמועסט, אַז מען נעמט בויען אויך אַן אוניווערסיטעט. ביי די זייטן פון וועג שטייען גראָבמאַשינעס. מיט זייערע שטאָלענע, פאַרבלאָטיקטע ציין זעען זיי אויס ווי בייזע הינט, וואָס מ׳האָט איבער דעם שבתדיקן טאָג אָנגעבונדן אויף קייטן. מאָרגן וועלן זיי זיך ווידער אָפּרייסן, גריזשען שטיקער פונעם הויקערדיקן באַרג און פאַר־וואַנדלען אים אין פלאַכלאַנד. שפּעטער וועלן קומען די מויערער מיט די טעמבעל־היטעלעך און אָנגעהאָנגענע טלומעקלעך טאָגשפּייז, און דאָ אויפ־שטעלן נייע הייזער, ווי מען שטעלט באַנקעס אויף אַ פּלייצע.

ס׳איז זיי אָקעגנגעקומען אַ געזעמל פריילעכע מענטשן, וואָס האָבן געצויגן פון צפון־קוואַרטל פון דער שטאָט. אַ סך האָבן זיך אָוועקגעזעצט מיט די קינדער ביי דער זייט פון וועג, אינעם שאָטן פון אַ יונג וועלדל. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן, געלייענט ביכער און אַרומגעטאַנצט.

זיינוול האָט זיך אַרומגעקוקט:

— ס׳מוז שוין זיין שפּעט. אַ ביסל זיך צערעדט, און מען גייט שוין פון שול.

עטלעכע ייִדן מיט טליתים אונטער די אָרעמס האָבן זיי אָנגעיאָגט.

— גוט שבת!

— שבת שלום, ר׳ זיינוול!

ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל, ווי ער אַליין וואָלט איצטער געגאַנגען פון דער שול און באַלד אַראָפּגעפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש:

— נישקשה, האָט זיך דאָ אַ בוי־געטאָן, האַ?

— און מען האַלט נאָך אין איין בויען!

— מען הייבט ערשט אָן צו בויען!

— ווי ווינט זיך עפּעס אינעם „צפון" ר׳ כאַצקל? — מישט זיך אַריין ברײַנדל.

— ווי ביי זיך אין דער היים! אַ גוטע דירה און גוטע שכנים, אפילו אַ גוטע „משכנתא" האָט מען מיר געמאַכט...

— אַ צרכניה האָט איר?

— ס׳איז דאָ!

— און אַ שולע?

— דאָס בויען זיי ס׳ערשטע.

— און וואָס איז מיט אַ מנין?

דער ייִד מיטן טלית אונטערן אָרעם, וואָס ברײַנדל רופט אים כאַצקל, האָט זיך שטאַרק צעהוסט, און נאָכן אויסהוסטן, אַרויסגעוואָרפן די ווערטער:

וואָלקנקראַצערס, קינאָס, האָטעלן, ספּאָרט־פּלעצער, נאָר...

— נאָר וואָס? האָט זיינוול געוואָלט וויסן איידער כאַצקל צעהוסט זיך ווידער.

— נאָר, נאָר אין שול אַריין איז נאָך אַלץ ווייטער פון אַ תחום שבת!

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דער הוסט האָט אים ווידער גענומען. ער איז איילִיק אַוועק קוים אַרויסזאָגנדיק אַ פאַרשטיקטן „שבת שלום״!

זיינוול האָט געוואָלט אים צוריקרופן, עפּעס איבערפרעגן, אַריינגיין אין אַ ויכוח, ווי זיין שטייגער איז שבת מיט יידן, נאָר זײַן ווייב האָט אים געוויזן, אַז די זון שטייט שוין אין מיטן הימל און מען דאַרף זיך צוריקקערן אין דאָרף אַריין.

בנימין פון באָמביי

אַ שמאָל זאַמדיק וועגל שלענגלט זיך צווישן די פּרדסים צום כּביש־צו. אין ביידע זייטן וועג הענגען אַראָפּ שווער באַלאָדענע צווייגן מיט גאָלד־פּלאַמיקע מאַראַנצן. מען דערקענט באַלד, אַז דאָס זענען די אָראַנזשן פון דרום. זייער שאָל איז דין און גלאַטיק. מען זעט נישט אויף זיי קיין שוואַרצע פּינטעלעך, און זייער גורל איז באַשטימט אַוועק־צוּוואַנדערן קיין חוץ־לארץ און דאָרטן לאָזן הנאָה האָבן פון זייערע זאַפטן.

ס׳איז פאַר זונאויפגאַנג. בוים און פרוכט טובלען זיך אין פרישן טוי. אויפן גאַנצן וועגל, וואָס שלענגלט זיך צווישן די פּרדסים, איז אַ שטיל־קייט, ווי אין אַ ווייטן סטעפּ. ערשט ווען איבער דעם ירדן־ברעג נעמט ליכטיק ווערן, באַווייזן זיך מענטשן פון די צעוואָרפענע כאַטעס אין טאָל און איילן צום וועגל־צו.

זיי איילן צום קטיף.* ביז זיי קומען צו צו די פּרדסים הייבט זיך דערווייל אויף אַ פלאַמיק־רויטע מזרח־זון און ווישט־אָפּ ווי מיט אַ גרויס האַנטעך די אויסגעבאָדענע מאַראַנצן־ביימער.

דער ערשטער, וואָס לויפט אַדורך דאָס זאַמדיקע וועגל, איז תּמיד בנימין פון באָמביי. אין מאַרגנרויט דערקענט מען קיין מאָל נישט זיין פּנים. פון דער ווייטנס זעט עס אויס, ווי עס לויפט אַ שוואַרץ־אויסגעלאָ־שענע לאַמטער אויף אַ הויכן שטעקן. ערשט פון דער נאָענט זעט מען אַרויסשטאַרטשען זיינע לאַנגע געלע ציין און גראָבע ראָזלעכע ליפּן. פון זיינע גליִענדיקע אויגן קוקט־אַרויס אומרו און צערייצטקייט, ווי ביי אַ הירש, וואָס לויפט אַרויס פון וואַלד זוכן חיונה.

---

* קטיף — מאַראַנצן־שניט.

אַלע זיינע יאָרן האָט בנימין מיט קיין ווייסן מענטשן נישט געהאַט צו טאָן. ער איז פון דור־דורות אַ געבוירענער אינדיער, כאָטש זיינע אָבות האָבן זיך געהאַלטן פאַר ייִדן. מיט דעם ענגליש, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער אַלע מאָל אַ מיש געטאָן אינעם סידור אָדער מחזורים מיט אַן ענגלישן עברי־טייטש. פון דעם נעמט זיך ביי אים דאָס ביסל ייִדישקייט.

און כאָטש ער אַליין איז געווען ווייניק אַריינגעטאָן אין ייִדישקייט, האָט ער אָבער געשטרעבט, אַז זיינע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אמתע ייִדן. ווי נאָר אַ קינד האָט גענומען עפּעס פאַרשטיין, האָט ער אים דערציילט, אַז ער שטאַמט פון די בני־ישראל. און צוויי מאָל אין דער וואָך, ווען די גליִענדיקע באָמבייער זון האָט זיך גענומען לעשן אין מערב, האָט ער זיך מיט זיינע קינדער אויסגעזעצט אין אַ פעלדראָד אויפן זאַמדיקן הייפל, און זיי דערציילט וווּנדערלעכע מעשות און נסים וואָס האָבן פּאַסירט מיטן ייִדישן פאָלק. תמיד האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן משה רבינוס שטעקן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַנג. דערנאָך וועגן מלך פּרעהס גזירות; ווי אַזוי משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, און אויסגעלאָזט האָט ער מיט דעם וווּנדער, ווי יהושע האָט אָפּגעשטעלט די זון אין מיטן הימל און איינגענומען יריחו. ער האָט זיי אויך דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן און זיינע זיידעס, אַז אויף דער גאַנצער וועלט זענען פאַראַן ייִדן; אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך דאָס הייליקע לאַנד און די שטאָט ירושלים, וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג. ער האָט אויך געוווּסט צו דערציילן וועגן די ייִדישע מלכים, וואָס האָבן געקיניגט אין ירושלים, און באַזונדערס וועגן קלוגן מלך שלמה. די קינדער האָבן געגאַפט מיט אָפענע מיילער און געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. בנימין האָט זיי אָבער קיין מאָל נישט דערציילט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן ייִדן מיט ווייסע פּנימער. זיי זענען נאָך צו יונג פאַר אַזעלכע זאַכן — האָט ער געטראַכט.

בנימין האָט זיך אַליין געמאַכט פאַרוווּרפן, וואָס שוין זייענדיק אינעם הייליקן לאַנד, טראַכט ער שטענדיק וועגן באָמביי. ער האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט, ווי ער וואָלט וועלן דערמיט אָפּטרייסלען פון זיך די געדאַנקען פון עבר. ער איז געווען צופרידן, וואָס אין מיטן דעצעמבער האָבן זיך

איינגעשטעלט עטלעכע שיינע טעג און דער מאַראַנצן־קטיף האָט זיך אָנגעהויבן.

אין אַזאַ טאָג קאָן בנימין באַווייזן וווּנדער אין פרדס. מיט זיין הויכן וווּקס און לאַנגע הענט העלפט ער זיך אַרויס מער, ווי אַן אַנדערער מיט אַ לייטער. אַז ער שטייט אונטער די נידעריקע ביימער מיט די באַלאַ־דענע מאַראַנצן ־ צווייגן און די זון גנבעט זיך אַריין אין פרדס, באַ־קומט זיין שוואַרץ פנים אַ געל־גילדענעם אָפּגלאַנץ, ווי ס׳וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון וואַקס. זיינע הענט באַוועגן זיך פלינק צווישן די צווייגן און ער זאַמלט־אָן פולע קוישן ציטרוס־פּרוכטן.

ווי לאַנג בנימין זעט פּאַר זיך נאָר די צייטיקע מאַראַנצן, לויפן אַרום זיינע הענט מיט אַ זעלטענער געשיקטקייט, ווי ס׳וואָלט איבער די צווייגן אַ פויגל געהיפּט. אָבער אָפּט פּאַסירט, אַז אויף אַן אויבערשטער צווייג גיבן זיך אים גאָר אַ שטעל־אויס די קעפּלעך פון זיינע קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אינעם אהל פון דער מעברה. דעמאָלט טאָן זיך מיט אַ מאָל אַ קורטשע־איין זיינע לאַנגע הענט און ער גרייכט נישט מער צו די שפּיצן פונעם מאַראַנצן־בוים... איין געדאַנק יאָגט איבער דעם אַנדערן, און ער פאַרשטייט אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס איז פּלוצעם געשען. וואָס, אייגנטלעך, האָט אים געשטויסן צו פאַרלאָזן אינדיע און קומען קיין ישראל?

און אַז ער קומט צוריק אַהיים אין זיין געצעלט, האָט ער אַ סך אויס־צושטיין. פינף קינדער, איינס קלענער ווי דאָס צווייטע, זיי לויפן אַרום אי־בער דעם ברייטן און אָפענעם שטח פון דער מעברה. זיי זעען דאָ נישט קיין אינדישע קינדער, מיט וועמען זיי זענען געוווינט געווען זיך צו שפּילן ביי זיי אין באָמביי. די מאַמע זייערע לאָזט נישט פון זיי אַראָפּ קיין אויג.

— ווו האָסטו אונדז אַהערגעבראַכט? — זיפצט זי אָפּ.

בנימין זעצט זיך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע און ציט אויס זיינע לאַנגע פיס. ס׳איז אים נישט ניחא אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס וועגן דעם.

— וואָס פאַר אַ נפקא־מינא, — זאָגט ער — שוואַרצע קינדער, ווייסע — אַלע זענען, אַחינו בני ישראל!

— אָבער זיי אַנטלויפן דאָך פון אונדזערע און ווילן זיך נישט שפּילן.

— ווער אַנטלויפט? אפשר אַנטלויפן גאָר אונדזערע פון זיי?

— און אַז זיי וועלן אונטערוואַקסן? — פרעגט בנימינס ווייב פאַר־ביטערט — מיט וועמען וועלן זיי זיך פאָרן?

— דערווייל זענען זיי נאָך קליין און מען דאַרף זיי שיקן אין שול — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט.

אויף צו מאָרגנס, אַרבעטנדיק אין פרדס, האָט ער אַ גאַנצן טאָג אַריינ־געטראַכט. צי איז זי דען נישט גערעכט? מיט וועמען וועלן זיי זיך טאַקע פאָרן? און אַז זיי וועלן זיך מישן, טאָ וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?

אויפן שפּיץ בוים האָט ער דערזען אַ מאַראַנץ. מיט איין שפּרונג איז די מאַראַנץ געווען אין זיינע הענט. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דעם אָפּגערייניקטן בוים און דערזען, אַז ביים סאַמע שטאַם, ווו די גראָבע צווייגן פון בוים הייבן זיך אָן פונאַנדערשיידן איז געבליבן הענגען נאָך אַ מאַראַנץ. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף ביידע מאַראַנצן און באַמערקט דעם אונטערשיד פון די פאַרבן: די מאַראַנץ פון שפּיץ בוים האָט אויף זיך געהאַט אַ רויטע גאָלדשאָל, און די מאַראַנץ, וואָס איז אויס־געוואַקסן אין שאָטן פון די בלעטער, נידעריק ביים שטאַם, איז געווען בלאַס און באַדעקט מיט אַ מאַטגעלבלעכער קאָליר. טאָ וואָס וועט זיין — האָט ער ווידער געטראַכט — אויב זיי וועלן זיך שוין יאָ פאָרן מיט די ווייסע? זיין הויט איז פעך־שוואַרץ, און ווען די קינדער וועלן זיך מישן וועט דערפון אַרויסקומען אַ העל־בראָנדזענע הויט. אָט־אָ אַזאַ קרענקלעכע הויט, ווי עס האָט די מאַראַנץ פון אונטערן בוימשטאַם. מיט אַזאַ הויט שעמט מען זיך אין באָמביי און אין גאַנץ אינדיע. מען דערקענט באַלד, אַז דאָס איז אַ מישלינג, וואָס געהער נישט, נישט צו די ווייסע און נישט צו די שוואַרצע. אַזעלכע קינדער זענען אויסגעשטעלט צו שפּאָט און צו שאַנד...

דעם טאָג האָבן זיך די מאַראַנצן אַרויסגעגליטשט פון בנימינס הענט. איין צווייג איז געווען פאַר אים צו הויך און די צווייטע צו נידעריק. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי דער ווינטערטאָג איז פאַרשוווּנדן. פאַר נאַכט האָט דער אויפזעער פון פרדס אויף אים אָנגעשריגן.

— העי! דו לאַנגער פון באָמביי, פאַר וואָס האָסטו היינט איבערגע־לאָזט זעקס ליידיקע קעסטלעך?

אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי זיך פירן — האָט בנימין געטראַכט אַהיים־גייענדיק דורכן שמאָלן זאַמדיקן וועגל — וועט מען מוזן צוריקפאָרן. פאַרפאַלן! אינדיע וועט אים נישט פאַרלאָזן. דעם פאָסטן אין דער פּאָליציי־סטאַציע, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס איבערזעצער פון ענגליש, וועט מען אים נישט צוריקגעבן, אָבער אין איינעם פון די האָטעלן וועט מען אים יאָ צונעמען, צוליב זיין קענען ענגליש. וואָס וועט ער אָבער זאָגן די קינדער, ווען זיי וועלן גרויס ווערן? מיט וואָס וועט ער זיי אויסטייטשן דאָס פאַרלאָזן ס׳הייליקע לאַנד? און וואָס וועט ער אין באָמביי דערציילן דער גאַנצער משפחה?

ביי נאַכט האָט דער „יורה"* ווידער גענומען גיסן און בנימין איז אַ גאַנצן טאָג איבערגעבליבן אין ביידל. ס׳איז אים אַזוי קאַלט געווען, אַז זיינע לאַנגע געלע ציין האָבן זיך געטרייסלט, און אפשר איז זי פאָרט גערעכט? אפשר דאַרף מען טאַקע צוריקפאָרן קיין באָמביי?...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון ביידל. דער רעגן איז געווען אַ שוואַכער און שיטערער.

זאָל זיין וואָס עס וויל — ער פאָרט צוריק!

ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין און לאַנג געשטאַנען ביי דער סוכנות־געביידע.

אין תל־אביב האָט שוין די זון אַ לעק־געטאָן דאָס וואַסער פון די טראָטוארן. בלויז אין מיטן די גאַסן זענען נאָך געלאָפן וואַסער־שטראָמען און געזוכט זיך וועגן צו דער ירקון־גאַס, וואָס ליגט ביים ים־ברעג. פאַר דער סוכנות־געביידע האָבן זיך גענומען אויסזעצן אַ פּאָר צענדליק משפחות. זיי זענען אַרויסגעקומען פון הינטער די דעכער און טויערן מיט די ווייבער און קינדער. זיי האָבן אויסגעשפּרייט אָפּגענוצטע טעפּעכער אויפן טראָטואַר, האַרט ביים איינגאַנג אין דער סוכנות, און זיך אויסגעזעצט משפּחהווייז. די אַלטע האָבן זיך באַלד אָנגעלענט אויף זייערע געפּעק און די קינדער האָבן זיך גענומען שפּילן זיצנדיקערהייט.

בנימין האָט זיי באַלד דערקענט. אויך זיי זענען געווען נייע עולים

---

* יורה — ערשטער רעגן.

פון אינדיע. ווען ער האָט גענומען מיט זיי איינטענהן, זענען אַלע מיט איין מאָל צו אים צוגעפאַלן מיט אַ געפילדער:

— מ׳האָט אונדז אַריינגעזעצט צווישן מאַראָקאַנער און פּערסיער. אונדזערע זעט מען דאָרטן נישט!

— און אפשר — זאָגט צו זיי בנימין — וואָלט גוט געווען, מיר זאָלן זיך צוזאַמען נעמען און גיין אין איין דאָרף אַריין?

— שוין ווידער אַן אונטערגעשיקטער פון דער סוכנות — האָבן די ווייבער גענומען ליאַרמען.

פון געזעמל מענטשן אויף דער ערד האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אַלטער. ער האָט געטראָגן אַ לאַנג ווײַס העמד פון גראָבער לייוונט ביז די פיס. אויפן קאָפּ אַ בלוי מיצל, און פון די לאַפּטשעס האָבן זיך אַרויסגעזען זײַנע דאַרע פיס. ער איז צוגעגאַנגען צו בנימינען.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון באָמביי.

— און דו מיינסט, אַז זיי וועלן דאָס וועלן טאָן?

— אַז מיר וועלן זיך איינשפּאַרן, וועלן זיי נאָכגעבן — זאָגט בנימין מיט זיכערקייט.

— פון וואַנען וועסטו נעמען מענטשן אויף אַ גאַנץ דאָרף?

— צו אונדז אין דאָרף אַריין וועלן קומען אַ סך פון אינדיע. דער עי־קר, אַז מען וועט אָנהייבן מיט אַן אייגן דאָרף.

דער אַלטער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט און שטילערהייט גערעדט עפּעס צו זיך אַליין. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די קני̇ען, גע־רופן צו די משפחות, זיי זאָלן זיך צוהערן צו זײַנע רייד:

— אַז זיי וועלן אונדז אַריינזעצן אין אַן אייגן דאָרף, בלייבן מיר!

קיינער פון די אינדיער האָט נישט געוואָגט אַקעגנצורעדן מיט אַ וואָרט קעגן אַלטנס באַשלוס.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף די מענטשן מיט באַדויערן: נישט געשוירן און נישט געוואַשן. אַנדערע האָבן פּראָ־טעסטירט: וואָס טוען די מענטשן דאָ?

ביים אַלטן זקן האָבן זיך צעגלאַנצט די אויגן מיט רוגזה. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן אָבער ער האָט דערפילט, אַז זיי רעדן

נישט פריינדלעך וועגן די אינדיער. ער האָט בייז גענומען באַוועגן מיט די הענט.

— גייט, גייט פון אונדז. מיר וועלן שוין אַליין זיך אַן עצה געבן!

ער האָט אָנגענומען בנימינען ביי דער האַנט און אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף די טרעפּ צו די משרדים. אָבער דאָ האָט דער סדרן זיי פאַרשטעלט דעם וועג:

— צו וועמען, אַלטיטשקער?

דער זקן האָט אַרויסגעריסן זיין האַנט פון דעם סדרן: „מיר גייען צום העכסטן אדון”.

אָבער דער סדרן האָט אים מיט אַ ווייכער שטימע געזאָגט: „צי וואָס גיין אַזוי הויך אויף טרעפּ. דער מנהל זיצט אויפן פערטן שטאָק. אָט דאָ, גייט דאָ אַריין אין דעם ביידל, סבא”.

ער האָט געעפנט די טיר פון דער ווינדע און איז מיט זיי אַרויפגע־פאָרן אויפן פערטן שטאָק.

— אַ דעלעגאַציע פון די אינדיער, וואָס זיצן אין דרויסן, וואַרטן אויפגענומען צו ווערן.

— לאָז זיי אַריין!

דער מנהל איז געזעסן ביי אַ לאַנגן שרייב־טיש און אַ גרויסער טעפּעך מיט לעבעדיקע פאַרבן איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן גערוימען צי־מער. דער זקן האָט זיך גלייך געוואָלט אַוועקזעצן אויפן טעפּעך, אָבער בנימין האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און אַריינגעזעצט אין אַ ווייכן פאָטעל.

בנימין האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם אַלטן און אים געלאָזט רעדן פריַער.

— שיקט אונדז אַריין אין איין דאָרף. אַ דאָרף פון אונדזער שבט. די ווייבער און קינדער וועלן זיין צוזאַמען און מיר וועלן זיך צוגעוווינען צום נייעם לעבן.

בנימין האָט איבערגעזעצט דעם אַלטנס רייד אַ ביסל אין ענגליש און אַ ביסל אין עברית, און ער האָט צוגעגעבן:

— אויך איך וועל פון נס־ציונה איבערגיין צו זיי אין דאָרף אַריין. דאָס דאָרף וועט באַלד פול ווערן. עס וועלן קומען אונדזערע משפּחות.

דער מנהל האָט זיי אויסגעהערט ביזן סוף, דערנאָך האָט ער געבעטן בנימינען, ער זאָל איבערזעצן זיינע רייד פאַרן אַלטן:

— דאָס איז אוממעגלעך! איר פֿאַרלאַנגט דאָס פּאַרקערטע, צו וואָס מיר צילן: עם אחד! איין פֿאָלק, איין שפּראַך. ס׳איז נישט וויכטיק ווען דאָס וועט אונדז געלונגען צו שאַפֿן, אין צוויי דורות אָדער אין פֿינף — אָבער אָנהייבן מוזן מיר שוין, ביי אייערע קינדער, אַפֿילו ביי אייך. אייערע קינדער, זאָגט איר, האָבן זיך נישט מיט וועמען צו שפּילן? סבלנות! וואַרט צו. זיי וועלן קומען אין דער שול, זיי וועלן גיין אין מיליטער, זיי וועלן זיך אויסמישן... און איר, איר זיצט שוין דאָ דריי טעג, און ווילט שוין גיין אויף צוריק? איר ווילט, מ׳זאָל אייך אויפשטעלן אַ באַזונדער דאָרף? וואָס, מיינט איר, וועט דערפֿון אַרויסקומען? אויפשטעלן באַזונדערע שבטים? איין שבט זאָל זיין ווייס און דער אַנדערער שוואַרץ? איינער זאָל זיין צעקריגט מיטן אַנדערן? איין דאָרף אַ שונא דעם אַנדערן?... ניין דאָס גייט נישט!

ווען בנימין מיטן זקן זענען צוריקגעקומען צום טראָטואַר, האָבן זיי דערזעען, ווי עס זיצט שוין אַ גרעסערער עולם אינדיער. יענע האָבן ערשט אויסגעלייגט זייערע געפּעק און באַלד אָנגעהויבן צו געוואַלדעווען:

— אַלע, אַלע זענען מיר ייִדן!

בנימין איז צו זיי צו מיט נייגער און געפֿרעגט נאָך וואָס זיי זענען דאָ אַהערגעקומען:

— וואָס האָבן מיר דאָ צו טאָן? — האָבן די נייע געטענהט — די רבנות הראשית האָט געפּסקנט אַז די „בני ישראל” זענען נישט קיין ייִדן און מ׳טאָר זיך נישט מיט אונדז משדך זיין, טאָ צו וואָס האָט די סוכנות אונדז דאָ אַהערגעבראַכט? זאָלן זיי אונדז צוריקשיקן!

— אויב אַזוי — האָט בנימין געקנייטשט דעם שטערן — איז נישט צו פֿאַרשטיין. פֿון איין זייט מיזוג גלויות, און פֿון דער צווייטער — זענען מיר גאַרנישט קיין ייִדן?

אין זיין קאָפּ האָט זיך עפּעס אַ מיש געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט אויסגעפֿינען, ווער ס׳איז גערעכט. דאַרף מען זיצן אין איין דאָרף, אָדער זיך אויסמישן מיט די ווייסע אחינו בני ישראל. ער האָט נישט געהאָט ווער ס׳זאָל אים דאָס אויסטייטשן. דער זקן האָט זיך אויסגעבעט אויפֿן טראָטואַר און אָנגעהויבן דזשאַמדזשען אַ פּענעצל. בנימין האָט זיך אַרומגעדרייט ביז פֿאַר נאַכט, און ווען די אינדיער האָבן גענומען אויסבעטן

זייער נאַטכלעגער, האָט ער זיך פון זיי האַסטיק אַ ריס־געטאָן און גע־
איילט הינטער דער שטאָט אויפן ברייטן כביש, וואָס פירט צו דרום.

פאַרנאַכט־צו איז בנימין שוין געווען אויפן זאַמדיקן וועגל, נישט
ווייט פון דער מעברה. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן
קאָפּ, וואָס איז געווען שווער באַלאָדן, ווי די צווייגן מיט גאָלדענע עפּל,
וואָס אין ביידע זייטן וועג.

שפייז פון היכל

דער משומד

דאָמבראָווע איז אַ גרויסער פּאָלוואַרק פון עטלעכע הונדערט העקטאַר אַקערלאַנד. זיינע זאַטע פעלדער הייבן זיך אָן פון שפּיצן בערג, באַדעקטע מיט אַ געדיכטן סאָסנעוואַלד. אַרויסגייענדיק פונעם וואַלד איז די ערד אַ געלע, אַ זאַמדיקע, אָבער וואָס ווייטער צום טאָל צו זענען די פעלדער שוואַרצער, די ערד פעטער, ווי ס׳וואָלט ווער צום ערדטייג צוגעמישט אַ געדיכטן אייל. ווי ווייט נאָר דאָס אויג דערגרייכט, אַזש ביז די ברעגן פונעם טייך „ראַווקע", זענען אויסגעשפּרייט ווייץ־און־קאָרן־פעלדער. מיט די אָנגעקוואָלענע זאַנגען שפּילט זיך אַ שטיפעריש ווינטל, וואָס קלאַפּט־צונויף די רייפע לענגלעכע קערנער־בייכער אין אַ זשומענדיקן גערויש. ביי די זייטן פון די פעלדער שפּרייטן זיך גרינע לאָנקעס, וואָס זענען אויס פון ווייַטנס, ווי פליושענע טעפּעכער. דאָרטן פּאַשען זיך סטאַדעס מעלק־קי און שטילן זייער דורשט ביי די סאַדזעווקעס, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ, אין די בין־השמשותן, דער דאָמבראָווער פּאַלאַץ.

מיט אַ מאָל, ווי איבערנאַכט, האָט דאָמבראָווע באַקומען אַ נייעם דזשעדזשיק, אַ הויך־געוויקסיקן, שטאַלטנעם פּאַרשוין מיט לאַנגע שליאַכעצקע וואָנצעס. תמיד מיט אַ רייטבייטש אין דער האַנט, זעט מען אים שוין פון באַגינען אָן אין יעדן ווינקעלע פונעם פּאָלוואַרק צווישן די פּאַראָבקעס, וואָס אַקערן די פעלדער, צווישן די שיקסעס, וואָס זיצן קניענדיקע איבער בייטן גרינסן און רייסן אויס די כוואַסטן, און אָט איז ער שוין ביי די שטאַלן, ווו די קו־מעלקערינס זיצן מיט איינגעבויגענע קעפּ הינטער די קיס בייכער און פילן אָן די עמערס מיט שוימיקער מילך, און אַ געמורמל טראָגט זיך צווישן זיי: דער דזשעדזשיק גייט !...

ווער דער פּריץ איז, פון וואַנען ער שטאַמט, האָט דערוויל קיינער אין שטעטל נישט געוווּסט. אָבער שפּעטער, ווען מ׳איז געוווּיר געוואָרן,

אַז דער נייער דאַמבראָווער שטאַמט־אָפּ פון ווייטן אוקראַינע, אַז ער איז אַ ייִדישן גוט־באַזיצערס אַ זון, וועמען דער פֿאָטער האָט פון הויז אַרויס־געטריבן צוליב אַ פאַרפלאָנטערטער ליבע מיט אַ שיקסע און אַז ער האָט זיך געשמדט — האָבן ייִדן אים אויסגעמיטן, ווי מען מיידט אויס אַ מצורע.

פאַר אים, דעם דאַמבראָווער, האָט קיין ייִד נישט געצויגן דאָס היטל מיט אַזאַ טיפן פאַרנייגן זיך, ווי ער טוט דאָס פאַר אַנדערע פריצים. אַ ייִדישער דאָרפס־הענדלער, וואָס פאָרט איבער די דערפער אין אַן אייגענעם געשפאַן, פאַרקערעוועט נישט אין אַ זייט אויפן פוילישן שליאַך, ווען עס פאָרט אים אַקעגן דער דאַמבראָווער — אַן אויפפירעכץ, וואָס יעדער פוילישער פריץ פון דער געגנט וואָלט אַריין אין גרימצאָרן און געגעבן שמיץ. דעם דאַמבראָווער האָבן ייִדן קיין שום כבוד נישט צוגעטיילט, כאָטש ער איז, ווי אַלע פריצים, געפאָרן אין אַ טונקל־ברוינער קאַרעטע מיט צוגאָווע קאַשטאַן־פערד „נאַ שפּיץ״, אַנגעטריבן דורך אַ מונדירטן סטאַנגרעט אין אַ גראַנאַטענעם סורדוט מיט גאָלדענע קנעפּ און לעדערנע הענטשקעס.

שטאָט „דזשעדזשיץ״ האָבן די ייִדן צווישן זיך אים גערופן „דער משומד״ און אים אויסגעמיטן. אָבער וואָס מער מען האָט אים אויסגעמיטן, אַלץ מער האָט גדליהו, דעם משומד געצויגן אין שטעטל אַריין, און צו יעדן ייִדן, וואָס ער האָט באַגעגנט. ער פלעגט שטיין אויפן גאַניקל פון פּאַלאַץ און וואַרטן ס׳זאָל אַדורכגיין אַ ייִד אַן אַרעמאַן. ער רופט אים אַריין און הייסט געבן עסן לויטן ווילן פון אורח.

— פון וואַנעט איז אַ ייִד — הייבט ער אָן וואָרעם־ייִדישלעך אַ שמועס. דערלאַנגט אַ מטבע, און אין אַ שלעכט וועטער הייסט ער שפּאַנען די פערד און אים אָפּשטעלן אין שטאָט אַריין.

אין האַרבסט איז דער משומד געקומען אין שטעטל אַריין. ער האָט ראַפּטעם אָפּגעשטעלט זיין קאַרעטע ביים אַלטן בית המדרש, צוגעוואַרט ביז ס׳איז אַרויס איינער פון די ישיבה־בחורים און מיט אַ שמייכל פון הינטער די וואָנצעס צו אים געזאָגט מיט אַ ווייכער שטימע:

— גיי און זאָג דעם רב און די גבאים, אַז כ׳האָב אָנגעגרייט זעכציק

קלאַפּטער האָלץ פאַר אָרעמע־לייט אויף ווינטער. ווער ס׳וועט ברענגען אַ צעטל פון רב, וועט באַקומען טרוקן האָלץ ביזן שטוב אַריין.

אָבער סײַ דער רב און סײַ די אָרעמע־לייט האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון משומדס גאָב. „אַפילו מען זאָל וויסן צו פרירן מיט ווייב און קינדער, וועלן מיר נישט געניסן פון משומדס טובות״ — האָבן די קבצנים געשריגן אויפן קול.

אַ שווערער ווינטער האָט זיך געשטעלט. טיפע שנייען האָבן די וועגן פאַרשאָטן. די פויערים זענען געזעסן אין זייערע כאַטעס און זיך געפּוילט צו קומען אין שטאָט אַריין. ייִדישע בעל־מלאכות זענען אַ גאַנצן ווינטער געווען אָן אַרבעט. די קרעמערס האָבן אַפילו נישט אויפגעשטעלט זייערע בוידן אין די יאַריד־טעג, ווייל דער מאַרק איז געווען ליידיק פון פויערים.

דעם ווינטער איז האָלץ געווען טייער און שווער צו באַקומען, אָבער קיין איינער פון די אָרעמע־לייט האָט נישט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט גענומען דאָס האָלץ פון משומד. די גאַנצע צייט האָבן זיי צווישן זיך אַפילו דערוועגן נישט גערעדט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו ברענגען די רייד פאַרן מויל. אָבער איצט, ווען ס׳האָט שוין געשמעקט מיט מגילה־לייענען, מיט פרילינג, און די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן גענומען אויסטריקענען די בלאָטעס פון שטעטל — זענען זיי געווען צופרידן, וואָס זיי זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון און נישט גענאָסן פון משומדס טובות.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען ייִדן זענען געגאַנגען צום מגילה־לייענען, ערשט — דער משומד באַווייזט זיך ווידער פאַר זייערע אויגן. ער קומט אַרויס פון דער גוייִשער שענק, גייט צו צום קאַשטאַן זיינעם, גיט אים אַ פּעטשל איבערן קאַרק און ער כאַפּט זיך פלינק אַרויף אויפן פערדס רוקן. דאָס פערד גיט זיך אַ האַסטיקן דריי אין אַ האַלבראָד, ווי ס׳וואָלט וועלן אַ טאַנץ־טאָן מיט זיין האַר און שפּרינגט אַריין צווישן אַ געזעמל ייִדן, וואָס געפינען זיך ביים שולגעסל. די פאַרבייגייער דערשרעקן זיך אַ ביסל. ווער ווייסט, אפשר איז ער גאָר שיכור, דער משומד, אָבער מיט אַ פעסטן ריס דער צוים טוט ער אַ האַסטיקן צי צוריק דאָס פערד, ווי ער וואָלט עס באַשטראָפט פאַר דער חוצפה איבערצושרעקן די ייִדן, וואָס גייען אין שול אַריין. ער האַלט איין דעם קאַשטאַנס גאַלאָפּ און מיט פאַוואָלינקע טריט דערנענטערט ער זיך צו ר׳ חיים־יונהן, וואָס גייט דער לעצטער.

— יאָנאָס — זאָגט דער משומד מיט אַ ווייכער שטים — זאָג די ייִדן אין שול, אַז איך עפן איצט די קאַרטאָפל־קאָפּצעס און ווער עס וויל קאַרטאָפל אויף פסח, וועל איך שיקן בחינם ביז אין שטוב אַריין.

ר׳ חיים־יונה האָט זיך דערשראָקן פאַרן משומדס רייד. ער איז אָפּגעשפּרונגען עטלעכע טריט פון פערד. ער האָט געוואָלט דעם משומד עפּעס זאָגן, אָבער דער רייטער האָט שוין געהאַט אַ קיצל געטאָן מיט די שפּאָרן אין פערדס בויך, און שוין האָט ער זיך געטראָגן אויף זיין קאַשטאַן העט, פאַרויס אויפן דאָמבראָווער שליאַך.

ווען ר׳ חיים־יונה איז אַריינגעקומען אין שול און אַרויפגעלייגט דעם טלית אויפן לינקן אַקסל, האָט ער גענומען האַסטיק דערציילן, וואָס דער משומד האָט אים געזאָגט, אָבער מ׳האָט אים אויסגעלאַכט. ווען ער האָט אַ פרעג־געטאָן:

— אפשר דאַרף מען טאַקע אויסרופן פון באַלעמער, אַז אָרעמע־לייט זאָלן וויסן?

— ס׳טייטש? — האָט דער עולם צו אים געשריגן — ווער ווייס דאָס קענען אָראָפּשלינגען אַ קאַרטאָפל, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן דורך אַ משומדס האַנט?

דער משומד איז נישט מיד געוואָרן מיט זיינע ווענדונגען צו די ייִדן פון שטעטל, זיי צו העלפן. די ייִדן האָבן אָבער נישט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין עסקים מיט אַ משומד.

ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן שיקסעס, וואָס קומען פון דאָמבראָווער פּאָלוואַרק און פרעגן זיך נאָך, ווו עס וווינען אַקושערקעס. זיי, די שיקסעס קומען מיט רויט־געזונטע פּנימער, באַלאָדן מיט קוישן פּוטער און קעז. זיי שאַרן זיך אַריין אין די פאַרנאַכטן צו די אַקושערקעס אין די שטובן, האַלטן זיך אויף איבער דעם זונטיקדיקן טאָג און גייען צוריק קיין דאָמבראָווע מיט בלאַס־איינגעפאַלענע באַקן און וואַקלדיקע טריט... שפּעטער פאָרן־צו גרויסע לאַסטוועגענער מיט פאַראָבקעס און לאָדן־אָפּ פאַר די הייבאַמס פּראָדוקטן — אַ מתנה פון דאָמבראָווער הויף...

מ׳האָט געשמועסט אין שטעטל, אַז אויך מיט די גוייִשע פּריצים איז דער משומד נישט קיין גוטער־ברודער. אמת זיי קומען צו אים אויף יאַגד קיין דאָמבראָווע, אָבער הינטער זיינע פּלייצעס רופן זיי אים „זשידאָווסקי

דזשעדזשיץ״! זיי האָבן קיין מאָל קיין חשק נישט צו פֿאַרבעטן אים אין זייערע פּאַלאַצן און אים פֿאָרשטעלן זייערע ווייבער.

איין מאָל, ערב פּרילינג, איז די גאַנצע געגנט אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון אַ גרויס אומגליק: דער טייך „ראַווקע״ האָט אויסגעגאָסן מיט אַזאַ רעש און גרימצאָרן, אַז אַפֿילו די זקנים פֿון שטעטל געדענקען נישט אַזאַ שרעקלעכע פֿאַרפֿלייצונג. צו ערשט האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן אַריינ־דרינגען אין די נידעריקע גאַסן. מענטשן זענען נאַקעטע אַרויס פֿון די הילצערנע שטובן. דער וואַסערשטראָם האָט מיטגעריסן אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וועג. אויפֿן וואַסער זענען געשווומען אַרויסגעריסענע ביימער, דאָרפֿישע שטאַלן און גאַנצע סטויגעס היי און שטרוי. צום ערגסטן איז געווען אין טאָל, ווו נאָענט ביים טייך זענען געשטאַנען עטלעכע היל־צערנע הייזלעך.

אין איינעם פֿון זיי האָט געוווינט אַ ייִד, אַ שניידער. דאָס הייזל האָט געהערט צום דאָמבראָווער פּאָלוואַרק. איציק שניידער איז נעכטן גראָד אויפֿגעווען ביז שפּעט ביי נאַכט מיט שער און אייזן אין די הענט. ער האָט קיין שום זאַך נישט פֿאָרגעפֿילט, אָבער ביי נאַכט אין טיפֿן שלאָף האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי שווערע קלעפּ שלאָגן־אָן אין די הילצערנע ווענט. אין אָנהייב האָט ער זיך געפֿוילט אַרויסצוגיין, אָבער באַלד כאַפּט־אויף זיין אויער אַ פֿאַרדעכטיק גערויש, און איידער וואָס, דערפֿילט ער, ווי ער נעמט זיך וויגן צוזאַמען מיטן בעט. אַ זודיקע וואַסער־פֿאַליע האָט זיך אַריינגעריסן אין שטיבל מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז אַלע שטובזאַכן האָבן זיך גענומען באַוועגן און שווימען. צו ערשט כאַפּט ער דאָס פּיצעלע קינד מיטן וויגל און וויל דערמיט אַרויסלויפֿן אין דרויסן, אָבער זיין דערשראָקן ווייב וואַרפֿט אים אַריין אין די אָרעמס די אַנדערע קינדער, און איציקל דער שניידער באַמערקט נישט, ווי דער וואַסערשטראָם האָט אַ שלעפּ־געטאָן מיט זיך דאָס וויגל מיטן קליינעם קינד. זיי לויפֿן אַרויף צום בערגל. פֿון וויטנס דאַכט זיך זיי אויס, אַז עפּעס אַ בוים איז דאָרט אויפֿן בערגל אויסגעוואַקסן, אָבער באַלד דערזעען זיי אין פּריִען באַגינען דעם דאָמבראָ־ווער פּריץ אויף זיין קאַשטאַן־פֿערד. ער זיצט אויפֿן פֿערד האַלב איינגע־בויגן און די לייצעס האַלט ער איינגעצויגענע אין האַנט, ווי ער וואָלט געשטאַנען גרייט אָנטייל צו נעמען אין אַ וועטלויף.

— אַלע זענט איר דאָ?

דעם משומדס ווערטער וועקן זיי אויף פון דער צעטומלטקייט. זייערע בליקן לויפן שנעל אַרום איבער די קינדערס קעפּלעך און אַ טויטאַנגסט באַדעקט זייערע פּנימער. די ערשטע ברעכט־אויס די מוטער מיט אַ יללה־דיק געוויין, און נעמט זיך רייסן די האָר פון קאָפּ:

— אַ בראָך האָט מיך געטראָפן, ס׳פעלט מיר אַ קינד!

דעם פּריצס אויגן פלאַמען־אויף מיט אַ גלאַנציק פייערל. זיינע גע־דיכטע וואָנצעס זעען איצט אויס צו זיין לענגער און האַרטער. אַ רגע בלייבט ער שטיין אָנגעצויגן צוזאַמען מיטן פערד, אָבער באַלד דערלאַנגט ער דעם קאַשטאַן מיט די שפּאָרן און לאָזט זיך אין גאַלאָפּ אין טאָל אַריין.

איציקל האָט אַפילו נישט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ער האָט מער נישט געהערט די וויינענדיקע יללות פון זיין ווייב, אַפילו נישט געפילט, אַז ער האַלט צוויי קינדער אויף דער האַנט. ער האָט נאָר געזען ווי דער דאַמבאַרוּוער פּריץ יאָגט דאָס פערד פייל פון בויגן צו די ווילדע וואַסערן. צו ערשט רייט ער ביי די ברעגעס, און אָט איז דאָס פערד ביז די קנעכלעך אין וואַסער. אָט דרייט ער ווידער צוריק. איציקל, אַ האַלב־נאַקעטער, ציטערט ווי אַ פיש. ער זעט, ווי פון זיין הייזל זעט מען איצט אַרויס נאָר דעם שפּיץ פון געמויערטן קוימען. ווידער שטעלט זיך דער רייטער אָפּ. זיינע אויגן זוכן עפּעס איבער די שוימיקע וואַסערן. איציקלען דאַכט זיך אויס, ווי דער פּריץ האָט דערזען זיין פאַרלוירן קינד. דער רייטער פאַר־קירעוועט האַסטיק אויף לינקס. ער רייסט מיט די לייצעס דאָס פערד אין די שטורמישע וואַסערן, און אָט שווימט דאָס פערד מיטן רייטער. ער טרייבט עס מיט אימפּעט פאָרויס. פון דער ווייטנס דערזעט זיך עפּעס. וואָס אַ מאָל דערזעען זיך בולטערע קאָנטורן פון אַ וויגל, וואָס ווערט געוואָרפן פון די וואַסער־פאַליעס ווי אַ קליינער באַלעם. דער רייטער זעט שוין, ווי די קינדערישע הענטלעך קלאַמערן זיך אין די זייטן־ברעטלעך פון וויגל. ערשט איצט כאַפּט זיך איציקל, וואָס דאָרט קומט פאָר. ער וויל אויס־שרייען, אָבער ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. ער שטייט פאַרשטאַרט און קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. אַן אַנגסטשווייס באַשלאָגט אים און ס׳קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן. זיינע דערשראָקענע אויגן זענען געווענדט

צום רייטער. ער זעט, ווי דער פּריץ רייסט זיך מיטן פערד צום וויגל.
אָט, דאַכט זיך, וועט ער דעם פערד מיט די שפּאָרן דעם בויך צעשניידן.
זיין פּנים איז אָנגעגאָסן מיט רויטקייט און די אויגן שטאַרצן אַרויס פון די
לעכער. דאָס פערד ראַנגלט זיך מיט די וואַסערן, אָבער דער פּריץ רייסט
דאָס פערד פאָרויס. אָט איז ער שוין נאָענט ביים שווימענדיקן וויגעלע,
אָבער אַ וואַסער־פאַליע גיט אים אַ וואָרף אויף צוריק. דאָס פערד שפּייט
מיט ווייסן שוים און וויל מער נישט פאָלגן. דער רייטער שלאָגט עס
אומברחמנותדיק. און אָט גיט ער זיך אַ וואָרף פאָרויס איבערן פערדס
קאָפּ — מיט אַן אימפּעטדיקער שטים: האָפּ! — ער זיצט שוין מער
נישט אינעם זאָטל, נאָר מיט איין האַנט האַלט ער זיך ביים פערדס גריווע.

ביי איציקלען, דעם פאָטער פון פאַרלוירענעם קינד, איז דאָס האַרץ
אַנטפאַלן. ער זעט ווי דער פּריץ האָט עפּעס דערגרייכט, געכאַפּט אין האַנט,
ווי מען כאַפּט אַ פיש ביים ברעג, אָבער וואָס האַלט ער דאָרטן אויפן פערדס
נאַקן? דער רייטער שווימט איצט, סאָפּעט שווער און ראַנגלט זיך צוזאַמען
מיטן פערד מיט די וואַסערן. דאָס פערד שטעלט מער נישט קיין ווידער־
שטאַנד דעם ברויזנדיקן שטראָם, אָבער דער רייטער קירעוועט זיך צום
ברעג און שטויסט דאָס פערד פאָרויס. איציקל האַלט נאָך די ציטערנדיקע
קינדער אויף די הענט. ער פּרעסט זיי צו פעסטער צום לייב, ווי ער וואָלט
מורא האָבן, אַז די וואַסערן זאָלן זיי נישט אַרויסרייסן פון זיינע הענט.
פּלוצעם דערזעט ער, ווי דאָס פערד פּליעסקעט שטאַרקער מיט די פיס,
ווי ס׳וואָלט דערפילט אַ באָדן אונטער זיך. און אָט דערזעט ער שוין
דעם פערדס קאָפּ איבערן וואַסער. דעם משומדס הענט קלאַמערן זיך נאָך
אין פערדס גריווע, און פונקט אין דער רגע, ווען איציקל דערזעט דעם
פערדס קניִען, גיט זיך דער פּריץ מיט אַ געלונגענעם שפּרונג אַ כאַפּ־אַראָפּ
אויפן פערדס רוקן. איציקל באַווייזט אַפילו נישט אַ וואָרט אַרויסצורעדן,
און דאָס הירזשענדיקע פערד שטייט שוין לעבן אים. צו ערשט דערפילט ער
דעם פערדס הייסע פאַרע. ער זעט, ווי פון פערדס נאָזלעכער פּינעט זיך אַ
ווייסער שוים. דער משומד שפּרינגט־אַראָפּ פונעם פערד. אויפן זאָטל האָט
עפּעס אַ צאַפּל־געטאָן. קינדערישע הענטלעך שטרעקן זיך אויס צו איציקלס
ווייב און צום סוף דערהערט ער ערשט, ווי איבער די זשומענדיקע וואַסערן
קלינגט־אָפּ אַ ווידערקול פון אַ קינדעריש געוויין.

נאָך דער דאָזיקער מעשה האָט מען א צייט דעם משומד אין שטעטל נישט געזען. דאָמבראָווער פויערים וואָס זענען געקומען אויפן יאַריד, האָבן דערציילט, אַז דער פריץ ליגט קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. פרומע ייִדן האָבן בכלל אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער גאַנצער מעשה און איבער־געשלאָגן אין מיטן די רייד, ווען ס׳האָט ווער אָנגעהויבן: „אַ מזל פון אַ דאָרפסשניידער״...

ערשט ווען איציקל דער שניידער איז געקומען שבת אין שול אַריין גומל־בענטשן, איז אים דער אַלטער רב אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ברייטן „שלום־עליכם״ און פון אים אויסגעהערט די גאַנצע מעשה פון דער פאַרפלייצונג.

דער אַלטער רב האָט דעם דאָרפסייִד מיט קיין וואָרט נישט איבער־געריסן, כאָטש דער עולם האָט זיך געאײַלט שטעלן דאַוונען. צום סוף האָט דער רב, ווי צו זיך, געזאָגט: „ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף אַ משומד... און אפשר — האָט ער שטיל ווייטער גערעדט צו זיך — אפשר איז אים גאָר באַשערט דורך דעם נסתלק צו ווערן?״...

אַפילו די נאָענטסטע חסידים האָט דאָס וואָרט „נסתלק ווערן״ געבריט, ווי הייסע קוילן. אָבער מ׳האָט זיך משער געווען, אַז אַזוי פשוט איז די מעשה נישט. יעדעס וואָרט פון אַלטן צדיק האָט אַ באַטייט, האָט אין זיך אַ נשמה. אָבער מחמת דעם, וואָס אַ גאַנצן זומער האָט דער רב נישט דער־מאָנט מיט קיין וואָרט, נישט וועגן דעם נס מיט געראַטעוועטן קינד און נישט וועגן משומד — איז געווען אָנצונעמען, אַז דער צדיק האָט אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן. אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַנדערש.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה נאָך פאַרן דאַוונען, ווי נאָר דער רב איז אַרײַנגעקומען אין שול און דערזען איציקל שניידער שטיין ביי דער טיר, האָט ער אים גלייך אַרויפגעפירט צו זיך אויף דער מזרח־שטאָט. מענשטן האָבן געקוקט און געשטוינט, אַפילו איציקל אַליין האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— רבי, פאַר וואָס קומט מיר דער כבוד?

— כ׳דאַרף דיך, דו זאָלסט מיר היינט עדות זאָגן.

דער דאָרפסשניידער איז פון דעם ענטפער נאָך מער צעטומלט גע־וואָרן. וואָס עפּעס אין מיטן דערינען אַן עדות־זאָגן? ער האָט געהערט

ווי אַלע דאַווענען אויפן קול, אָבער ביי אים האָט זיך קיין וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויסרייסן. די ווערטער האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען אין מחזורל, ווי זיי וואָלטן צוזאַמען מיט אים געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון דער מזרח־וואַנט. ער האָט שוין געטראַכט צו אַנטלויפן, אָבער ווי אַנטלויפט מען דאָס, אַז דער רב דאַרף ער זאָל עדות זאָגן?... ער האָט יעדער מינוט געכאַפּט אַ בליק אויפן רב, עפּעס צו דערגיין, וואָס טראַכט דער צדיק מיט אים צו טאָן? ער זעט נישט קיין שום אויסטערלישס אין רבס אויפפירונג. שטענדיק, זינט ער קען דעם רב, ווייַנט ער ביים דאַווענען, קנאַקט מיט די פינגער, אָדער קנייפּט זיך די באַקן, שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער ביי „אחד" און ציט דעם אָטעם, ווי לאַנג נאָר ער קאָן אויסהאַלטן.

אָט האָט מען שוין אָפּגעדאַוונט שחרית. דער עולם קומט שוין צוריק נאָך דער הפסקה, אָבער איציק שניידער פון דאָרף דאָמבראָווע האָט זיך נאָך אַלץ מורא צו רירן פון אָרט.

ערשט איצט, פאַר תקיעת שופר, באַמערקט איציקל, ווי דער אַלטער רב דרייט זיך אין אַלע זייטן און הערט נישט אויף צו קרעכצן און זיפצן.

אין דער שטילקייט פון פאַר שופר־בלאָזן, ווען אַלע זענען געשטאַנען מיט די טליתים איבער די קעפּ, האָט דער רב אָנגענומען איציקלען ביי דער האַנט, אַרויפגעפירט אים אויפן באַלעמער און באַפוילן:

— דו, איציקל, וועסט היינט זאָגן די ראש־השנה־דרשה!

איציקל האָט זיך דערשראָקן און אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. דער רב האָט אים געמוטיקט:

— דערצייל איציקל, וואָס דער משומד האָט געטאָן בעת דער פאַר־פלייצונג!

ייִדן האָבן אַראָפּגערוקט די טליתים פון די קעפּ און פאַרחידושט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. ביים דאַרפסשניידערל ציטערן הענט און פיס. ס'דאַכט זיך אים אויס, אַז דער רב האַלט אַ פייערדיקע רוט איבער זיין קאָפּ. איציקל הייבט אָן מיט אַ ציטערדיקער שטימע. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז דער עולם וועט נעמען שרייען: אַראָפּ פון באַלעמער! אָבער קיינער וואָגט נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

איציקל דערוואַרעמט זיך פון זיינע אייגענע רייד. ער רעדט מיט האַרץ. דער עולם גאַפט און שלינגט יעדעס וואָרט, ווי זיי וואָלטן ס'ערשטע

מאָל די מעשה געהערט. ביי יעדע עטלעכע ווערטער פון איציקלס דערציי־לונג, חזרט איבער דער רב זיינע ווערטער, ווי אַ שטייגער דאָס שניידערל וואָלט געזאָגט תורה־פסוקים, און דער רב גיט צו רש״י־טייטש:

— הייסט עס, אַז דו האָסט אים גאָרנישט געבעטן, נייערט ער איז אַליין געלאָפן אין וואַסער אַריין ראַטעווען דיין קינד.

איציקל מיינט, אַז ס'איז שוין גענוג. ער וויל זיך אָפּשטעלן, נאָר דער רב הייסט אים ממשיך זיין.

איציקל נעמט זיך אָן מיט קוראַזש, דערציילט פּאָדריבנע דאָס אַלץ, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, און דער רב טייטשט אויס זיינע רייד:

— ...קומט דאָך אויס, ווי דו זאָגסט, אַז דיין ווייב איז געשטאַנען אויפן בערגל מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל און געשריגן און גע־בעטן צום רבונו של עולם ער זאָל איר צוריק אָפּגעבן איר קינד, און אין מיטן דערינען, ווי זי איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין, האָט זי פלוצעם דערזען אַ רייטער אויף אַ פערד....

— יאָ, הייליקער רבי.

— און ווער האָט זוכה געווען צו ראַטעווען דיין קינד?

— דער משומד.

— ... און דער רייטער איז געווען דער משומד, און די וואַסערן זע־נען געווען שטורעמדיקע און טיפע, און דאָס וויגל, זאָגסטו האָט ער אָנ־געכאַפּט מיט די לעצטע כוחות, און דאָס קינד האָט ער צוריקגעבראַכט צו זיין מאַמען, צו דער יידישער מאַמע... פון דעם, רבונו של עולם, איז דאָך געדרונגען, אַז אַפילו אַ משומד קען זיך אויפהייבן צו דיין כסא הכבוד. און מה דאָך אַ משומד האָט באַוויזן זיך אַנטקעגנצושטעלן דיין גזר־דין און אָפּראַטעווען אַ נפש בישראל — ווילסטו, אַז איך זאָל מורא האָבן דאָס צו טאָן?... בפרט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך נישט אין נפש אחת בישראל, נאָר אין כלל ישראל?...

און דער אַלטער רב האָט דערפילט ווי ער באַקומט צוריק זיינע כוחות. ער האָט גובר געווען אַ שטאַרקן קעגן־כוח, וואָס שפּרייט־אויס דאָס שלעכטס פונעם ייִד און באַהאַלט אויס זיין גוטס. און מיט אַ התלהבותדיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן:

— למנצח לבני קורח מזמור...

חיימעלע גנב

אין די פרימאָרגן־שעהען האָט מען אים געזען אַרומ־דרייען זיך איבערן ברייטן מאַרקפּלאַץ, קייענדיק ווייץ־קערנדלעך פון די טאַשן. זיין ברייטער קאַרק אויף די פּלייצעס האָט געשפּראָצט מיט גבורה און די מגושמדיק־צעוואַקסענע הענט האָבן אַראָפּגעהאָנגען נאָכ־לעסיק, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אָפּגעטאָן אַ שווער שטיקל אַרבעט. תמיד אַ שווייגנדיקער, אַ רויִקער, בלויז זײַנע קליינע אייגעלעך האָבן באַהאַלטן אין זיך עפּעס סודותדיקס.

חיימעלע גנב!

ער האָט נישט געשוינט קיינעמען — אַפילו קיין אָרעמאַן און אלמנה. די גרעסטע גנבות פלעגט ער אויספירן דווקא צו כל־נדרי, ווען קינד און קייט זענען געווען אין שול.

איין מאָל האָט ער ביי דער בלינדער פעסע, אַ פינצטערע אלמנה נעבעך, וועמענס איינציקע צירונג איז געווען דער זילבערנער קאַנדע־לאַבער — אַרויסגעוואָרפן די יום־כיפור־ליכט און דעם לייכטער צוגע־גנבעט. מ׳האָט געוווסט, אַז דאָס איז חיימעלעס אַרבעט. מ׳איז געלאָפן צו אים געבעטן, געוויינט:

— חיימעלע קרוין! האָב רחמנות אויף אַ פינצטערע אלמנה! אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש — אפשר האָסטו אין איילעניש נישט געוווסט אין וועמענס שטוב דו ביסט אַריין... חיימעניו, האַרצעניו, דו ווייסט דאָך אַליין, אַז דער קאַנדעלאַבער איז פעסעס איינציקער פרנסה־געבער; זומער פאַרמשכנט זי דעם לייכטער ביי אייזיקל בלאַוואַטניק און דינגט פאַר דעם געלט אַ סעדל ביי די פויערים, און צו די ימים־טובים קויפט זי אים אויס. ממש אַ שעה נאָך יום־טוב דאַרף זי אים ווידער האָ־בן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי מוז אים ווידער פאַרזעצן און איינקויפן פע־דערן צו שלייסן אויפן לאַנגן ווינטער און ציען דערפון חיונה.

— לאַכטיקער חיימעלע — האָט ווידער אָנגעהויבן מאַשע די קצבטע — אפשר דאַרפסטו האָבן פאַר דער טירחה אַ פּאָר גרייצער — טאָ זאָג, שעם זיך נישט... זענען מיר דאָך ייִדן, זענען דאָך מיר...

ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן און קיין טרערן.

— עך בין דאָרט נישט געווען. עך בין געשלאָפן — האָט חיימעלע גנב האָרט געענטפערט, כאָטש צעשנייד אים.

אַ צווייט מאָל פאַלט אַ ייִדענע אַריין צו חיימעלען מיט אַ געוויין, אַז ס׳האָט דאָס האַרץ צעשניטן. יאָרן־לאַנג האָט זי אָפּגעשפּאָרט פון מויל, זיך נישט פאַרגונען אַ ביסן צו זאַט, געלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן. שוין באַלד געהאַט צוזאַמענגעקליבן דעם נדן פאַר מלכהלען, אַ מיידל אין די יאָרן, און נישט פאַר ייִדישע טעכטער געדאַכט — מיט אַ שטיקעלע אויסגעקרומטע פּלייצע דערצו — און ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן, אַז חיימעלע וועט דערטאַפּן דאָס קניפּל טיף אינעם שעניק, און דווקא אין דער הייליקער נאַכט פון כל־נדרי?

מ׳איז געלאָפן צום אַלטן רב פון שטעטל, געשריגן, געוויינט, היתכן, רבי, ווי לאָזט איר דאָס צו? דער רב האָט דריי מאָל געלאָזט רופן חיי־מעלע גנב, געדראָט מיט חרם, מיט קאָכעדיקע פעסער סמאָלע פון גיהנ־נום — אָבער חיימעלע גנב האָט זיך אַפילו נישט גערירט פון אָרט, און ווי זיין שטייגער איז, אַ ביסל אַ שטאַמלדיקער, געטענהט:

— זאָגט דעם רבין, אַז עך בין דאָרט נישט געווען, עך בין געשלאָפן, בין עך!

ווייבער האָבן נישט געלאָזט רוען. מ׳האָט צוזאַמענגערופן אַסיפות פון די פּני העיר, געטראַכט וועגן אַן עצה קעגן חיימעלע גנב, אָבער — ווער האָט זיך דאָס געוואָלט אַרויסשטעלן? אַז חיימעלע גנב טראָגט אַלע מאָל ביי זיך אַ לאַנג מעסער אין די שטיוול־כאָלעוועס, מיט די „פּאָליציאַנטן״ ליגט ער גאַנצע נעכט אין די קנייפּעס און איז מיט זיי אויף „דו״, די „זאַמד־שקצים״ גייען פאַר אים אין פייער אַריין — טאָ גיי און הייב אָן מיט אַזאַ איינעם...

אַזוי זענען געלאָפן יאָרן. אין שטעטל האָט מען זיך שוין געהאַט צו־געוווינט צו די צרות, און ווי איינער האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום, האָט ער אים אויסגעבייטלט צו חיימעלע גנבס קאָפּ. אַז ווייבער האָבן זיך גע־

נומען איבערוואַרטלען אין דער יאַטקע, האָט מען אָנגעהויבן בײַ חיימעלע גנב: „חיימעלע גנב זאָל אַזוי לעבן, צי איך האָב געזאָגט, אַז זי קענען נישט קיין פלייש אויסזאַלצן". טאָמער האָט אַ ייִדענע זיך געדונגען מיטן קצב, האָט זי גלייך אַריינגעזאָגט: „חיימעלע גנב זאָל אַזוי האָבן געזונטע ביינער צי דאָס איז אַ מאַרך־ביין". מאַמעס האָבן קינדער אין די וויגן געשראָקן מיט חיימעלע גנב: „עס אויף גיכער, אַ נישט רוף איך אַריין חיימעלע גנב"! אַזוי — ביז איין מאָל איז דאָס גאַנצע ייִדישע שטעטל אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ שרעקלעך געשעעניש.

אין אַ פינצטערער האַרבסט־נאַכט איז אין יצחקל וואַרשעווערס פאַר־בערייַ אויסגעבראָכן אַ שריפה. דער ווינט האָט דאָס פייער גיך צעשפּרייט און עס האָט אַרומגעכאַפּט די שכנותדיקע הילצערנע הייזער. דערלעבן איז געשטאַנען די אַלטע שול מיטן איינגעבויגענעם שינדל־דאַך. אַ יאָמער האָט זיך געטראָגן איבער די ייִדישע געסלעך. אַלע זענען גע־לאָפן ראַטעווען, געשלעפּט פּעק בעטגעוואַנט, אַרויסגעוואָרפן האָב־און־גוטס דורך די פענצטער. מאַמעס האָבן אַרויסגעכאַפּט די פאַרשלאָפענע קינדער פון די וויגן און מיט יללות זיך געטראָגן איבער די מיט פלאַמען באַלויכטענע געסלעך. אַנדערע זענען געלאָפן וועקן מיכאַלסקין, דעם סיגנאַליסט פון די פייערלעשער.

— פּאַניע מיכאַלסקי! שטיי אויף, דערבאַרעם זיך, גיכער, דאָס שטעטל ברענט, די „בוזשניצע" ברענט, טראָמייטער!

קוים דערוועקט מיכאַלסקין, איז ער אַרויס פון זיין כאַטע. געריבן די אויגן און זיך צעבייזערט:

— איך בין דען מחויב צו ראַטעווען אייער בוזשניצע?...

ייִדן ווייסן דאָך אָבער, וואָס צו טאָן אין אַן עת־צרה, האָט מען מי־כאַלסקין אַריינגערוקט אין יד אַריין אַ מטבע, אָבער דער ערל האָט אַזוי „געטראָמביעט", אַז מ'האָט געקענט מיינען, ס'איז אַ פּראָבע־סיגנאַל...

אַז ייִדן האָבן געזען ווי ס'האַלט, האָבן זיי געלאָזט שטיין די ברע־נענדיקע הייזלעך, מיט די קלייטן, מיטן בעטגעוואַנט און מעבל און אַוועק ראַטעווען די שול.

אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

אויפן שול־הויף זענען געשטאַנען עטלעכע צענדליק ייִדן און יעדער האָט זיך געריסן אַרייַנצולויפן אין די פלאַמען ראַטעווען די ספרי־תורות. ר׳ מענדל גבאי האָט זיך דער ערשטער אַדורכגעריסן דורך אַלעמען און געשריגן מיט ווילדע קולות:

— ייִדן, לאָזט מיך אומקומען אויף קידוש־השם!

מיט אויסגעשטרעקטע הענט איז ער געלאָפן ביז צו דער טיר פון פּאָליש, און ווען ער האָט אויפן פּנים דערשפּירט די נאָענטקייט פון די פלאַמען, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט, געבליבן שטיין פון דער ווייטנס און הויך זיך צעשריגן:

— ייִדן, לאָזט מיך ראַטעווען די ספרי־תורות, לאָזט מיך!

נאָך אים איז נאָכגעלאָפן ר׳ אלתרל גפן, אַ טייערער ייִד, און מיט גרויס התלהבות האָט ער זיך צוגעשטופּט ביז צו דער שוועל פון דער ברענענדיקער שול. אָבער ווי נאָר די ערשטע פונקען האָבן אים גענומען שפּריצן אין פּנים — האָט ער זיך צוריקגעצויגן, געריסן פון זיך די מלבושים און אימהדיק זיך צעשריגן:

— גוואַלט ייִדן, לאָזט מיך אומקומען צוזאַמען מיט די ספרי־תורות!

פון די געשרייען און געוואַלדן האָט זיך אויפגעוועקט חיימעלע גנב.

צו ערשט האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער און געקוקט מיט תמעוואַטע אויגן אין די פלאַמען אַרייַן, ווי ס׳וואָלט אים גאָר־נישט אָנגעגאַנגען. נאָר באַלד איז ער אַרויסגעשפּרונגען און ווי עפּעס אַ רוח זיך געטראָגן איבער די געסלעך, גלייַך אין שול אַרייַן. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט חיימעלע גנב מיט זייַנע ברייטע דלאָניעס אַ צעשפּרייט־געטאָן דאָס געווירבל מענטשן און אַרייַן אין דער ברענענדיקער שול. שוין ביים אַרייַנגאַנג האָט מען געזען, ווי אַ ברענענדיקע בעלקע פאַלט־אַראָפּ אויף זייַן קאָרק. ערשט וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק? — אַ גיהנום! און אין מיטן גיהנום איז פאַרשלונגען געוואָרן חיימעלע גנב. ס׳האָט געדויערט אַ מינוט, צוויי, דאַכט זיך אַן אייביקייט, און חיימעלען זעט מען נישט.

אין מיטן דערינען, ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט מייאש געווען, איז פון די פלאַמען־וואָלקנס אַרויסגעשפּרונגען חיימעלע גנב מיט דריי ספרי־תורות אין די הענט.

ער האָט אַראָפּגעשאָקלט פון זיך די ברענענדיקע פונקען און אַוועק



מיט די ספר־תורות צום שטאָקיקן געמויערטן הייזל, ווו ס׳האָט געוווינט דער אַלטער רבֿ.

לעבן אַלטן רבֿ זענען געשטאַנען זיינע מקורבים, ייִדן בני תורה, חסידים און געהאַלטן אין איין תפילה־טאָן. פּלוצעם רייסט זיך אויף די טיר און חיימעלע גנבֿ פּראַלט־אַריין מיט דריי ספרי־תורות.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט ביי דער וואַנט, קעגן איבער דעם אַלטן רבֿ און מיט אַ גראָבער שטימע געזאָגט:

— רבי, כ׳האָב אייך געבראַכט די תורה!

און ווי נאָר דער אַלטער רבֿ האָט דערזען חיימעלען מיט די ספרי־

תורות אין די הענט, איז ער ראַפּטעם אויפגעשפּרונגען און געמאַכט איבער חיימעלע גנב אַ ברכה — די אייגענע ברכה, וואָס מען מאַכט איבער אַ מלך, ווען מען טראָגט אים אַנטקעגן אַ טאַץ ברויט מיט זאַלץ.

די מקורבים פונעם רב האָבן געגלאָצט מיט די אויגן און געשטוינט: וואָס מיינט דאָס?

אין אַ צייט אַרום, ווען דער ווייטיק פון דער „גרויסער שריפה" איז שוין אַ ביסל איבערגעגאַנגען און מען האָט אָנגעהויבן בויען נייע היימען, און אויך אַ פונדאַמענט אויף אַ נייער שול האָט מען שוין געלייגט — האָבן דעם רבינס חסידים, בעת אַ גוטער שטימונג מוצאי ראש־השנה, געפרעגט דעם אַלטן צדיק:

— ס'איז אונדז טאַקע די גאַנצע צייט געווען קשה — האָט אָנגעהויבן ר' אביגדור — מ'מיינט דאָס... נו, נישט היינט געדאַכט מיט חיימעלע גנב, ס'הייסט מיט דער ברכה, וואָס דער רבי האָט געמאַכט. איבערן גנב...

— פּשוט נישט צו פאַרשטיין — האָט איבערגעשלאָגן די רייד ר' פּנחסל מוהל — אַ שטייגער ווי דער רבי וואָלט נישט קענען חיימעלען גנב... צו מאַכן איבער אים אַ ברכה ווי איבער אַ מלך?

דער אַלטער רב האָט געדולדיק אויסגעהערט זייערע רייד, אַרויס־געבלאָזן וואָלקנדלעך רויך פון דער לאַנגער לולקע, נאָר ווען נאָך איינער פון זיינע חסידים האָט ווידער גענומען רעדן, האָט ער אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט — דאָס מיינט: גענוג! אַליין האָט ער גענומען אונטערברומען אַ שטילן ניגון, וואָס אַ מאָל העכער און מתיקותדיקער, ביז זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט און זיין קול האָט געקלונגען לויטער און זיכער:

— כ'וועל אייך זאָגן, ייִדן! ווי נאָר חיימעלע גנב האָט געעפנט די טיר און כ'האָב דערזען זיינע אויגן, זיין התלהבות, זיין קידוש־השם און אין זיינע הענט די ספרי־תורות — האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן און דערזען ווי אַ גרויס ליכט פלאַקערט איבער זיין קאָפּ. און דעריבער... דע־ריבער האָב איך געמאַכט די ברכה איבער אים! און טאַקע ווי נאָר אַ שטן... מוז איך אַקעגנשטעלן חיימעלען... אַפילו היינט פאַר די תקיעות...

מער האָט דער אַלטער רב נישט געזאָגט, און ער האָט ממשיך געווען דעם אָנגעהויבענעם ניגון...

צוועלף חלות

פאַרשידן זענען די וועגן פון רביים און גוטע־ייִדן. נישט נאָר איז סתרי־תורה, נאָר אַפילו אין זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דברי־חול, האָט יעדער זיין וועג. יעדער האָט ליב מקפיד צו זיין אויף זיינס.

דער יעזעווער, דערציילט מען, האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף ייִן לקידוש. ס'האָט געדאַרפט זיין אָפּגעהיטענער, גאָר אַלטער וויין, מיט אַ זיסן טעם, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים.

דער ריקאָווער, ווידער, האָט געהאַלטן פון פיש. פאַרשטייט זיך, אַז מען מיינט פיש לכבוד שבת און יום־טוב, ווייל וואָס פאַר אַ טעם קאָנען האָבן פיש אין אַ וואָכנטאָג? דער ריקאָווער רבי האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף ערב־שבת, און שוין דינסטיק האָט די רביצין איינגעקויפט פיש לכבוד שבת. אַז ס'זענען שפּעטער אונטערגעקומען גרעסערע, האָט מען פאַרנוצט די פריִערדיקע און די בעסערע געהאַלטן אויף שבת.

און אַז עס האָט זיך געמאַכט, אין די גרויסע פרעסט, אַז ס'איז אין גאַנצן נישט געווען קיין פיש — האָט דער רבי אַליין גענומען עטלעכע חסידים מיט העק אין די הענט, אַוועק צום טייך, אויפגעהאַקט דאָס אייז און מען האָט זיך געשטעלט כאַפּן פיש. האָט דער פראָסט געמעגט ברענען און דער שניי־שטורעם האָט געקאָנט זיין ווי שטאַרק, איז דער רבי פריִער נישט אַהיימגעגאַנגען ביז ער האָט געברענגט פיש לכבוד שבת.

גאָר אַנדערש איז געווען דער דרך פון וואָלבאָזשער צדיק.

פון פלייש און פיש האָט ער זייער ווייניק טועם געווען, קוים אַ כזית. פונעם וויין האָט ער אַ ביסל אָפּגענעצט די ליפּן, ער זאָל נישט האָבן גע־מאַכט אַ ברכה לבטלה. דער עיקר זענען ביי אים געווען די חלות לכבוד שבת. פרייטיק צו נאַכטס האָט דער רבי קידוש געמאַכט איבער צוועלף חלות.

אַזוי האָט דער וואָלבאָזשער זיך געפירט כל ימיו. מ׳האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז עפּעס מכוון מיט דער צאָל צוועלף. ס׳איז געווען צו פאַרשטיין, אַז די כוונה איז אַקעגן די צוועלף שבטים, וואָס זענען, בעוונו־תינו הרבים, צעשפּרייט אין גלות, איבער דער גאַנצער וועלט.

און אַזאַ בריהטע ווי די וואָלבאָזשער רביצין איז געווען אויף באַקן חלות, איז נישט געווען צו זען אין גאַנץ קרוינפּוילן. צו די חלות האָט זי גענוצט נאָר קאַמטשאַטקע־מעל. דאָס קאַמטשאַטקע־מעל איז געווען אַ ביסל געלבלעך, אָבער קרוכע און טרוקן, און מ׳האָט נישט באַדאַרפט אַריינטאָן קיין סך היווּן.

זומער אין די גרויסע היצן האָט זי דאָס טייג געהאַלטן אין פינצטערן אַלקער. ס׳זאָל נישט צו פיל אויפיערן. ווינטער ווידער האָט זי עס אַרונטער־געשטעלט אונטער דער פּערענע, ס׳זאָל בעסער אויפגיין.

ביי איר, ביי דער וואָלבאָזשער רביצין, האָט יעדע חלה געמוזט אַרויס־קומען מיט אַ העל שיין פּנים. נישט צו פיל אויסגעבאַקן, און אויך נישט רוי. ס׳זאָל זיין — טאַקע ווי דער רבי פלעגט אַ זאָג טאָן — לחם הפּנים. גע־פלאָכטן האָט זי די חלות מיט זיבן פלעכטלעך, מסתמא אַקעגן די שבעי ימי שבתא.

פלעכטן חלות מיט דריי אָדער אַפילו פיר פלעכטלעך, קאָן יעדע בעל־הביתטע, אָבער מיט זיבן — איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. מען מוז וויסן ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. טראָגן די חלות צום בעקער האָט מען נישט באַ־דאַרפט, ווייל אין רבינס הויז איז אויך געווען אַ באַקאויוון. אָבער דאָס אויס־הייצן דעם אויוון האָט די רביצין קיינעם נישט אַנפאַרטרויט. זי האָט גע־ווּוסט וויפל האָלץ מען דאַרף אויסברענען, און ווען דער אויוון איז ווייס, אָדער אויסגעהיצט. אַז זי האָט נאָר אַ בליק געטאָן מיטן אויג, האָט זי שוין געוווּסט, ווי ס׳האַלט. אַ מאָל האָט זי געהייסן צוּוואַרפן נאָך אַ פּאָר טרוקענע שפּענדלעך, און אַ מאָל האָט זי גאָר דעם אויוון געלאָזט אַ ביסל אָפּקילן, די חלות זאָלן נישט כאַפּן קיין „זענג״. דעריבער איז ביי דער וואָלבאָזשער רביצין אַלע מאָל געראָטן דאָס געבעקס.

און אַז מען האָט איר דערפאַר געלויבט, האָט זי בנעימותדיק געזאָגט, אַז זי אַליין ווייסט נישט פאַר וואָס, נאָר ס׳מוז זיין אין זכות פון איר מאַן, דעם וואָלבאָזשער צדיק.

אַז דער וואָלבאָזשער איז פֿרייטיק צו נאַכטס אַהיימגעקומען באַגלייט פֿון די מלאכי השרת און דערזען די צוועלף חלות, האָט ער דערפֿילט, אַז עס גייט אין אים אויף אַ גרויס ליכט, און ער האָט זיך באמת געהאַט מיט וואָס פֿאַרצושטעלן פֿאַר זיינע באַגלייטער. ערשט ווען ער האָט די מלאכים אַוועקגעשיקט מיט אַ ברייטן „צאתכם לשלום", האָט ער גענומען מאַכן קידוש איבער די חלות.

און ווער ס'האָט נישט געהערט און געזען קידוש־מאַכן דעם וואָלבאָ־זשער, דער האָט נאָך קיין צדיק אין זיין מעלה עליונה נישט געזען. מ'האָט געפֿילט, ווי נאָר דער גוף פֿון רבין שטייט אויף דער ערד, אָבער מיט דער מחשבה און נשמה איז ער אין הימל.

און נישט נאָר אויף דער ערד האָט דעם וואָלבאָזשערס קידוש געמאַכט אַ רעש, נאָר אויך אין הימל האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין קידוש־מאַכן. אַפֿילו די זעלבע מלאכי השרת, וואָס האָבן אים באַגלייט פֿון שול ביזן שטוב אַריין, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דעם „צאתכם לשלום", זענען זיי מיט איין פֿלי אַרויף אין הימל און געוואַרט אויפֿן וואָלבאָזשערס קידוש. שטענדיק ווען זיי זענען צוריקגעקומען האָבן זיי איבערן וואָלבאָזשער הימל געטראָפֿן פֿאַרזאַמלט קבוצות מלאכים, וואָס זענען געקומען צופֿליען פֿון אַלע זיבן הימלען הערן דעם וואָלבאָזשער רבינס קידוש־מאַכן.

און וואָס דאָרטן האָט זיך ערשט אָפּגעטאָן, ווען דער וואָלבאָזשער האָט געמאַכט אַ „המוציא" איבער די צוועלף חלות? זיי האָבן געקלאַפּט מיט די ווייסע פֿליגלען, געברענט מיט פֿייערדיקע אויגן און אויסגעזונגען אַ שירה מיטן נאָכזאָגן צוועלף מאָל אָמן!

אָבער ביים וואָלבאָזשערס טיש האָט קיינער נישט געטאָרט קיין פּיפּס טאָן, נישט וועגן זיין גרויסקייט און נישט וועגן זיין רוח־הקודש. ער האָט מער פֿאַרברענגט אין התבודדות, ווי מיט זיינע חסידים צוזאַמען.

נאָך אַ טבע האָט דער וואָלבאָזשער צדיק געהאַט: דאָס וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד איז אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך נישט געמישט אין מחלוקתן וועגן אויפֿנעמען רבנים אין ייִדישע שטעטלעך; ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין התפּעלות, און אויך נישט אַרויסגעטראָטן כנגד איינעם פֿון די צוויי גרעסטע חסידישע דינאַסטיעס אין פּוילן — גער און אַלכסנדר.

ער האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך. נישט געוואָלט זיין קיין רב און נעמען פּענסיע; ער האָט נישט אָנגענומען קיין דין־תורות אָדער בוררות; אַפילו פאַרהערן אין לערנען אַ חתן־בחור, וואָס אַ נגיד האָט געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז דער וואָלבאַזשער איז וואָס אַ מאָל פאַרגעסן געוואָרן.

ביי אַזאַ רבין, וואָס מישט זיך נישט אין קהילישע ענינים, קענען זיך חסידים נישט האַלטן. איז טאַקע וואָס אַ מאָל דער עולם קלענער געוואָרן. די לומדים זענען אַוועק קיין גער, און די גבירים — קיין אַמשינאָוו. דעם רבינס טיש איז געבליבן אָפּגעליידיקט, בלויז אַ ביסל אביונים זענען נאָך געבליבן, און אין רבינס שטוב האָט זיך גענומען אַריינבציִען דער דלות.

און אַז די רביצין האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי קאָן נישט אויסקומען, האָט זי אויף דעם שבת, און געווען איז עס פונקט שבת־חנוכה, געבאַקן נאָר צוויי חלות.

ווי לאַנג די חלות זענען געווען פאַרדעקט, איז דעם רבין אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז עס זאָל געמאָלט זיין, אַז זיינע חלות זאָלן פאַרמינערט ווערן, אָבער נאָכן קידוש־מאַכן, ווען ער האָט אָפּגעדעקט דאָס שבת־טישטעכל און דערזען, אַז עס זענען נאָר פאַראַן אַ מנין חלות — האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק. לכתחילה האָט ער געוואָלט די רביצין אַ פרעג־טאָן וועגן די צוויי חלות, אָבער כהרף־עין האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שוין פון דינסטיק אָן האָט די רביצין אים מרמז געווען, אַז זי האָט נישט אויף שבת. האָט ער דעם ענין אין גאַנצן פאַרשוויגן, כאילו ס׳וואָלט גאָר נישט פּאַסירט.

און אַזוי איז שוין דער סדר אויף דער וועלט: קוים הייבט אָן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ — גייט עס וואָס אַ מאָל ערגער. מעג דאָס זיין אַ חכם צי אַ תם, אַ רשע צי להבדיל אַ צדיק. שווער צו ענדערן די טבע.

אויפן צווייטן שבת איז געווען נאָך ערגער. די רביצין האָט צוזאַמענגעשאַרט, ווי נאָר אַ גראָשן, אָבער מער, ווי אויף זעקס חלות, האָט איר נישט געסטייעט. האָט זי שלום געמאַכט מיטן גורל, מסתמא איז אַזוי גאָטס ווילן און אָפּגעבאַקן נאָר זעקס חלות.

ווייזט אויס, אַז אויך דער וואַלבאַזשער האָט שלום־געמאַכט מיטן גורל. מסתמא איז אַזוי באַשערט — האָט ער געטראַכט. אין דער אמתן: ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז כ׳מוז קידוש־מאַכן איבער צוועלף חלות ?... און ער האָט קידוש געמאַכט מיט פרייד און התלהבות, גלייך ווי ס׳וואָלט פון זיין טיש גאָרנישט געמינערט געוואָרן.

אַז די פּאָר אביונים, וואָס זענען נאָך געבליבן, האָבן געזען, וואָס עס טוט זיך אויפן רבינס טיש — האָבן זיי זיך איבערגעווונקען מיט די אויגן איינער צום אַנדערן און גלייך נאָכן קידוש, אונטער פאַרשידענע תירוצים, זיך אָפּגעטראָגן פון וואַלבאַזשערס שטוב.

אין אַ וואָך אַרום איז שוין דעם וואַלבאַזשערס טיש געווען ליידיק פון חסידים און אביונים. די רביצין איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע. אין האַרצן האָט איר וויי געטאָן, וואָס אַרום דעם טיש איז ליידיק, אָבער פון דער צווייטער זייט איז זי געווען צופרידן, וואָס זי וועט נישט פאַרשעמט ווערן ברבים. און טאַקע אַזוי: וואָס וואָלט זי געגעבן צום טיש, אַז מער, ווי די צוויי חלות און אַ ביסל פיש־יויך פון קליינע אָפּגעשטאַנענע פלאָט־קעלעך, האָט זי נישט אָנגעגרייט אויף שבת.

אויף די אַלע שינויים ביים רבינס טיש האָט דער וואַלבאַזשער גע־ענטפערט מיט התבודדות. ער האָט זיך פאַרמאַכט אין אַלקער און ער איז זעלטן אַרויסגעקומען.

די רביצין האָט זיך אַפילו נישט געקאָנט מיט אים שואל עצה זיין. אָנקלאַפּן אין אַלקער און שטערן זיין סתרי־תורה — דאָס האָט זי נישט געוואָגט צו טאָן.

פאַר דעם איצטיקן פרייטיק צו נאַכטס האָט זי ממש געציטערט. אויפן טיש האָט זי נאָר אַרויפגעלייגט איין חלה, ווייל אָנקומען צו מענטשן האָט זי נישט געוואָלט. ווער ווייסט וואָס דער רבי וועט זאָגן, דערזעענדיק נאָר איין חלה — האָט זי געטראַכט. אַליין האָט זי נישט געוווסט דעם דין, און פרעגן האָט זי נישט געוואָלט, צי מען מעג בכלל קידוש־מאַכן איבער איין חלה.

אָבער ווי נתפעל איז זי געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, אַז דער רבי מאַכט זיך גאָרנישט דערפון. אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרצן, הערנדיק,

ווי ער מאַכט קידוש מיט שימחה איבער דער איינער חלה, קיין האָר נישט אַנדערש, ווי אַ מאָל איבער די צוועלף חלות.

האָט זיך די רביצין אָנגענומען מיט בטחון און געטראַכט, אַז מסתמא וועט זי שוין די וואָך געהאָלפן ווערן און קענען ווידער באַקן לכבוד שבת צוועלף חלות. זונטיק און מאָנטיק איז די רביצין געווען אין אַ הייטערע שטימונג: צו שבת איז נאָך ווייט — האָט זי געטראַכט. דינסטיק איז זי גע־וואָרן אַ ביסל מער אומרויִק, אָבער דעם בטחון האָט זי נישט פאַרלוירן. מיטוואָך האָט זי נאָך נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן מעל אויף חלות. אָבער זי האָט אַלץ אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט: מען פּרוּווט אויס פון הימל — אפשר וועט מען האָבן טענות צום רבונו של עולם. אָבער אַז דער שטן זעט, אַז ער האָט נישט אָנגעטראָפן, מוז ער סוף־סוף אָפּטרעטן, און מען ווערט געהאָלפן.

דאָנערשטיק האָט זיך די רביצין געפעדערט און אָנגעגרייט טרוקן האָלץ איינצוהייצן דעם אויוון, אָבער מעל אויף חלות האָט זי אַלץ נאָך נישט געהאַט.

יעדע שעה איז ביי איר געוואָרן אַן אייביקייט. יעדע מינוט אַ גאַנץ לעבן. זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. אַזוי האָט זי זיך אָפּגע־מאַטערט ביז ליכט־צינדן.

צו איר מזל האָט זי נאָך געהאַט אַ פּאָר ליכטלעך, וואָס דער שמש האָט געבראַכט פון בית המדרש. אָבער קיין איין חלה האָט די רביצין נישט געהאַט אַרויפצולייגן אויפן טיש.

האָט די רביצין אויפגעלייגט נאָר דאָס אויסגעהאַפטענע שבת־טיש־טעכל, מיט די זילבערנע שטערן און גאָלדענע אותיות „לכבוד שבת". ווי נאָר זי האָט אַראָפּגענומען די הענט פון פּנים נאָכן ליכט־בענטשן און אַ בליק־געטאָן אויפן טיש, האָט זי דערזען, ווי דאָס טישטעכל ליגט גלאַטיק, ווי ס'וואָלט באַדעקט אַ שטיק חרפּה. די שבת־ליכט האָבן זיך גענומען שמעלצן, ווי זיי וואָלטן זיך געפּאָרכט פאַר אַ הייליקן צאָרן, וואָס וועט באַלד אויסגעגאָסן ווערן.

דער רבי איז אַריין אין שטוב מיט זיין התלהבותדיקן „גוט שבת". און ווען ער איז צו צום טיש און דערזען, ווי דאָס שבת־טישטעכל ליגט גלאַט אויסגעשפּרייט און אונטער דעם איז קיין איין חלה אויך נישטאָ —

האָט ער אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף דעם ליידיקן שבת־טישטעכל, פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען שטיל און אָן אַ וואָרט צו זאָגן, בלויז זיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי ביי שמונה־עשרה. זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן און די אויגן־אַפּלען האָבן זיך אין גאַנצן באַהאַלטן אונטער די געדיכטע ברעמען.

אַזוי איז ער געשטאַנען מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אין טיש און נישט אַרויסגעלאָזט פון זיך קיין קלאַנג.

אויבן אין הימל, זענען שוין, ווי תמיד, געווען פאַרזאַמלט די מלאכים צו הערן דעם וואָלבאָזשערס קידוש.

זיי וואַרטן לאַנג און זעען ווי דער צדיק שטייט ביים טיש, אָבער קיין קידוש מאַכט ער נישט.

פּלוצעם האָט דער וואָלבאָזשער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ער האָט ברייט געעפנט דאָס מויל, די אויגן־אַפּלען האָבן ביי אים גענומען ציטערן, אָבער אַנשטאָט קידוש־מאַכן האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

און אַז דער וואָלבאָזשער האָט געוויינט, האָבן די מלאכים מיט אים מיטגעוויינט.

איז געוואָרן אַ רעש אין דער פמליה של מעלה. מ׳האָט גערופן דעם שר הממונה על מזון און אים געפרעגט:

— היתכן? דער וואָלבאָזשער איז אַזוי שטאַרק מכוון דעם „הנותן לחם לכל בשר" און לויבט דעם אייבערשטן פאַר יעדן ביסן ברויט, און דו האָסט אים איבערגעלאָזט אָן איין חלה אויף שבת?

די מלאכים האָבן זיך צוזאַמענגענומען און יאָמערלעך געוויינט:

— ווי צו אונדז, וואָס מיר האָבן נישט געהערט דעם וואָלבאָזשערס קידוש.

זענען די מלאכים געשטאַנען אַרומגענומען, ווי זיי וואָלטן געווען צו־זאַמענגעוואַקסן, און פון זייערע אויגן האָבן זיך געגאָסן לויטערע טרערן.

האָט איין טרער מיט דער אַנדערער זיך צונויפגעטראָפן, געוואָרן דיקער און זיך צונויפגעקלעפּט. און פאַלנדיק נידעריקער צו דער ערד — האָבן זיי זיך אָפּגעקילט, פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און באַקומען די צורה פון גע־שליפענע בריליאַנטן. אַזעלכע איידל־שטיינער איז נישט צו זען אין די קעניגלעכע קרוינען.

דער לעצטער פֿון באַשאַף

איין טרער אַזאַ האָט זיך אַדורכגעריסן און אַראָפּגעפּאַלן אויפֿן רבינס טיש, גראָד אויפֿן ליידיקן שבת־טישטעכל.

פֿון דעם קלאַפּ האָט זיך דער וואַלבאַזשער אויפֿגעכאַפּט.

די רביצין האָט אויפֿגעציטערט, דערזעענדיק ווי איין שטוב איז פּלוצעם ליכטיק געוואָרן. אַזוי ליכטיק, ווי ס'וואָלט ווער אַנגעצונדן טויזנט לאָמפּן.

זי האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז די ליכטיקייט קומט פֿון טיש. די וואַל־באַזשער רביצין האָט באַלד דערזען דעם גרויסן נס.

צו ערשט האָט זי די פֿינגער פֿוןביידע הענט צוזאַמענגעלייגט ווי צו ליכטבענטשן און אָפּגעגעבן אַ שבח צום בורא־עולם. דערנאָך האָט זי גענומען מונטערן דעם רבין:

— זע, וואָס ס'איז געשען!

— שפּייז פֿון הימל!

דער רבי האָט פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען אַפּער אַ בליק־געטאָן אויפֿן לויכטנדיקן שטיין און אַ ברוגזן זאָג־געטאָן:

— זיי האָבן נישט דאָרט, אויבן, נאָך וואָס צו וואַרטן! קידוש מאַך איך נישט!

און ער איז אַ ברוגזער אַוועק פֿון טיש.

איבערן גאַנצן שבת האָט קיינער דעם שטיין נישט אָנגערירט.

די רביצין האָט אים געוואָלט אַראָפּנעמען פֿון טיש, אָבער דער וואַל־באַזשער האָט געפּסקנט, אַז הגם ער איז אַראָפּגעפּאַלן פֿון הימל, איז דינו כדין ביצה שנולדה בשבת, און מ'טאָר אים נישט אָנרירן.

צו שלוש־סעודות האָט דער ברילִיאַנט אָנגעהויבן צו באַלייכטן די גאַנצע שטוב.

דעם וואַלבאַזשער האָט עס פֿאַרדראָסן, מחמת ס'זענען נאָך נישט אויפֿ־געגאַנגען דריי שטערן אויפֿן הימל. האָט ער געהייסן מיטן שבת־טישטעכל איבערדעקן דעם שטיין, אָבער ער האָט אויך דורכן טישטעכל אַדורכגעלויכטן.

האָט דער וואַלבאַזשער אַראָפּגענומען דאָס שטריימל פֿון קאָפּ און אַרויפֿגעלייגט אויפֿן שטיין, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. דאָס שטריימל האָט אָנגעהויבן לייכטן ווי אַ לאַמטערן.

איז דער וואָלבאָזשער געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט. די גאַנצע מעשה קאָן נאָך ח״ו ברענגען צו אַ חילול־שבת. אַז מען וועט זען, אַז אין רבינס הויז איז ליכטיק, וועט דער עולם אָנצינדן ליכט פאַרן זמן.

און דאָס שטריימל הערט נישט אויף צו לייכטן, און עס שלאָגן דערפון אָפּ צוועלף פנימער. דער וואָלבאָזשער האָט גלייך דערקענט די פנימער פון די צוועלף שבטים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווייזט מען אים פון הימל, אַז ער וועט שוין ווידער קענען קידוש־מאַכן איבער צוועלף חלות.

ערשט מוצאי־שבת, נאָך דער מלווה־מלכה האָט די רביצין אַריינגערופן דעם זייגערמאַכער, ער זאָל זאָגן מבינות וואָס פאַר אַ שטיין דאָס איז.

דער זייגערמאַכער האָט אָנגעטאָן דאָס פאַרגרעסער־גלעזל אויף זיין אויג, אָבער עס האָט אים געגומען אַזוי בלענדן, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט אַריינקוקן אין שטיין.

איז ער געפאַלן אויף א המצאה — ער האָט זיך געהייסן געבן אַ שטיקל פאַרקאָפּטשעט גלאָז. ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט עס צוגעשטעלט צום שטיין איז ער נבהל־ונשתומם געוואָרן:

— ס׳איז אַ בריליאַנט, וואָס אַפילו דער קיסר פאַרמאָגט נישט אַזאַ שיינעם אין זיין קרוין! — האָט דער זייגערמאַכער מיט התפעלות אויסגע־שריגן.

מער האָט די רביצין נישט באַדאַרפט. זי האָט שוין אַליין געוווּסט וואָס צו טאָן. נישקשה, אויף דער וואָלבאָזשער רביצין קאָן מען זיך סומך זיין.

דאָס איז די מעשה פון די צוועלף חלות, וואָס נישט יעדער איינער האָט זי געהערט, און וואָס איז ביז היינט נישט געווען באַשריבן אין די מעשה־ביכלעך.

איך האָב מיר גענומען צייַט און די מעשה פאַר אייך אויפגעשריבן, איר זאָלט לייענען און הנאה האָבן.

תיקון חצות

אז מ׳קומט אָן פון וואָלינער טראַקט צו דער שטאָט לעמבערג, איז מען נאָך אַלץ פאַרשיכורט פון דער רחבותדיקער לאַנדשאַפט מיט זאַטע פעלדער און געדיכטע וועלדער.

די באַן רייסט זיך אַריין אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט, האַרט ביי די הויפטגאַסן, מיט אויסגעפוצטע שויפענצטער און פאַרביקע רעקלאַמע־פּייערן. ס׳איז שוין שפּעט אין אָוונט, אָבער די גאַסן און בולוואַרן זענען נאָך פאַרפלייצט מיט יונגע פאַרלעך. יונגע אוקראַיִנקעס, מיט רויט־אויס־געהאַפטענע בלוזקעס און רויט־געלע סטענגעס, איינגעפלאָכטענע אין די בלאָנדע צעפּ, פירן זיך אַרום מיט בחורים אין זייער נאַציאָנאַלן טראַכט. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן דעמאָנסטרירט מיט זייערע אויסגעהאַפטענע קעל־נער און ברייטע געל־רויטע גאַרטלען, אַראָפּהענגענדיקע טראָלדן, און מיט זייער הילכיקן אוקראַיִנישן לשון. אַקעגן זייערע פריילעכע ליאַרמען, וואָס קלינגען אין דער שטילער בלויער נאַכט אַריין, זעען אויס די פּוילישע אויפשריפטן אויף די שילדן צו זיין פרעמד אין דער דאָזיקער שטאָט. דער פּוילישער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אין וואָקזאַל, זעט אויס צו זיין אַ פאַר־בלאָנדזשעטער און אַ פרעמדער.

די הייטערקייט פון דער גאַס האָט פאַרטריבן די לעצטע שפּורן פון דער מאָנאָטאָנער באַן־דרעמלונג. מיטן קליינעם רענצל אין האַנט בין איך מיטגעשווומען מיט דער רוישיקער גאַס. דאָס הויכע לאַכן פון די אוקראַיִ־נישע שיקסלעך און דאָס שטיפערישע אויפפירן זיך פון זייערע קאַוואַלירן האָבן געוועקט צו זומערלעב.

לעמבערג האָב איך דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל. איך האָב די גאַסן נישט געקענט און ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס, אין וועלכער גאַס איך געפין זיך. אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט פון גאַס צו גאַס. ביסלעכ־

ווייז האָבן זיך אויסגעלאָזט די ברייטע בולוואַרן און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען שמאָלע געסלעך מיט אָנגעפּראָפּטע געוועלבלעך. אָפּגענוצטע שילדן, טייל מיט יִידישע אותיות, האָבן רחמנותדיק אַראָפּגעקוקט פון די אַלטע געביידעס. כ׳בין שוין געווען אַ ביסל מיד פון גאַנג, אָבער ס׳האָט מיך אַלץ צוריקגעצויגן צו יענע באַלעבטע און באַלויכטענע גאַסן, וואָס קלינגען מיט געלעכטער און בלענדן מיט קאָלירטע סטענגעס אין מיידלשע צעפּ. איך האָב זיך צוריקגעקערט, און נישט באַוויזנדיק אָפּצוגיין מער ווי עטלעכע שפּאַן, כאַפּט ווער אָן מיין רענצל.

ער איז נאָך געווען גאָר יונג. דאָס בערדל מיט די העל־בלאָנדע געקרייזלטע צויטן איז געווען אַרונטערגעשאַרט אונטערן גאָמבע. זיינע באַקן האָבן נאָך נישט אַרויפגעלאָזט אויף זיך אַ גאָלמעסער. דער קיי־לעכדיק פליושענער קאַפּעליוש האָט זיך אים אַוועקגערוקט אין אַ זייַט און מ׳האָט אַרויסגעזען אַ קאַנט פונעם קאַפּל, וואָס ער טראָגט אונטערן הוט.

— שלום עליכם אַ יִידן! איר זוכט דאָך אַוודאי וווּ צו שלאָפן? קומט מיט מיר! אָט דאָ נישט ווייט...

איך האָב דערפילט אַ מידקייט פון לאַנגן וועג. אייגנטלעך, האָב איך דאָך באַלד באַדאַרפט גיין רוען. טאָ וואָס איז מיר דער נפקא־מינא? אין גאַנצן אַ פּאָר שעה פון אַ זומערנאַכט, ווו וועל איך איצטער גיין זוכן אַ האָטעל?

ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן מיין רענצל און געשפּאַנט פּאָרויס, אַריינגעדרייט זיך אין שטילע פינצטערע געסלעך ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אַלט הייזל מיט הילצערנע טרעפּן.

— ביטע, גייט אַריין!

ער איז געבליבן שטיין ביי דער ברייט־געעפנטער טיר און מיך אַריינגעלאָזט פאָרויס. מיין רענצל האָט ער אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, און אַ פרעג־געטאָן:

— איר ווילט אפשר עפּעס עסן, טרינקען?

— אַ טיי!

ער איז גיך אַריינגעלאָפן אין קיך און איבערגעלאָזט אַ געעפנטע טיר.

באַלד קומט אַריין אַן עלטערער ייִד. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ לאַנגער האַלב־גרויער באָרד און פּאות. אָנגעטאָן איז ער געווען אין

אַ לאַנגן שלאַפראַק מיט אויסגעהאַפטענע בלומען און ארומגענומען מיט אַ קאָלירטן גאַרטל. זיינע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט טרויער. ער איז געבליבן שטיין קעגן איבער מיר אין מיטן שטוב.

— שלום־עליכם! — שטעקט ער מיר אַריין אַ האַנט.

אינעם שמאָלן קאָרידאָר־צימערל האָבן צוויי מענטשן נישט געקאָנט שטיין אין דער ברייט, האָט זיך דער ייִד אויסגעדרייט אין אַ זייט און אַדורכגעלאָזט דאָס מיידל מיטן גלאָז טיי.

אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז כ'האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פון איר. זי האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן איבער מיין טיש און איר ביוסט איז אויסגעקומען נאָענט צו מיין פּנים. זי האָט געוואָלט אַוועקשטעלן דאָס גלאָז טיי פאַר מיר, אָבער איר האַנט האָט אָנגעהויבן ציטערן. דאָס וואַסער אין גלאָז האָט זיך גענומען וואַרפן אַזוי, אַז זי האָט עס שיִער נישט אויסגעגאָסן.

זי איז האַסטיק אַוועק פון מיין טיש. און איך האָב בלויז באַוויזן צו זען, ווי אירע בלאָנדע צעפּ האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן איבער איר נאַקן.

איך בין געווען יונג. איך האָב ליב געהאַט שיין צו פאַרקעמען מיין שוואַרצע טשופּרינע און זיך באַגיסן מיט שמעקעדיקע וואַסערלעך. דאָס גלאָז טיי וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויף מיין טיש האָט זיך באַרויִקט.

— רחל, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — האָב איך געהערט, ווי עס פרעגט ווער אין דער קיך.

שלאָפן האָב איך די נאַכט שוין נישט געקאָנט. כ'האָב פאַרלאָשן דאָס ליכט, און ווי נאָר כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל, זענען אין דער פינצטערניש אויפגעקומען ביידע געשטאַלטן: דער הדרת־פּנימדיקער ייִד און דאָס בלאָנדע מיידל מיט די פולע בעקלעך און לאַנגע צעפּ. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער דאָזיקער ייִד איז די האַרטע מויער, וואָס טיילט מיך אָפּ פון זיין טאָכטער.

דאָס געסל איז געווען אַ שטילס. מ'האָט נישט געהערט קיין מענטשן־טריט און אַפילו קיין פיאַקער איז נישט אַדורכגעלאָפן. דאָס גאַנצע הויז איז געווען פאַרזונקען אין דער ביינאַכטיקער רו.

איך האָב זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און אַריינגעטראַכט אין דעם אַלעם. איך האָב זיך אָריענטירט, אַז דער יונגער־מאַן מיט דער אַטלאַסענער

בעקעשע, וואָס האָט צוגענומען מיין רענצל אויפן גאַס, איז דער איידעם פונעם בעל־הבית, און זי, דאָס מיידל וואָס האָט מיר צוגעטראָגן דאָס גלאָז טיי, איז זיין יינגסטע טאָכטער.

אין מיטן דערינען זענען מיינע געדאַנקען איבערגעריסן געוואָרן דורך טריט, וואָס האָבן זיך געהערט אינעם גרויסן צימער. אַ פּאַס שוואַכע ליכט האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם קליינעם פענצטערל, וואָס איז אַרויס אין דער גרויסער שטוב.

איך בין פאַרזיכטיק אויפגעשטאַנען פון געלעגער, אַוועקגעמאַכט דאָס פאָרהענגל און דערזען, ווי אין מיטן גרויסן צימער שטייט דער הדרת־פּנימדיקער ייִד. ער ווישט אָפּ זיינע געוואַשענע הענט. דערנאָך שפּרייט ער אויס אַ טעפּעך אויף דער פּאָדלאָגע און זעצט זיך אַוועק. אַ ליכט ברענט אויף אַ קליין בענקעלע און אין די הענט האַלט ער אַ גרויסן סידור. צו ערשט איז ער שטיל, בלויז זיינע אויגן זענען איינגעטאָן אינעם סידור. ביסלעכוויַיז הייבט ער זיך אָן צו וויגן זיצנדיקערהייט, ווי אין אַ תּפילה, און שטיל, ווי ער וואָלט זיך היטן נישט אויפצוּוועקן דעם איינציקן גאַסט, הייבט ער אָן צו זאָגן:

— „על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון״!

דורך דער ברייטער שפּאַרע האָב איך געזען זיין גאַנצע געשטאַלט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס ריכט ער אָפּ תּיקון חצות, וואָס ס'האָט איינגעפירט דער האר״י הקדוש.

— „איכה נחרב האולם ונהרס יסוד העולם...״ הייבט ער אָן צו קלאָגן.

אַ ציטער איז מיר אַדורך איבערן לייב. איך האָב געהאַט אַ באַגער אַריינצוגיין אַהינצו און אַליין זיך אַוועקזעצן לעבן אים אויף דער פּאָדלאָגע. אָבער באַלד האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַן אַנדער געדאַנק: אפשר וועט זי מיך דערזען זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס וועט זי וועגן מיר טראַכטן?

— „על היכלי אבכה יומם ולילה״ — באַוויינט דער ייִד דעם חורבן בית המקדש.

זיין וויינענדיקער ניגון ווערט פאַרשלונגען אין די ווענט פון צימער. אויף יענער זייט פון דער גרויסער שטוב איז פינצטער. דאָרטן שלאָפט רחלע, דאָס מיידל מיט די לאַנגע צעפּ. איך האָב געהאַט חשק אַריינצוגנבענען זיך אין איר צימער און זי זען שלאָפנדיק... איך וועל זיך נישט

פאַרזוימען ביי איר בעטל, נאָר אַריינכאַפּן איר געשטאַלט אין מיין דמיון. אָבער דעם אַלטנס ניגון האָט זי אָוועקגעריסן פון מיר.

כ׳האָב געצאַרנט אויף דעם אַלטן פאָטער אירן, אָבער באַלד האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויס מיטגעפיל צום וויינענדיקן ייִדן. איך האָב דערפילט זיין בענקשאַפט צום בית המקדש, צו ירושלים, און צוזאַמען מיט דער דאָזיקער בענקשאַפט האָט געפּיבערט אין מיין לייב די בענקשאַפט צו רחלען. זיינע ווערטער האָבן נאָך מער אויפגעוועקט מיין יוגנט־ברען. יעדעס וואָרט זיינס האָט זיך אויסגעדרייט צום מיידל און געזונגען צו איר אַ פאַרבענקט ליד, פונקט ווי ער צו ציון.

— „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״ — האָט ער זיך פאַרגעסן און אויפגעהויבן העכער זיין האַרצרייסנדיקן ניגון.

און איך האָב אים נאָכגעזאָגט אין דער שטיל:

— כ׳וועל דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, רחלע!

— „הביטה וראה את חרפתנו״ — האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל. איך האָב דערוויל ווייטער געזאָגט מיין תפילה:

— גיב אים אין זינען אַריין, איך זאָל ביי אים נושא־חן און ער זאָל מיר געבן זיין רחלען.

איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיינע ווערטער, ווייל כ׳האָב זיי ממש דערהערט מיט די אויערן. און אפשר, האָב איך געטראַכט, איז דער דאָזיקער ייִד מרמז אויף מיינע געדאַנקען...

ער האָט איבערגעזאָגט דעם פּסוק הביטה עטלעכע מאָל און איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן איבער דעם אויסגעשפּרייטן טעפּעך, איבערן צאַנקענדיקן ליכט, אפשר קוקט ער אַריין אין מיין פענצטערל. אפשר ווייזט ער מיט זיינע הענט אויף מיר: ווי קומען אַריין אַזעלכע זינדיקע מחשבות אין זיין שטוב אַריין?

אַזוי קוקנדיק דערזע איך פּלוצעם ווי צווישן קעגנאיבערדיקן ווענטל, וואָס טיילט אָפּ דאָס גרויסע צימער, האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן. צוויי אויגן קוקן־אַרויס פון הינטערן פאַרהענגל און זיי זוכן עפּעס...

ערשט איצט האָב איך באַנומען, אַז אויך זי רוט נישט. אויך איר האַרץ ציט צו מיר. איך האָב אָוועקגערוקט דאָס פאַרהענגל און אַריבערגעקוקט צו איר.

צו ערשט האָט זי אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ, אָבער באַלד האָט זי זיך אויפגעזעצט צוקאָפּנס אויף איר בעטל און אונדזערע בליקן האָבן זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן.

אין גרויסן צימער האָט דער אַלטער געוויינט. ער האָט אין אַלץ פאַרגעסן, אַפילו אין דעם שטיקל פּרנסה זיינעם — איבערגעוועקט אַן אורח אין מיטן שלאָף... ער האָט געקלאַפּט מיט דער רעכטער האַנט אין דער פּאַדלאָגע, ווי ער וואָלט קלאַפּן אין די טויערן פון הימל:

— "תדבק לשוני לחיכי אם לא אזכרכי, אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי!"...

און איך האָב געשעפּטשעט:

— איז ווי אַזוי קאָן איך דיר דערגרייכן, רחל? אַז בעת מיין האַרץ איז פול מיט שימחה צו דיר, קלאָגט גאָר דיין טאַטע אויפן אַלטן חורבן...

— „ואני בתוך הגולה" — האָט ער נישט אויפגעהערט צו קרעכצן.

— און איך געפין זיך אין דער קלעם. זאָל איך מאַרגן פרי זאָגן דיין טאַטן, אַז כ'האָב דיך ליב? וועט דיין טאַטע דיך וועלן געבן מיר פאַר אַ ווייב?

אַזוי האָב איך מיטאָפּגעריכט חצות. עס איז מיר גוט געווען, וואָס איך בין וואַך. איך האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז די שוואַרצקייט פון דער נאַכט זאָל נישט צעגיין, בלויז דאָס ליכט, וואָס צווישן אונדזביידן זאָל בלייבן.

אָבער דאָ האָט זיך דער אַלטער אויפגעשטעלט. ער האָט געגעבן אַ קוש דעם גראָבן סידור, אים פאַרמאַכט, און מיטן ליכט אין דער האַנט איז ער אַרויס פון דער גרויסער שטוב. אין דער רגע איז רחלע אַוועקגע־שפּרונגען פון דער וואַנט. זי האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אין בעט אַריין און איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע...

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין די זון געווען אין מיטן הימל. איך האָב דאָס מיידל אַרומגעזוכט אין גאַנצן הויז — און זי נישט געפונען. אויך איר פאָטער איז מער אין שטוב נישט געווען. איך האָב זיך אַרומ־געדרייט אין דער גרויסער שטוב, וווּ דער ייִד האָט אָפּגעריכט חצות. איך האָב געזוכט עפּעס אַ שפּור פון דעם וואָס כ'האָב דאָ געזען ביי נאַכט, אָבער אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פּשוט און וואָכעדיק.

דער לעצטער פון באַשאַף

איך בין גרייט געווען צו וואַרטן ביז די נאַכט וועט צופאַלן, אָבער כ׳האָב זיך געשראָקן ווידער צו זען און הערן דעם וויינענדיקן ייִדן. האָב איך זיך צערעכנט און געזעגנט מיט דער אַלטער פרוי, און אַוועק פון דאָזיקן הויז.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָב איך זיך שוין געוויגט אַן איינזאַמער אין אַ וואַגאָן. לאַנגע שעהען האָט רחלע מיך באַגלייט מיט איר שמייכל אויפן פנים, מיט אירע ציטערדיקע הענט ביים דערלאַנגען מיר דאָס גלאָז טיי. אין אָנהייב האָב איך זי נאָך נענטער געפילט לעבן מיר ווי אין איר פאָטערס הויז. אָבער וואָס מער די באַן האָט זיך דערווייטערט פון לעמבערג, אַלץ מער האָט זי זיך צוריקגעצויגן, ווי זי וואָלט צוריקגעלאָפן אַהיים. אַזוי האָב איך זיך געראַנגלט מיט איר אַ גאַנצע נאַכט. ערשט ווען די שויבן פון וואַגאָן־פענצטערל האָבן גענומען גרויען מיט אַ מאַטע ליכט, האָט זי זיך מיט אַ מאָל פון מיר אַרויסגעריסן און פאַרשוונדן.

אַ נאַכט אין „פאָנטענבלאָ"*

ס'איז כדאי כאָטש איין מאָל אין לעבן צו פארברענגען אַ נאַכט אין „פאָנטענבלאָ".

אַ סך שיינע פלעצער זענען פאַראַן אויף דער וועלט, אָבער „פאָנטענבלאָ" האָט אַ באַזונדערן חן, כאַפּט אַריין און פארכישופט אויף אַ גאַנצע נאַכט.

צום פאָנטענבלאָ פאַסט צוצופאָרן מיט אַ שיינעם „קאַדעלאַק", אָבער דער מאַן, וואָס האָט מיך דאָרטן אַהינגעבראַכט, איז געפאָרן אין אַן אַלטן טענדער, וואָס האָט געקלאַפּט און געטרייסלט, ווי ער וואָלט געפאָרן אויף אַ וועג פון „קאַצן־קעפּ", און ווען די בלעכערנע מאַשינקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג, האָב איך דורכן פענצטערל באַמערקט, ווי די אויסגעפּוצטע לאָקייען, וואָס דערוואַרטן געסט ביי דער פראָנטטיר האָבן זיך אַדורכגעוואָרפן מיט אַ אַ שמייכל — „אַזאַ אַלטן טענדער האָט מען שוין דאָ לאַנג נישט געזען".

כ'בין געבליבן שטיין אויפן פּאָדיום און געוואַרט דער אַלטער זאָל אָװעקפאָרן מיטן טענדער. ביז ער וועט צוריקקומען — האָב איך געפּלאָנירט — וועל איך אפשר באַוויזן נעלם צו ווערן.

אַזוי שטייענדיק האָבן אַ שימער געטאָן די בלויע וואַסערן פון יענער זייט גאַס. שפּאַצירשיפלעך זענען געשטאַנען ביים ברעג, און אַ הילצערן בריקל איז געווען פאַרוואָרפן ביזן טראָטואַר. פון וואַסער־שפּיגל האָבן אַרויסגעקוקט די לעמפּלעך, אַנגעהאָנגענע אויף די זיגלביימער פון די יאַכטן. ס'האָט מיך געצויגן אַריבערצולויפן די גאַס — אויפן וואַסער אַרויף! אָבער פאָנטענבלאָ האָט מיך צוגענאָגלט. ווי שיין, ווי שיין איז

---

* Fontainebleau — אַ לוקסוס־האָטעל אין מיאַמי־ביטש.

דאָס קליינע אינדזעלע, וואָס שטעקט צווישן צוויי לאַנגע וואַסער־פינגער ביים אַטלאַנטיק־ברעג.

די באַוועגונג אַרום מיר איז געווען אַ גרויסע. פריילעכע מענטשן, יונגע רייצנדיקע פרויען אין פאַנטאַסטישע אָוונטקליידער זענען אַריין און אַרויס געגאַנגען. אַ סך פרויען זענען געגאַנגען אַליין, אָדער זאַלבע־צוויי — אַ שוואַרצער און בלאָנדער קאָפּ. זיי זענען געווען פון פאַרשידענע ראַסן און פאַרשידענע פאַרפום־ריחות האָבן זיך פון זיי געטראָגן. כ׳בין געשטאַנען אין מיטן וועג. מאַנכע שיינהייטן האָבן מיך אַפילו אָנגערירט מיט זייערע מינק־פוטערס, אָבער ביי קיין איינע פון זיי האָב איך נישט אַרויסגערופן קיין אינטערעס. צעבאַלעוועטע פרויען האָבן נישט ליב אויגן, וואָס קוקן ווייט אין דער נאַכט אַריין. זיי זוכן אויגן אומרויִקע, תאווהדיקע, וואָס וואַרטן אויף עפּעס, וואָס קומען נאָך גליק אין פאַנטעז־בלאָ און ווייסן נישט ווער ס׳וועט זיי דאָס געבן. שפּעטער האָב איך אַפילו באַמערקט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס כ׳האָב זיי נאָר באַדאַרפט אָנבאָטן מיין אָרעם. אָבער דער סוף איז געווען, אַז כ׳בין גאָר אַריינגעגאַנגען מיטן אַלטן, וואָס האָט מיך געבראַכט מיטן צעבראָכענעם טענדער. משה — האָט ער געהייסן און אַלס צולאָג רופט מען אים משה נס.

משה נס איז אין יענעם געגנט זייער פּאָפּולער. כאָטש ער איז שוין אין גבורה־עלטער, איז ער אָבער נאָך פלינק ווי אַ שיקייִנגל. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ און אַ גוטער טרינקער, וואָס ווערט קיין מאָל נישט שיכור. פון דעסטוועגן איז מיר געוואָרן קאַלע־מוטנע — גיי מיט אַזאַ אַלטן פאַרברענגען אַ נאַכט אין פאַנטעזבלאָ. אָבער משה נס האָט אַפילו ביי מיר נישט געפרעגט, מיך אַ נעם געטאָן און אַריינגעפירט אינעווייניק.

שוין אין די ערשטע מינוטן האָב איך באַמערקט, ווי דער אַלטער טראָגט מיט זיך עפּעס סודותדיקעס. ער האָט אַ ביינערדיק פּנים מיט אַ קורץ־פאַרשניצט גרוי בערדל. זיין הויט זעט נאָך אויס געזונט פריש און אָפּגעברענט, און דאָס פּאַסט צו זיין קרעפּטיקן קערפּער. צו די ברייט־צעוואַקסענע און אויסגעאַרבעטע הענט מיט גראָבע פינגער און אָפּגעביסענע נעגל.

איין אויג האָט ער אַ פאַרמאַכטס. דאָס אויגן־הייטל איז אין גאַנצן פאַרקלעפּט און ער זעט דערויף גאָרנישט. מיטן רעכטן אויג, אויף וועלכן ער זעט יאָ, האָט ער געהאַלטן אין איין פינטלען, און ס׳האָט אויסגעזען אומהיימלעך.

ער איז פלינק אַרויף אויף די ברייטע ווייסמאַרמאָרנע טרעפּ און מיך אַריינגעפירט אינעם גרויסן באַל־רום.

די טריט ווערן פאַרשלונגען פון אַ טיף־פּוכיקן טעפּעך, וואָס שרייט מיט זיינע קאָלירן פון וואַנט צו וואַנט. צווישן די האַלץ־שניצערייען אויף די ווענט שימערן הונדערטער עלעקטרישע אויגן. אַ דיסקרעטער הימל איז אויסגעשטערנט. אַ מאָל איז ער לויטער, און אַ מאָל באַהאַלטן זיך די לעמפּלעך אונטער אַ וואָלקן.

דער זאַל הייבט אָן פול ווערן. דערוויַיל האַלט עס ביים קאָקטייל.

פּנימער פריילעכע. פּיס טאַנצנדיקע. פרויען הויך־פאַרקעמטע, פאַר־פּוצטע, פאַרפּומירטע און טיף־דעקאָלטירטע. אין רעדלעך שטייט מען מיט פולע כוסות אין די הענט. ליפּן זענען אָנגעשוואָלן און וואַרטן, מ׳זאָל זייער טעם פאַרזוכן. מעדנים זענען אָנגעשטעלט אויף די טישן פאַר הענט, וואָס זאָלן זיך צו זיי אויסשטרעקן. גראַציעזע אַלאַבאַסטער־העלדזער באַוועגן זיך אַהין און צוריק און בלענדן די אויגן מיט בריליאַנטן. און ליכט, ליכט, אַזוי פיל ליכט!

נאָך די ערשטע כוסות איז משה נס ניכטערער געוואָרן. אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. דאָס פאַרמאַכטע אויג האָט פון מאָל צו מאָל אַ ציטער געטאָן, און דאָס אָפענע האָט אַלץ סודותדיק געפינטלט.

— וואָס וויל פון מיר דער אַלטער? ער לאָזט דאָך מיך נישט מיט קיינעם קיין וואָרט אַרויסרעדן!

אָבער משה נס האָט געטאָן דאָס זייניקע: ער האָט מיר אונטערגערוקט די איידלסטע געטראַנקען און אַכטונג געגעבן, כ׳זאָל אָוועקשטעלן ליידיקע גלעזלעך, און ווען כ׳האָב שוין געהאַט אַ ביסל אויסגעטרונקען, האָט ער מיך אָוועקגענומען אין אַ זייט:

— דו זעסט זיי אַלע דאָ? — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אויפן טויזנט־קעפּיקן עולם. אַט זיי אַלע האַלטן מיך פאַר אַן איינאויגיקן. משה נס —

ווייסן זיי — האָט איין אויג. אָבער וואָס עס טוט זיך אונטער מיין פאַר־מאַכטן אויג — דאָס ווייס נאָך קיינער נישט. אָבער דו, וואָס דו פאָרסט אַוועק, ווייט, ווייט איבער ימען, וועסטו עס אפשר וויסן. האָסט מזל! היינט, צו מיין אַכציקסטן געבוירן־טאָג, וויל איך פאַר אַ מענטשן דעם סוד אַנטפּלעקן, און כ׳וועל דיר ווייזן, וואָס מ׳קאָן זען מיט אַ פאַרוואַקסן אויג...

אין אָנהייב האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער וויל פון מיר. כ׳האָב חושד געווען, אפשר איז ער בגילופין. אָבער משה נס איז געשטאַנען גלייך אויף זיינע פיס און קיין שום סימן פון שיכרות נישט אַרויסגעוויזן. כ׳האָב זיך געוואָלט פון אים אָפּטשעפּען. מיך האָט מער אינ־טערעסירט מאַלי פיקאָן, וואָס האָט פאַרן עולם אַ זינג געטאָן. כ׳האָב גע־וואָלט באַוווּנדערן די געטאָקטע פיסלעך פון דער באַרימטער באַלעט־טענצערין זשוליאַ, וואָס האָבן זיך געגליטשט צום מוזיקטאַקט. כ׳האָב מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם „ספּיטש" פון אַ באַרימטן פּאָליטיקער. כ׳האָב דערזען דעם אַמבאַסאַדאָרס יונג ווייבל... אָבער דער אַלטער לאָזט מיך נישט אָפּ!

— רייכקייט — נעמט ער מיך אָן ביי די קלאַפּעס — אינטערעסירט מיך מער נישט. אַ מאָל מיינסטו, אַז עס קומט דיר אַלץ: די שיינע פרויען, וואָס דו זעסט דאָ, דער גרויסער לוקסוס, וואָס שימערט אין די אויגן. און אַ מאָל גייט דיר דאָס אַלץ נישט אָן, און דו פילסט זיך אויך דאָ איינזאַם און עלנט. ליכט איז זייער שיין פאַרן אויג, אָבער געפערלעך ליגנעריש. אָבער אויף יענער זייט וואַנט, דאָרט ווו ס׳איז פינצטער, איז נישטאָ קיין פאַרבלענדעניש...

— אין דער פינצטער זע איך בעסער זאַכן מיט מיין פאַרמאַכט אויג, ווי דו ביי טאָג מיט דיינע אָפענע אויגן, און מיין סוד איז, וואָס כ׳פאַרשטיי די שפּראַך, נישט נאָר פון מענטשן. אָט וועל איך באַלד אונטערהערן דאָס געשפּרעך פון די בלומען, וואָס שטייען אָט־דאָ. דו לאַכסט?... כ׳וועל דיר אויסטייטשן יעדעס וואָרט זייערס. יאָ, דאָס איז אַ ירושה, וואָס שטאַמט פון שלמה המלך. נאָר איינער אין אַ דור נעמט זי איבער. און דו האָסט פונקט אָנגעטראָפן אויף מיר. איך היט די ירושה הינטער מיין פאַרמאַכטן אויג... אָבער דעמאָלט, ווען כ׳וויל עפּעס ממשותדיקעס זען, מוז איך דאָס אָפענע אויג פאַרמאַכן. צום בעסטן איז, ווען ס׳איז פינצטער. דעמאָלט

דינט מיר נאָר דאָס פאַרקלעפּטע אויג. נו, שוין גענוג זיך צערעדט. קום, קום מיט מיר!

צו ערשט האָט ער מיך צוגעפירט צום פענצטער ווו ס'זענען גע־שטאַנען דריי בלומען: אַ הויכער גליאַדאָל, אַ דיקלעך־פּורפּערנע רויז און אַ דין־ווייך בלוי בלימעלע — „פאַרגעס מיך נישט".

דער אַלטער האָט גענומען רעדן צו די בלומען ווי מ'רעדט צו מענטשן.

— נו, ווי פילט איר זיך דאָ?

ס'ערשטע האָט זיך אָפּגערופן די רויז.

— ס'גאַנצע לעבן בעט מען דאָך נאָר, מ'זאָל בלײַענדיקערהייט אָנקומען אין מענטשנס הענט אַריין. דאָס איז דאָך דער ציל פון לעבן.

— זי האָט געהאַט מזל — שמייכלט דער לאַנגער גליאַדאָל — מ'האָט געמיינט, אַז זי וועט שוין בלייבן אַן אַלטע מויד...

— זע נאָר דעם לאַנגן לולב... אומעטום מישט ער זיך אַריין! — נעמט זיך אָן די „פאַרגעס מיך נישט".

— יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן — איז ממשיך די רויז — אַ גאַנץ לעבן ביים גערטנער געווען, און אַזאַ פּראַכט נישט געזען. דאָ האָט מען כאָטש אַ ביסל אַ הנאה פון לעבן. מ'האָט מיך אַריינגעשטעלט אין אַן אַנטיק־וואַזע. מ'קוקט אויף מיר. מ'שמעקט צו מיר, און אַז דאָס מזל שפּילט צו, נעמט אַ שייגער קאַוואַלער אין לאַץ. אָבער דאָרטן, ביים גערטנער? מער ווי דאָס ביסל וואַסער האָט ער נישט געגעבן.

— און ווי געפעלט עס דיר דאָ? — גיט משה נס אַ צופּ דעם גלאַ־דיאָל ביי די אויערן.

— אַריינצוקומען אין אַזאַ פּאַלאַץ האָב איך מיר גאַרנישט פאַרגע־שטעלט. אַלץ איז דאָך דאָ פאַרגאָסן מיט ליכט. ביי אַזאַ ליכט קאָן מען דאָך אויסוואַקסן ביז דער סטעליע... און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מיר האָבן דאָ, ווען מ'קוקט זיך צו, ווי מענטשן לעבן ווי די טויבן. מ'קושט זיך אין די פּיסקעלעך, מ'דריקט זיך די הענט, מ'נעמט זיך אַרום, מ'דריקט זיך צו דער ברוסט... און ווי גרויסאַרטיק: שנייוווייסע העמדער, שוואַרצע שניפּסן. ייַן המשומר גיסט זיך ווי וואַסער. דער לויתן ליגט אויף טעלערלעך. אויגן

לאָכן, פּנימער פלאַמען, ליפּן ציטערן... בעסער אַריינטרעפן דאַרף מען גאָר־נישט בעטן...

— און וואָס דאָ קומט פאָר, ווייסט איר? — פרעגט משה.

— אַוודאי — זאָגט די רויז. מיר הערן דאָך אַלץ אונטער. געזאָלט האָט עס זיין אַ הייליקער פּאַראַד, אָבער אָן אַ שטיקל עולם־הזה וואָלט קיינער נישט געקומען. אָט זאָגט דאָרט יענע מיסיס אין געלן, אויסדע־קאָלטירטן קלייד:

— מיין „האָסבאַנד" האָט געגעבן פופציק טויזנט דאָלאַר פאַרן קאַמפּיין!

— נישקשה — ער האָט געקאָנט נאָך אַ ביסל דערלייגן — באַמערקט דער הויכער גליאַדאָל.

די „פאַרגעס מיך נישט" פאַרדריסט עס:

— דו, לאַנגער!

— ביסט שוין אויך פאַרשיכורט פון וויין, וואָס דו מישסט זיך אַר־מעטום אַריין.

— חברה, נאָר זיך נישט קריגן! שרייט אויף זיי אָן דער אַלטער. ביי אונדז איז אַ פריי לאַנד. יעדער מעג זאָגן, וואָס ער טראַכט.

ראָש גיט זיך משה נס אַ דריי־אויס צו מיר, נעמט מיך אָן ביים אָרבל.

— איצט קום מיט מיר אַרויס אין דרויסן. אין דער פינצטערניש וועסטו זען עפּעס אינטערעסאַנטס. אַצינד האָסטו דאָך שוין אַ ביסל מער צוטרוי צו מיר. כ'וועל דיך פירן אין אַ וויטן וועג, אָבער שרעק זיך נישט. איך האָב קפיצת־הדרך און אין געציילטע מינוטן וועסטו דאָרטן זיין.

און איידער כ'האָב נאָך באַוויזן זיך צו אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר, בין איך שוין צווישן פעלדער און בערג.

— אַצינד — זאָגט משה — לאָז מיך גיין דער ערשטער. איך מיט מיין פאַרמאַכט אויג וועל בעסער געפינען דעם וועג. אָ, זעסט, עפּעס אַ טומאַן הייבט זיך אויף — אַ סימן, אַז מיר געפינען זיך אין טאָל, און נישט וויַיט פון דאַנען איז געוויס פאַראַן אַ גרויסער טייך.

פלוצעם הערט זיך אַ קול.

— ווער גייט? שטיין בלייבן!

מיר שטעלן זיך אָפּ.

— אַ האָסלע, אַ פּאַראָל?

— פאָנטענבלאָ! — ענטפערט משה.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון ליכט. פון אַ זאַל, פול מיט ליכט!

מ'רייכערט האַוואַנער ציגאַרן, און מ'שיט מיט דאָלאַרן...

אַ קול פון דער נאַכט־אַרויס ענטפערט:

— דאָ איז אַ מיליטערישע זאָנע. דאָ רעדט מען נישט מיט קיין גראַמען!

און באַלד, ווי דאָס קול איז שטיל געוואָרן, רוקט זיך אַרויס פון דער פינצטערניש אַ מענטשלעך געשטאַלט.

— ווער ביסטו? — פרעגט דער אַלטער דרייסט.

— ישראל, איז מיין נאָמען. איך בין דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער זאָנע. פייער עפנט מען אויף מיין באַפעל.

— און איך בין דער ציווילער קאָמענדאַנט פון „פאָנטענבלאָ" — שטעלט זיך פאָר משה מיט זיכערקייט. אויף מיין באַפעל שיטן זיך דאָלאַרן...

— רעד נישט אַזוי הויך. דו געפינסט זיך אין גאַנצן אַ מייל פון דער גרענעץ — וואָרנט דער אָפיציר.

— אָ, — זאָגט משה — ס'איז נאָך אַ גאַנצע מייל צו דער גרענעץ?... דאָס איז פאַר מיר נישט אינטערעסאַנט. איך בין געקומען זען, ווער עס שטייט אויף דער ערשטער ליניע...

און תוך כדי דיבור גיט ער זיך אַ שאַר אַוועק, רוקט זיך אַריין אין דער טונקלניש און שלעפט מיך מיט.

— וואָס האָט דער אַלטער פון מיר געוואָלט? ווו האָט ער מיך פאַר־שלעפט? ווער ווייס, אויב די נאַכט איז שוין נישט פאַרביי, און כ'וועל אַפילו נישט קאָנען זען, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן אינעווייניק...

— ווי שפעט וועט איצט זיין? — פרעג איך שטיל.

— די נאַכט — זאָגט משה — טיילט זיך אין דריי משמרות. אין ערשטן משמר בילן די הינט. אין צווייטן שרייען די אייזלען און אין דריטן קרייען די העגער. ס'איז נאָך פרי — אַצינד בילן די הינט.

און ווי נאָר ער זאָגט אַרויס די ווערטער נעמט פון באַרג־אַראָפּ גרע־

גערן אַ קוילן־וואַרפער. אַן „עוזי״ * ענטפערט פון טאָל. דערנאָך ווערט ווי־דער שטיל. שטיל און נאָך מער פינצטער.

— געװנוג! — זאָגט משה נס — כ׳ווייס שוין ווי ס׳האַלט... און ער נעמט זיך רוקן אויף צוריק, צוריק צו ישראלן, וואָס געפינט זיך אין טאָל. משה מיטן פאַרמאַכטן אויג דערטאַפּט אים אין דער פינצטער.

— איר פלאָנטערט זיך מיר עפּעס צו פיל אונטער די פיס — זאָגט דער פעלד־אָפיציר מיט אַ געבייזער. ס׳טוט מיר לייד צו זאָגן, אַז כ׳וועל אייך מוזן פאַרהאַלטן. און בכלל ווי קומסטו דאָ אַהער?

— ווער איך? — וווּנדערט זיך משה — איך בין דאָך דאָס הינטער־לאַנד. אַ חידוש איז מיר נאָר, אַז אַ קאָמענדאַנט פון אַ מיליטערישער זאָנע זאָל דאָס נישט וויסן?... איך קום דאָך פון הינטערלאַנדס הויפּט־קוואַרטיר. פון פאַנטעגנבלאָ!..

— אָן אַ באַפעל, און אַפילו אָן אַ האַנט־גראַנאַט... מיט ליידיקע הענט קומסטו?

— ווער זאָגט מיט ליידיקע הענט? — פּראָטעסטירט משה — כ׳האָב היינט געמאַכט אַ מיליאָנדל... און אַז מ׳וועט דאַרפן וועל איך דערלייגן, און ער גיט מיך אַ שלעפּ.

— האָפּ! — צוריק אין פאַנטעגנבלאָ.

איך קוק אים אָן אין דער ליכטיקייט. דער זעלבער משה נס מיטן פאַרמאַכטן אויג. קיין האָר נישט פאַרענדערט, ווי ס׳וואָלט אין דער פינצ־טעניש גאָרנישט פאַרגעקומען.

— האָסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט — שטרעקט ער אויס צו מיר אַ האַנט צו געזעגענען זיך — דער עולם־הזה הייבט זיך ערשט אָן. איך האָב דאָס מייניקע אָפּגעטאָן, אַ קוק געטאָן, אויב די ייִנגלעך ביי דער גרענעץ שלאָפן נישט... די עולם־הזה־נאַכט לאָז איך איבער פאַר דיר מיט אָט־אָ די לייט. איך פאַרגין זיי...

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפּן:

— וואָס געווען אין דרויסן גייט קיינעם נישט אָן. פאַרגעס, קיין

---

* אויטאָמאַטישע ביקס אין צה״ל.

פּיפּס נישט! משה נס, ווייסן זיי, זעט נאָר מיט איין אויג... זאָל עס אַזוי בלייבן...

ער האָט זיך געגעבן אַ דריי־אויס, איז אַוועק און כ'האָב אים מער נישט געזען.

פון דער מינוט אָן האָט פּאַנטענבלאָ געגומען באַצויבערן מיטן גן־עדן, וואָס זי האָט אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט. אַלץ איז מיט אַ מאָל אַזוי שיין געוואָרן, אַז כ'וואָלט געשווירן, אַז ביז איצט בין איך בלינד געווען און בכלל דער וועלטס פּראַכט נישט געזען. די מענטשן זענען אַזוי גוט און פרום. די יונגע פלאָרידערינס — אַזוי גראַציעז, מאָדאַנעדיק, און די גלעז־לעך שאַמפּאַניער — אַזוי זויערלעך־באַטעמט, אַז כ'בין גרייט געווען אונ־טערצושרייבן אַ קאָנטראַקט מיטן רבונו־של־עולם, צו לעבן אויף זיין וועלטל טויזנט יאָר. כ'האָב געגעסן אינדיק־סטעיק, פאַרזוכט זיסע ליפּן, געטאַנצט ביזן טאָג אַריין, און אַהיימגעגאַנגען אַ זאָרגלאָזער, אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער, און פאַרשטייט זיך — אָן אַ דאָלאַר אין טאַש.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטערנאַכט אין „פּאַנטענבלאָ".

די געשיכטע פון אַ טרער

אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער בורא עולם האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים און ער איז געווען גרייט אים אַראָפּצושיקן אויף דער זינדיקער וועלט, האָט ער ממש אין דער לעצטער רגע אַ פרעג־געטאָן ביי די מלאכי השרת:

— צי האָט ער נישט פאַרגעסן דעם בר נש עפּעס מיטצוגעבן?

האָבן זיך די מלאכי השרת איבערגעוווּנקען מיט פייערדיקע בליקן, געפלאַטערט מיט די ווייסע פליגלען, און דער שר המלאכים איבער יצירה האָט געענטפערט:

דעם לעצטן פון דיין באַשאַף — דעם מענטש — האָסטו מיט לייטזעלי־קייט מעלה במדרגה געווען פון אַלע ערדישע באַשעפענישן. אַ האַרץ האָסטו, גרויסער באַשעפער, אין אים איינגעפלאַנצט — ער זאָל קאָנען פילן און מקיים זיין אַלע דיינע געבאָטן; אַ קאָפּ האָסטו אים אַרויפגעזעצט — ער זאָל קאָנען לייגן דעם של־ראש מיט דיין ליבן נאָמען; פיס האָט ער גע־קראָגן — ער זאָל קאָנען עולה זיין צום באַרג סיני און מקבל זיין דיין תורה; אויערן האָסטו אים געגעבן — ער זאָל הערן די רייד פון דיינע נביאים; אויגן האָסטו אין אים געמאַכט לייכטן — ער זאָל זען דעם בליץ און באַוווּנדערן די שיינע וועלט, דיין גרויס ווערק, וואָס דו האָסט באַשאַפן. טאָ וואָס נאָך באַדאַרף ער?...

— יאָ! — האָט אַ מאַנטשיק מלאכל, וואָס איז געווען פאַרשטעקט הינטערן כסא־הכבוד, אַ מורמל געטאָן מיט ציטערניש:

— דער אַלמעכטיקער האָט דאָך דערמאָנט, אַז עס דאַרף עפּעס זיין אין דעם מענטשנס אויגן...

צווישן די עלטסטע מלאכים איז געוואָרן אַ געפילדער:

די געשיכטע פון אַ טרער

— אוואַ! אַ חוצפה האָט דאָס דער קליינער פּיפּערנאָטער צו רעדן אָן רשות!

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, פאַרפאַלן! די רייד האָבן אָנגעשלאָגן פאַרן כסא־הכבוד, און מ'האָט אַ רוף געטאָן:

— זאָל קומען די טרער!

האָט זיך די טרער צוגעקאַלערט נאָענט צום פוסבענקעלעביים כסא־הכבוד און שיִער נישט פאַרגליווערט געוואָרן פאַר פּחד. אין דער זעלבער רגע האָט אַ דונער געטאָן:

— טרער, גיי אַריין אינעם מענטשנס אויגן און ווין דאָרטן אייביק!

— און וואָס הייסטו מיך דאָרטן טאָן, פאָטער פון אַלע באַשעפענישן?

— האָט די טרער זיך איינגעשטעלט און געפרעגט.

— געזען אַ טאָג פון חוצפהניקעס — האָט דער שר המלאכים מיט רוגזה אַ ברום־געטאָן — עפּעס דאָרט אַ טראָפּן, אַן אומגעזאָלצענע טרער, האָט אויך שוין באַקומען לשון! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?...

אָבער דאָס מעכטיקע קול האָט אים איבערגעריסן:

— טרער, דו וועסט אינעם מענטשנס אויגן זיין ביזן סוף פון זיין לעבן! דו וועסט דאָרט זיין טיף באַהאַלטן. אַזוי לאַנג ווי דעם מענטשנס האַרץ וועט נישט אויפגיין פון ליידן, וועסטו נישט דאַרפן אָנקוקן די זינדיקע וועלט. ווען אָבער אים עפּעס פּייניקן, זיין האַרץ וועט זיין איבערפולט מיט ווייטיק און זיין נשמה וועט עפּעס קוועלן — וועסטו זיך באַווייזן פון דיין באַהעלטעניש!

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט די טרער גלייך אויפן אָרט באַוויזן, וואָס זי קען, און זיך צעכליפּעט:

— רבונו של עולם! מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט, אַז דו זאָלסט מיר צוטיילן אַזאַ האַרבע שטראָף — כ'זאָל דערזען די ליכטיקע וועלט נאָר דעמאָלט בעת דעם מענטשן איז שלעכט, ווען ער האָט צרות? פאַר וואָס בין איך ערגער פונעם געלעכטער, וועמען דו האָסט געגעבן די שליחות אויסצודריקן זיין פרייד און פאַרגעניגן? אל רחום וחנון, דערבאַרעם זיך איבער מיר! — האָט זיך די טרער פאַרכליפּעט.

אַ רגע האָט געהערשט אַ הימלישע שטילקייט און באַלד האָט זיך דערהערט דער גזר־דין:

— טרער! דו וועסט אויך אויסדריקן דעם מענטשנס פרייד. דו וועסט זיך קענען באַווייזן אינעם מענטשנס אויגן ביי אַן אויסערגעוויינלעכער שימחה, בעת זיין האַרץ וועט איבערפולט ווערן מיט פרייד.

דאָס מאָנטשיק מלאכל, וואָס איז נאָך געווען ערגעץ פאַרשטעקט, האָט זיך באַוויזן, אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגלען און בליץ שנעל באַוויזן אַריינצוּוואַרפן די טרער אין די אויגן, איידער מ׳האָט דעם מענטשן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער וועלט.

לכתחילה האָט זיך די טרער געפרייט מיט איר גרויסן נצחון. פון איר באַהעלטעניש האָט זי געזען, ווי אדם הראשון דרייט זיך אַרום אַ נאַקעטער און שמייכלט צום הימל און די זון שמייכלט אים צוריק. אַזוי, האָט די טרער געטראַכט, וועט ער שוין זיך פירן זיין גאַנץ לעבן און וועט זי בכלל נישט באַלעסטיקן.

ערשט שפּעטער, ווען מ׳האָט פון אָדמס ריפּן די ערשטע אשה אויסגעמייסטערט, האָט די טרער דערזען ווי ביטער אָדם איז אַריינגעפאַלן.

דער מענטש האָט נישט קיין מנוחה און דער טרערס האָפענונג איז: וואַרטן ביז דעם מענטשנס פרייד וועט זיין אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט לאַכן ביז טרערן...

באַשערטקייט

די בייטש

וויט, ווייט פון הויפּט־טראַקט, אויף אַ זייטיק זאַמדיק וועגל איז ער זיך געפאָרן אויף זיין פערד און וועגעלע און אונטערגעברומט אַ דאָרפישן ניגון.

ער איז געפאָרן פּאַוואָליע. די רעדער האָבן זיך געדרייט אין זאַמד ווי מילשטיינער אין מעל. ער האָט זיך נישט געאיילט. צו וואָס האָט ער זיך געזאָלט איילן אַהיימצופאָרן? אין דער כאַטע בלאָזט סיי ווי אַריין דער ווינט, און דאָס ווייב — נאָר זי שרייט און שעלט, שעלט און שרייט. נאָר אַזוי ווי ס׳איז אים אַצינד גוט געווען אויפן האַרצן, האָט ער סתם אַזוי אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש, און אין איין וועגס האָט שוין די בייטש אַ שמיר געטאָן אין דער קלאַטשעס באַקעס.

פאַרן פויערל איז היינט געווען אַ גוטער טאָג. ער איז פּטור געוואָרן פון דער אַלטער בייטש, וואָס איז שוין געווען אַזוי אויסגעריבן, אַז מ׳האָט מיט איר קיין ריכטיקן שמיץ נישט געקענט דערלאַנגען. אויסגעריבן האָט זי זיך אינעם פערדס פעל, אַ ביסל האָט זי אויך אויסגעוויקט דער רעגן. היינט האָט זיך פאַר אים געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט, ער האָט די גרינסן פאַרצוקערט און זיך פאַרפונדעוועט אַ נייע בייטש.

אַצינד, ווען ער איז צוריקגעפאָרן פון שטעטל האָט ער דעם גאַנצן וועג אויף איר געקוקט און זיך נישט געקאָנט זאַט־קוקן. די נייע בייטש איז געווען אַ לאַנגע. אין דער אייבערשטער העלפט איז זי געווען געפלאָכטן מיט קניפּן. זי האָט געגלאַנצט מיט שוואַרצקייט. ס׳האָט זיך נאָך געפילט דער סמאָלע־ריח, און דאָס פויערל איז געווען פון איר שטאַרק צופרידן. ס׳איז אָבער נישט געווען זיין ערשטע פרייד מיט אַ נייער בייטש, ווייל בדרך־כלל האָט ער נישט ליב געהאַט קיין אַלט־אָפּגענוצטע בייטשן. אַ בייטש — דאַרף זיין פריש ווי דער רימער גיט זי אַרויס, און לאַנג, אַז

מ׳זאָל קאָנען דערגרייכן פון די הינטערשטע פיס ביז איבערן קאָפּ. אַזאַ בייטש לוינט זיך צו האַלטן אין דער האַנט! איצט ערשט האָט ער זיך מיט דער נייער בייטש אַזוי משמח געווען, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין פאָכען מיט איר איבערן פערדס קאָפּ, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז נישט בלויז די שקאַפּע, נאָר די גאַנצע וועלט ציטערט פאַר זיין נייער בייטש.

און אַזוי, מיט דער נייער בייטש אין דער האַנט, האָט ער זיס איינגע־דרימלט, אַזש דער גאַווער איז אים גערונען פון מויל.

— וויסן דען די שטאָטלייט פון אַ טעם אין לעבן? — האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ. — רק זיי לויפן און יאָגן זיך. זיי כאַפּן אַ ביס און האַלטן דאָס טעלעפאָן־טרייבל אונטער דער גאָמבע. אָבער אַזוי פּאַוואָלינקע אָפּעסן פון איין גרויסער שיסל, ווי מ׳עסט אין דאָרף, און נאָכן עסן אויסציִען זיך מיטן בויך אויפן גראָז... אָדער פרעגט זיי בחרם, צי זיי וויסן אַ קנאַק צו טאָן מיט אַ בייטש — וויאָ! ס׳ווערט דעמאָלט אַזוי גוט אויפן האַרצן... ניין, פון די טעמים וויסן נישט די שטאָטלייט.

אויך פאַר דער קליאַטשע איז דאָס געווען אַ וויכטיק געשעעניש. באַלד ביים ערשטן „לעק”, האָט זי דערפילט, ווי די נייע בייטש שניידט זיך איר אַריין אין פעל. דערפאַר האָט זי טאַקע געציטערט. זי האָט גוט אָנגעשפּיזט די אויערן, נישט געוואַרט ביז דער בעל הבית וועט איר אַ שמיר טאָן און ווי נאָר זי האָט דערהערט דעם „וויאָ”, האָט זי ראַפּטעם אַ ריס געטאָן דאָס וועגעלע, און דאָס פויערל האָט זיך — אַ ביסל פון זיין אייגענעם אויסגעשריי און אַ ביסל וואָס ס׳האָט אַ טרייסל געטאָן — זיך אויפגעכאַפּט.

און ווי נאָר ער עפנט די אויגן, זעט ער, ווי האַרט ביים וואָגן רייט אויף אַ יונג ראַסאָווע פערד אַ שטאָלטענער רייטער. דאָס פויערל האָט זיך גוט אויסגעריבן די אויגן און אַרומגעקוקט, אָבער ס׳איז דאָס אייגענע, וואָס ער האָט מיט אַ האַלב־געעפנט אויג געזען: ס׳איז אַ לעבעדיקער רייטער און אַ יונגער ראַסאָווע אָגער. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אויך דעם רייטער דער־קענט. דאָס איז געווען אַ מיטליאָריקער מאַן פון זיין געגנט. וועגן אים האָט מען קיין מאָל נישט געוווּסט, צי ער איז אַ סוחר אָדער אַ פאַכמאַן. ער איז נאָר געווען באַוווּסט, ווי אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט און פון זיינע לצנישע שטיק אין די דערפער און אין די גאַסטהייזער.

דאָס ערשטע, וואָס דעם פויערל איז אָנגעגאַנגען, איז געווען די רייט־בייטש, וואָס דער רייטער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט דעם באַטעק גענומען פאַרגלייכן מיט זיין נייער בייטש און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ נאָך גרעסערער אונטערשיד, ווי צווישן זיין קליאַטשע און דעם ראַסאָווע רייט־פערד. ער האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז אַקעגן דעם רימען איז זיין בייטש אַ וואָלוועלע זאַך, נישט מער ווי אַ דינע שטרוי: דעם רייטערס רוזגע איז געווען פון דעם האַלטער ביזן שפּיץ געפלאָכטן פון פיינע לעדער־לאָקשן, אין אָנהייב גראָב, און וואָס ווייטער צום שפּיץ — דינער און דינער, אָבער ווייך און קיילעכדיק צוזאַמענגעפּרעסט.

דערווייל האָט דעם רייטערס קאַשטאַן גענומען הירזשען און זיך רייסן צום פויערס שקאַפּע, אָבער דער רייטער האָט פעסט געהאַלטן די צוגלעס אין דער האַנט און אַוועקגעדרייט אין אַ זייט. צוליב העפלעכקייט איז אויסגעקומען, אַז דאָס פויערל האָט באַדאַרפט זאָגן אַ פּאָר גוטע ווער־טער וועגן רייטערס פולבלוטיקן פערד, אָבער דעם דאָרפמאַנס געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אין דער רגע האָט ער באמת נישט געזען דאָס פאַרעדיקע לוסטיקע פערד מיטן פאַרריסענעם קאָפּ און ברייט־צעעפנטע נאָזלעכער, נישט דעם ווייכן פלעד מיט די גאָלדיק־אויסגע־האַפטעטע איניציאַלן, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון אונטערן זאָטל, און אַפילו נישט די קרעם־בלאַנקענדיקע רייטהויזן און אָפּיצערסקע שטיוועלעך, וואָס דער רייטער האָט געטראָגן. זיינע אויגן זענען געווען איינגעגאָרעט נאָר אין איין זאַך — אין דער שפּיצרוזגע.

— האַ — האָט ער געזיפצט — אַז מ׳האָט אַזאַ באַטעק אין האַנט, קאָן מען דאָס פוילסטע פערד איינשפּאַנען...

אָבער אויך דער רייטער האָט אַדורכגענומען דעם פויער מיט די אויגן. ס׳איז אים נישט געפעלן געוואָרן זיין אויפפירונג, זיין שטילקייט, דעם ביטול, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיין דערשיינען און צום רייט־פערד, און דער עיקר דאָס, וואָס ער קוקט אים אַזוי אויף די הענט. ער האָט דעריבער שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— צי האָב איך דען אָנגעשטעלט אַ רעוואָלווער פאַר דיין נאָז, וואָס דו קוקסט אַזוי אויף מיין רעכטער האַנט?

— נישט דאָס! — זאָגט דאָס פויערל געלאַסן.

— וואָס דען? ווילסט זיך אפשר טוישן מיט דיין שקאַפּע פאַר מיין קאַשטאַן?

— אויך מיט דעם האָט מיין האַר נישט געטראָפן. וואָס וואָלט מיר אַרויסגעקומען פון אַזאַ בייט, אַז מיט דיין קאַשטאַן וואָלט איך זיך סײַ ווי נישט געקענט באַנוצן. אַזעלכע צעפּיעשטשעטע רייטפערד האָבן נישט ליב צו גיין אין גלייכע טריט, און אין אַקער־אייזן קאָן מען זיי סײַ ווי נישט איינשפּאַנען. אָבער איך טראַכט נישט אַצינד וועגן פערד. כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת: עס געפעלט מיר דיין שפּיצרוזגע.

— דאָס אין גאַנצן? — לאַכט דער רייטער און גיט אַ מאַך עטלעכע קאָזשעלקעס מיטן פערד — כ׳זע דאָך, אַז דו האַלטסט אויך אין האַנט אַ וואַזשנע בייטש. האָט עפּעס דיין שקאַפּע מורא פאַר דער בייטש?

— אַוודאי, אַוודאי! אפילו מיט דער אַלטער בייטש בין איך מיט איר אויסגעקומען. ס׳איז טאַקע אָנגעקומען שווער, אָבער כ׳בין דאָך געפאָרן. מיט אַ נייער בייטש גייט זי אַ סך בעסער. נאָר אַ פעלער האָט מיין שקאַפּע — זי געוויינט זיך באַלד צו...

— אַזוי? כאַפּט אונטער דער רייטער — דו מיינסט, אַז נאָר דיין שקאַפּע? — און איידער וואָס־ווען גיט ער אַ קיצל דעם פערד מיט די שפּאָרנס און לאָזט זיך אַוועק אין גאַלאָפּ.

אַז ער איז שוין געהאַט אַ שפּאַר שטיקל אָפּגעלאָפן, האָט ער באַדויערט, וואָס ער האָט דאָס פויערל נישט געפרעגט מער פרטים וועגן דער בייטש, ערשט אַצינד האָט אים פאַראינטערעסירט דעם פויערס אויסזען — זיינע לאַנגגעשניטענע אויגן, זיין באָרד און וואָנצעס און זיין רויִקער אַרט רעדן. ער האָט אַ דריי־אויס געגעבן דאָס צעהיצטע פערד און איז צוריק אַוועק צום וואָגן.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט.

— טאָם.

— זאָג מיר, טאָם, פון ווען אָן האלטסטו שוין די בייטש אין האַנט?

דעם פויערל איז אויסגעקומען אַ ביסל פאַרדעכטיק דעם רייטערס פראַגע, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום דענערווירונג און נאַכלעסיק געענטפערט.

— כ׳מיין, ס׳וועט שוין זיין אַ יאָר דרייסיק.

— און אַ חוץ דעם פערד האָסטו מיט דער בייטש קיינעם נישט געשלאָגן ?

טאָם האָט איבערגעקלערט : וואָס טשעפּעט ער זיך צו מיר ? ס'האָט אים אָבער נישט געגלוסט צו אַמפּערן זיך און ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון א כלא יודע :

— נישט מער ווי דאָס פערד ! און אויך נאָר דעמאָלט, ווען ס'האָט נישט געוואָלט לויפן.

— און אפשר — זאָגט דער רייטער — האָט עס נישט געקאָנט לויפן ? למשל אונטער אַ באַרג, אין טיפע זאַמדן. אָדער דו ביסט גלייך מיטן זון־אונטערגאַנג איינגעשלאָפן און דו האָסט פאַרגעסן אַריינצושיטן אין זשלויב אַריין... און דו האָסט עס געשלאָגן.

— דאָס טו איך נישט ! דאָס פערד באַדין איך אַלע מאָל פריִער, ווי איך אַליין זעץ זיך אַוועק ביי דער שיסל.

דער רייטער האָט געזען, אַז ס'איז נישטאָ מיטן פויער וואָס צו מאַכן, האָט ער דעם שמועס אויסגעדרייט אין אַן אַנדערער זייט :

— זאָג נאָר, און דו אַליין האָסט מיט דער בייטש נישט אַריינגע־כאַפּט ?

דאָס מאָל האָט שוין טאָם אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטויגענדיקע אויגן. דעם רייטערס רייד זענען געווען, ווי פון אַ רופא, וואָס האָט צוגעטראָפן דעם קראַנקן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן.

— נישט איין מאָל ! — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — אָבער וועלכן מענטש שמייסט דאָס נישט די בייטש ?

דער רייטער האָט געזען, אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט און מ'קאָן מיט דעם פויערל אַריינגיין אין אַ טיפערן שמועס.

— ווייסט עפּעס מער וועגן דער בייטש, ווי נאָר אַ שמיר צו טאָן מיט איר ?

טאָם האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע :

— האַלטסט מיך שוין פאַר אַזאַ פאַרגרעבטן ?

זיי זענען גראָד פאַרבייגעפאָרן אַ יונג וועלדל. דער שאָטן האָט אָפּגע־קילט די פערד און זיי האָבן אויפגעהערט צו פאַרען. אַ שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויפן אַרום. בלויז אַ פאַרבלאָנדזשעטער האָז איז מיט

פחד אַריבערגעלאָפן דעם וועג. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס האָט געווירקט אויפן פויערס שטימונג, ווייל ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט געפיל:

— די בייטש איז אַן אוראַלט געציַיג, אַ סך עלטער, ווי די ערשטע טעכנישע דערפינדונג, מיט וועלכער דער מענטש האָט זיך גענומען באַנוצן — דאָס ראָד. צו וואָס דער מענטש האָט באַדאַרפט די בייטש? ערשטנס — מיט אַ בייטש אין האַנט פילט מען זיך שטאַרקער, ווי מיט ליידיקע הענט. אַן אַלט ווערטל זאָגט אַפילו: „ווייז מיר ווער ס׳האָט די בייטש אין האַנט, און כ׳וועל דיר זאָגן, וואָס ס׳דערוואַרט דיך". והשנית, מיט וואָס וועט מען שמייסן די רשעים אין גהינום, אויב נישט מיט בייטשן? אונדזערע זיידעס האָבן געהאַלטן, אַז די בייטש דאַרף מען האָבן נאָר פאַרן פערד און אייזל. טייל מאָל, אַז זיי זענען געגאַנגען צום ווייב, האָבן זיי אויך מיטגענומען די בייטש. זיי האָבן זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז זייערע אייניקלעך וועלן זיך וואָס אַ מאָל ווייניקער באַנוצן מיט פערד און אייזלען, און די בייטש וועט זיך זיי אַרויסגליטשן פון די הענט...

— נו, שפּאַסט דער רייטער — אָבער ביי דיר האָט זי זיך נישט אַרויסגעגליטשט; דו האָסט נאָך וועמען צו שלאָגן מיט דער בייטש!

— מאַכסט אַ טעות, מיין האַר, אויב דו מיינסט, אַז איך בין נאָר בלויז שלעגער. די בייטש שלאָגט מיך מער, ווי איך שלאָג מיט איר. גלייב מיר, אַז זי שלאָגט אונדז אַלעמען, אַ גוטן צי אַ שלעכטן, אַ צדיק צי אַ רשע, איינעם טרעפט זי אויפן לייב און לאָזט איבער בלויז אַ רויטן צייכן, און דעם צווייטן — אַ ביסל טיפער און טרעפט אין דער נשמה. כ׳וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד, אַז איין מאָל האָט מיר די בייטש בלויז אַ קיצל געטאָן, ווי מ׳גיט אַ לעק מיט אַ פייכטער צונג, אָבער דער ווייטיק איז געבליבן אַ לאַנגע צייט אין האַרצן... די בייטש קאָן אַ מאָל בלויז אַראָפּוואַרפן דיין היטל, און ס׳דאַכט זיך דיר אויס, ווי זי האָט דיר אַראָפּגעוואָרפן דעם קאָפּ... ביי יעדן קנאַל, וואָס איך גיב מיט דער בייטש, טראַכט איך: אַ מאָל איז זי ביי מיר אין דער האַנט, און אַ מאָל בין איך גאָר הינטער איר... אויב, מיין האַר, דער ענין גייט דיר אַריין אין קאָפּ, וועל איך דיר זאָגן, אַז פּונקט ווי יעדער שמיץ איז נישט גלייך, אַזוי אויך, פילט נישט יעדער אַלץ איינס די בייטש. איינער פילט זי מער, דער צווייטער ווייניקער, אָבער זעלטן, ווער ס׳האָט איר נישט געפילט.

דער בייטש אַליין איז אַלץ איינס אויף וועמען זי טרעפט אָן. זי ווייסט נאָר, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן צו שמייסן. ווער, וועמען — דאָס גייט איר נישט אָן.

— אָבער אויף מיין לעצטער פראַגע האָסטו נישט געענטפערט — זאָגט דער רייטער, און זיין פערד שפּרינגט אונטער, וויל אים אַראָפּוואַרפן פון זאָטל.

דאָס פּויערל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— מיר האָט די בייטש זיך איינגעשניטן אינעם לייב, אַ סך מער ווי מיין שקאַפּע אין דער פעל. איך האָב זי געפילט, ווען כ׳בין נאָך יונג געווען, און פיל זי אויך איצטער, ווען מיין קאָפּ ווערט שוין גראָ.

דער רייטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער:

— און איך ווייס גאָרנישט איר טעם — האָט ער זיך געגרויסט.

מיטן פּויערס באָרד האָט זיך אַ שפּיל געטאָן אַ ווינטל. די האָר־צויטן האָבן זיך געוויגט אין דער ברייט, ווי אַ צייכן, אַז ער איז נישט מסכים מיטן רייטערס רייד.

— ניין, מיין האַר! — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן — ס׳דאַכט זיך דיר נאָר בלויז אויס. אין דער אמתן, מיידט זי דיך אויך נישט אויס. נישט מער, די בייטש, וואָס שמייסט דיך, איז ווייכער, בייגעוודיקער, און דו ווייסט אַפילו נישט, ווען דו כאַפּסט אַריין. גיב אומישנע אַ קוק, ווי איך קום אונטער מיט מיין נייער בייטש, און מ׳זעט אַפילו נישט, אַז כ׳הייב זי אויף. דאָס זעלבע געשעט מיט דיר — די בייטש שמייסט דיך מיט אַן אַנדער פאָרטל. די בייטש יאָגט דיך: האָרעווע! שלינג איין וועלטן! שטייסטו אונטער אַן עפּלבוים — זוך אַנאַנאַסן; האָסטו אַ שטוב — גיי וווינען אין אַ פּאַלאַץ; האָסטו אַ פאַרם — זוך אַ נאַפטקוואַל; האָסטו אַ מיליאָן — מאַך צען; האָסטו איין בענדל אויף די עפּאָלעטן — שטרעב צו אַ גרויסן שטערן. האָסטו אַ ווייב — גלוסט צו אַ געליבטער...

— גענוג, גענוג! רייסט איבער מיט רוגזה דער רייטער — דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט! דער ריח פון שעפּסנשטאַל האָט דיר פאַרשטאָפּט דעם שכל. ווען נישט די בייטש, וואָלט דאָס לעבן אין גאַנצן נישט געהאַט קיין טעם. ווען דו באַקומסט נישט געשמיסן מיט דער בייטש, וואָלסטו פאַרנודעט געוואָרן. ווי מ׳קאָן דאָס פאַרשטיין פון דיין

פילאָזאָפישער באָרד, וואָלסטו אַרומגעגאַנגען און נאָר אַריינגעטראַכט אין זיך אַליין: צו וואָס בין איך דאָ אַהערגעקומען? וואָס איז מיין ציל? וואָס דאַרף איך מתקן זיין אויף גאָטס וועלטל, אין פאַרלויף פון די פּאָר יאָר, וואָס כ׳דריי זיך דאָ אַרום? אָבער די בייטש יאָגט דיך אונטער און לאָזט דיך נישט צוקומען צו די הבל הבלים־וואָרצלען. כ׳לעבן, אַ שיין פּנים וואָלסטו געהאַט אָן דער בייטש...

דער רייטער האָט נאָך זייער לאַנג גערעדט וועגן דער בייטש, אָבער דאָס פערדל האָט דערפילט אַ מידקייט און נישט געקאָנט אַלץ אויף איין מאָל אַריינפּאַקן צו זיך אין קאָפּ. דערווייל האָט ער זיך דער־נענטערט צום דערפל, און האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי דאָס פערדל איז אַריין אין הויף און זיך אַליין אָפּגעשטעלט ביים שטאַל. ערשט ווען טאַמס ווייב איז, ווי תמיד, אַרויס מיט אַ מויל: „וואָס האָסטו אַזוי לאַנג געהולטייעוועט אין שטאָט?" — האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין אין דער היים. ער איז באַלד צו זיך געקומען און דערזען, אַז די בייטש ליגט נישט אויפן וואָגן. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט זי אויפן וועג פאַרלוירן, און אַ ציטער איז אים אַדורכגעלאָפן איבערן לייב. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט אָנגעוווירן. דער שאָדן האָט ביי אים אויסגעזען אָנזעעווודיק און גרויס. „וואָס וועל איך טאָן אויף דער וועלט אָן אַ בייטש"? — האָט ער זיך געבראָכן די הענט. ער האָט אַלץ געלאָזט שטיין, אַפילו דאָס פערד נישט אויסגעשפּאַנט, אין שטוב נישט אַריינגע־גאַנגען און איז צוריקגעלאָפן זוכן די בייטש. ער איז געלאָפן אַ שפּאָר שטיקל וועגס און האָט זי נישט געפינען, אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּ־געהאַלטן ווייטער צו לויפן. מיטן לויפן האָט ער זיך אַזוי צעהיצט, אַז ער האָט געשוווירן — „אָן דער בייטש גיי איך נישט אַהיים!". — נאָך דער שבועה האָט ביי אים ווידער אַ בליץ געטאָן אַ שטיקל האָפענונג — אפשר וועט ער באַגעגענען דעם רייטער און אים פרעגן וועגן זיין פאַר־לוירענער בייטש. אָבער דער רייטער איז שוין געווען זייער ווייט און ער האָט אים מער נישט געזען.

לויפט אַזוי טאָם, און לויפט, זוכנדיק די בייטש.

און אויפן ברייטן טראַקט רייט דער רייטער מיט דער שפּיצרוזגע אין דער האַנט...

דער פידלער

נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען יעפים פרומקינען צו נעמען די פידל אין האַנט און אַרויסגיין שפּילן אויפן גאַס.

פריִער האָט ער זיך אַ שיינע פּאָר יאָר גוט אָנגעליטן, געלעבט אין נויט און דחקות, פאַרקויפט פון שטוב־אַרויס וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. ער האָט זיך געראַנגלט מיטן בייזן גורל, און נישט געוואָלט ווערן אַ גאַסן־שפּילער.

אַלע זאַכן, וואָס ער האָט פאַרקויפט פון שטוב־אַרויס, כדי אויפצוהאַלטן זיך און זיין שוואַכע פרוי, האָבן אים געגעבן געזונט געקאָסט. ער באַדויערט דעם פּערסישן טעפּעך, וואָס איז אַזוי רחבותדיק געלעגן אויסגעשפּרייט ביי אים אין אַרבעטסצימער. דער טעפּעך האָט פאַרשלונגען זיינע האַרטע טריט און אים צוגעהאָלפן פאַרוויכן די טענער פון זיין פידל. ער דערמאָנט זיך אויך, אַז בעת מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם קלאַוויר פון זיין שטוב, האָט ער דערפילט אַזאַ ווייטיק, גלייך ווי גאָט אַליין וואָלט אָפּגעטיילט אַ ריפּ פון זיין קערפּער. אויך די פאַרקויפטע כינעזישע וואַזע איז אים אַזוי אַ שאָד, אַז ער נעמט מער נישט אַריין קיין בלומען אין שטוב.

איצט, אַז ער איז געקומען אין שטוב מיט ליידיקע הענט און דערזען באַשעס בלייך פּנים. אירע פאַרטריקנטע ליפּן און פרעגנדיקע אויגן — האָט ער זיך ווידער גענומען אַרומקוקן איבערן צימער. זיינע בליקן האָבן געזוכט, גענישטערט פון ווינקל צו ווינקל. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער איז ראַפּטעם צוגעפאַלן צו דער שאַנק, אויפגעפּראַלט די טירן און אַ כאַפּ־אַרויס־געגעבן דעם סמאָקינג.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים פאַרגעקומען אויס־טערליש. באַשע, זיין שטילע באַשע, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן רויִק ביים פאַרקויפן דעם טעפּעך און דעם קלאַוויר — איז איצט אויפגעשפּרונגען,

אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אויסגעשריגן: „געַנוג אַרויסגעשלעפּט אין גאַס! דעם סמאָקינג וועסטו נישט פאַרקויפן״!

יעפים איז געבליבן שטיין אָן לשון. ער האָט נאָר געפילט, ווי דער סמאָקינג גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט און פאַלט אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע מיט דער זעלבער עלאַסטישקייט, ווי דאָס טוט אַ גוטער אַקטיאָר אין אַ פינאַל־שפּיל אויף דער בינע.

באַשע האָט זיך אַפילו נישט אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן דעם סמאָקינג. זי האָט יעפימען צוגעפירט צו דער סאָפקע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט און שטיל אַריינגעהעשעט...

יענעם אָוונט האָבן זיי קיין אָוונטברויט נישט געגעסן, אָבער זי איז איצט ווידער גליקלעך מיט איר מאַן, אין ווען זי זעט צוריק דעם אַמאָליקן יעפימען, וואָס איז געזעסן ביי איר פּאָטערס טיש, אָדער ווען ער האָט איר געפירט צום מוזיק־פעסטיוואַל, אויף וועלכן ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַזוי פיל דערפאָלג. אין איר האַרצן גייט אויף אַ טרייסט — אפשר איז אַזוי בעסער? האָט זי דאָך, אין די צייטן, ווען זי האָט געלעבט אין ווילטאָג זיך תמיד געשראָקן פאַר זיין דערפאָלג ביים פּובליקום און ביי פרויען... איצט וואָלט זי שוין דערויף באַשטאַנען. זי איז זיכער, אַז מיטן אָפּראַטעווען דעם סמאָקינג, האָט זי אָפּגעראַטעוועט אַ שטיק לעבן.

שטייט אַזוי יעפים אין אַ ווינקל פון אַ באַלעבטער גאַס און שפּילט אויף זיין פידל.

אויף זיין גלאַטראַזירט פּנים זעען זיך טיפע קנייטשן, זיין קאָפּ איז איבערגעבויגן אויף לינקס, ווי ער וואָלט געוועזן צונויפגעוואַקסן מיט דער פידל, און זיינע טריבע אויגן קוקן צום קעגנאיבערדיקן דאַך, וווּ ס׳האָבן זיך באַזעצט אַ מחנה ווייסע טויבן. פאַר אים גייען אויף די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָט דאַכט זיך אים, ווי ער שטייט ווידער אויף דער עסטראַדע אין „אוניווערסאַל״ און כישופט־אַרויס מיט זיינע האַנט־באַוועגונגען די בעסטע מוזיק־שאַפונגען. ער שפּילט אַ ראַפּסאָדיע, אַ מינועט, האָפמאַנס דערציי־לונגען, צי גאָר שובערטס „סערענאַדע״. דער עולם אַפּלאָדירט, רופט־אַרויס

אויף ביס. ער פאַרנייגט זיך, שמייכלט און ווייזט מיט די הענט, אַז ער קאָן מער נישט שפּילן...

אַזוי זענען געלאָפן פרילינגס און האַרבסטן, זומערס און ווינטערס — תמיד דאָס אייגענע: ביי טאָג האָט אים ערשט די מיטאָגזון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער, אַרויסגענומען פון בעט. דער טאָג האָט אים נישט אַזוי שטאַרק געלאָקט. דעם ריכטיקן טעם פון לעבן האָט ער דער־פילט, ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן. דעמאָלט האָט ער אויפגעלעבט. באַשע האָט אים דערלאַנגט דאָס געקראָכמאַלעטע העמד מיט די שטייפע מאַנזשעטן און דעם פריש־געפרעסטן פראַק. אַז ער האָט זיך איבערגעטאָן, האָט ער ערשט דערפילט אַ ניי לעבן. באַשע האָט געזאָרגט, אַז דער קראַוואַט זאָל זיין ריכטיק אויסגעבונדן און אַז דער שרונט זאָל זיין אין מיטן פאַרקעמט. שפּעטער, ווען ער האָט גענומען דאָס דיריגענט־שטעקעלע אין האַנט, האָט ער זיך געפילט מעשה נאַפּאָלעאָן, בעת ער שטייט אַ דרייסטער אויפן פרייען פעלד און דיריגירט מיט דער שלאַכט; ער האָט געפילט, ווי זיין קאַפּעליע ציטערט פאַר זיין שטעקעלע.

פאַרקוקט אויפן דאַך, האָט ער גענומען מקנא זיין די ווייסע טויבן. זיינע פינגער נעמען לויפן איבער די סטרונעס. דער סמיטשיק באַוועגט זיך האַסטיקער.

אַ פאַרבייגייער וואַרפט אַריין אַ מטבע אין דער פידל־שייד. אָבער ווען עס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון פאַלנדיקע מטבעות וויל יעפים אַנטלויפן. די קלאַנגען ווערן דעמאָלט שניידעוודיק און כאַאָטיש, ווי ער וואָלט וועלן צוריקוואַרפן דער גאַס אַ פּראָטעסט פאַר דעם אַריינגעוואָרפענעם קליינ־געלט, פאַר דער נויט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין וועלט און אַ תל־געמאַכט פון זיין לעבן. ער פילט זיך אָבער נישט בכוח אַריינצוגיין אין אַן אָפענעם קאָנפליקט מיט דער גאַס און — ער גייט אַריבער צו שטילע, סענטימענטאַלע טענער.

ער באַקומט רחמנות אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט צעטרענצלט דריי צענדליק יאָר — די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן. ווער וועט אָפּשאַצן וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער מוזיק? און וואָס איז אים פון דעם אַלעם געבליבן? געבליבן איז נישט מער, ווי דער איינציקער אָנדענק — דער סמאָקינג, וואָס ער האָט אים שוין גענומען אויף אַלע טאָג.

אַז ער גיט אַ קוק אויף דעם מלבוש, ווערט אים אַזש קאַלט אין אַלע אברים. דער סמאָקינג ליגט אויף אים לויז און שלאַבערדיק, ווי אַן ארויפ־געוואָרפענער זאַק. די קלאַפּעס גלאַנצן שוין צו שטאַרק און פון די אַרבל דריבלען זיך צוויטן.

אַ פּחד באַפאַלט אים פאַרן אייגענעם שאָטן. עס קומט אויס, אַז די צויטן, וואָס הענגען אַראָפּ פון זיינע מאַנזשעטן, זענען די געפּערלעכע זיקנה, וואָס פאַלט אַן נישט בלויז אויפן מענטשן, נאָר אויך אויף אַ מלבוש.

ווי אַנדערש איז עס געווען דעמאָלט, ווען דער סמאָקינג איז געווען ניי. מען האָט זיך איבער יעפּים פּרומקינען געריסן. יעדער טעאַטער־דירעקטאָר האָט אים געשלעפּט צו זיך, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. יונגע טענצערינס האָבן זיך געדרייט לעבן אים, אונטערטעניק געשמייכלט און צוגעשטעלט די פאַרריסענע נעזלעך צום לאַץ, ווו ס'האָט תמיד געשטעקט אַ פרישע ווייסע רויז.

— אָ, מיסטער פּרומקין, ווי עס שמעקט פון אייך...

דעמאָלט האָט ער אין יעדן מענטשן זיין פריינד געזען. פאַר יעדן טעאַטער־דירעקטאָר האָט ער געהאַט נייע טענער, און פאַר יעדער באַ־רימטער שוישפּילערין — אַ קאָמפּלימענט. דאָס דיריגענטן־שטעקעלע האָט אים קיין מאָל נישט מיד געמאַכט און די קאַוועס מיט די קאָניאַקן האָבן אים נישט איינגעשלעפּערט.

אָבער פּלוצעם איז עס געשען: אין מיטן אַ קאָנצערט איז ער שוואַך געוואָרן, זיינע קני̇ען האָבן זיך גענומען ברעכן, שוואַרצע רעדער האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע אויגן, און ער איז מיט וואַקלדיקע טריט אַראָפּ פון דער בינע.

דעם סעזאָן האָט מען יעפּימען מער אויף דער בינע נישט געזען. אָבער מיטן אָנקומען פון פרילינג האָט ער זיך מיט דער פידל אַוועקגעלאָזן צו זיין אַרבעט.

ווען יעפּים האָט זיך געפונען אין פאָיע פון „אוניווערסאַל" און געכאַפּט אַ בליק אינעם ברייטן שפּיגל, איז ער אַ צעטומלטער אָפּגעשפּרונגען — ער האָט זיך נישט דערקענט: זיין קאָפּ איז ווי איבער נאַכט גרוי געוואָרן, די אויגן — טיפער, דינע פעלדעלעך אויפן פּנים — אין גאַנצן פאַרענדערט.

דער פידלער

ער איז לאַנג געשטאַנען פאַרן שפּיגל און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַ פרעמדן מענטשן.

נישט לאַנג דערנאָך איז פרומקין אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון „אוני־ווערסאַל" און ער האָט שוין מער קיין אַרבעט נישט באַקומען.

ער האָט שוין מער נישט געקאָנט שלאָפן ביזן טאָג אַריין. די רייצנ־דיקע טענצערינס האָבן אים אויסגעמיטן. דאָס דיריגענטן־שטעקעלע נעמט ער מער נישט אין האַנט, נאָר די פידל — די פידל וויל עפּעס נישט פאַר־שטומט ווערן.

יעדע נאַכט הערט יעפים פרומקין, ווי זיין פידעלע, וואָס הענגט אויף דער וואַנט איבער זיין בעט, הייבט אָן שפּילן. צו ערשט מיט אַ שטילן געוויין, דערנאָך העכער, ביז עס כאַפּט זיך אויף דער סמאָקינג, וועלכער קריכט אַרויס פון דער שאַנק און בלאָזט זיך אָן, אַ שטייגער ס׳וואָלט אין אים אַריינגעקראָכן אַ מענטש. אַפילו די ווייסע רויז איז ווידער אַריינגע־שטעקט אין לאַץ, נישט מער, זי איז איצט אַ ביסל פאַרוועלקט. וואָס מער די פידל „וויינט", אַלץ אָנגעבלאָזענער ווערט דער סמאָקינג, גלייך ער וואָלט אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם גאַנצן טרויער פון דער פידל. דערנאָך, אַז די פידל הערט אויף שפּילן, קלאַפּט דער סמאָקינג בראַוואָ מיט די ליידיקע אַרבל...

ער געדענקט עס ווי ס׳וואָלט נעכטן געווען:

אין איינער פון די ערשטע נעכט, ווען זיין פידל האָט אַליין אָנגעהויבן אויף דער וואַנט צו שפּילן, איז ער אויפגעשפּרונגען פאַר איבעראַשונג, אָבער שטאָט טענער, האָט ער דערהערט ווערטער — ווערטער פון טרייסט:

ביסט נישט דער איינציקער...

שטייט ער אַזוי, יעפים פרומקין, דער ערשטער פידלער פון „אוני־ווערסאַל", אָנגעשפּאַרט מיט זיין גוף אָן אַ שטאַנג פון אַן אויטאָבוסן־סטאַציע און כישופט אַרויס פון זיין פידל לאַנג־פאַרגעסענע ניגונים.

און קעגן איבער, אויפן דאַך, האָט זיך ווידער באַזעצט די מחנה ווייסע טויבן...

דאָס קנעפּל

מיין באָבע שרה איז געווען אַן אמתע אשת־חיל. זי האָט די מינדעסטע זאַך נישט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זי איז געווען אַ בריה אין נייען און שטריקן. גרויסע זאַכן האָט זי איבערגעמאַכט אויף קלענערע, פון אַ פּאַלטן האָט זי געמאַכט אַ מאַרינאַרקע אָדער אַ זשאַקעט, פון לאַנגע זאָקן — שקאַרפּעטן. דאָ אַ נייעם קאָלנער, און דאָרט — אַ לאַטע, און ס'איז ווידער געווען איבערצוטאָן אַ ניי העמד אויף שבת.

ביי איר, ביי מיין באָבען, איז גאָרנישט פאַרלוירן געגאַנגען, און אַז אַ גלאָז איז אַ מאָל צעבראָכן געוואָרן, אָדער דאָס גלעזל פון דער נאַפט־לאָמפּ האָט געפּלאַצט, האָט זי זיך אַליין אויסגעמוסרט; אין די היינטיקע גלעזער — האָט זי באַדאַרפט געדענקען — טאָר מען נישט ראַפּטאָוונע אַריינגיסן הייס וואַסער. מען דאַרף פריִער אַריינלייגן אַ קלעצל צוקער, אַריינשטעלן אַ טיילעפעלע, און דאָס זודיקע וואַסער גיסן אויפן לעפעלע, און נישט באַלד אויפן גאַלע גלאָז, ווי זי האָט דאָס מאָל געטאָן. און מיטן גלעזל פון לאָמפּ איז דען אַנדערש געווען? אַז מען דרייט אַרויף דעם ברענער און מען מאַכט אַזאַ גרויסן פלאַם, מוז דאָך דאָס גלעזל פּלאַצן! צו ערשט האָט זי דאָס גלעזל פאַרקלעפּט מיט צייטונגס־פּאַפּיר, אָבער די פּאַפּירענע לאַטעס האָבן לאַנג נישט געהאַלטן, זענען אָדורכגעברענט געוואָרן און דער קאָפּעטש האָט זיך געהויבן ביזן פּולאָפּ. איז זיצן אַ ווינטערנאַכט אָן אַ גלעזל אויפן לאָמפּ, איז אויך פריקרע, האָט די באָבע אָנגעצונדן די לאָמטער און אַרויסגעגאַנגען אין געוועלבל קויפן אַ גלעזל.

מיין באָבע שרה האָט פאַרמאָגט, ווי מ'זאָגט אַ גאָלדן האַרץ. זי האָט געטאָן אַ סך צדקה און יעדן פרייטיק געבאַקן עקסטרע־קיכלעך פאַר אָרעמע־

לייט, וואָס וועלן קומען אויף שבת. און אָרעמע־לייט האָבן אין יענע צייטן נישט אויסגעפּעלט. ווי נאָר זיי זענען געקומען אין שטעטל אַריין זענען זיי ס'ערשטע געקומען צו דער באָבען נאָך קיכלעך. נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זיי זענען הונגעריק, האָבן זיי געזאָגט, נאָר ווייל דער באָבעס קיכלעך האָבן טויזנט טעם. און איינער האָט דערציילט דעם אַנדערן מיט וואָס פאַרע געשמאַקע קיכלעך די באָבע איז מכבד די אורחים.

אַז די באָבע איז איצט צוריקגעגאַנגען פון דעם געוועלבל מיט דער לאָמטערנע אין האַנט, איז איר זייער פאַרדראָסיק געווען, וואָס זי האָט אויסגעגעבן אַ בחינמדיקן זעקסער* פאַרן נייעם גלעזל צום נאָפט־לאָמפּ. זי האָט איבערגעטראַכט, וואָס אַלץ זי האָט געקאָנט פאַר דעם זעקסער אויפטאָן. בעסער וואָלט געווען ווען זי גיט אַכטונג אויפן נאָפטלאָמפּ און פאַר דעם זעקסער ליבערשט אַריינטאָן אַ ביסל מער ראָזשינקעס און נאָך אַ פּאָר אייער אין די קיכלעך אַריין, די אָרעמע־לייט זאָלן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ. אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען — האָט די באָבע ווייטער אַריינגעקלערט — ווען זי וואַרפט אַריין דעם זעקסער אין דער פּושקע פון ר' מאיר בעל הנס. דעמאָלט ווייסט זי דאָך כאָטש, אַז דאָס געלט גייט קיין ארץ־ישראל, אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, פאַר די ישיבה־בחורים, וואָס לערנען תורה. און אַזוי ווי זי גייט אַזוי פאַרטראַכטערהייט, דערשפּירט זי, אַז זי האָט אויף עפּעס אַרויפגעטראָטן.

דאָס ערשטע קנעפּל

ס'איז שוין געווען אַ שיינע פּאָר וואָכן נאָך סוכות, אין די זאַדושקעס,** ווען די רעגנס גיסן עטלעכע טעג אָן אויפהער. דאָס אויסגעברוקירטע טראָטואַרל איז געווען איין שטיק בלאָטע.

וואָס אַן אמת האָט זיך די באָבע שרה געאיילט אַהיימצוגיין, ווייל אין שטוב האָט געקאָכטשעט דאָס לעמפּל אָן אַ גלעזל, מ'האָט אָבער באַדאַרפט קענען מיין באָבע, אַז זי האָט אויף עפּעס אַרויפגעטראָטן, יועט זי דאָס נישט אַזוי גלייך אָפּלאָזן און גיין ווייטער. צו ערשט מוז זי וויסן, אויף וואָס זי

---

* אַ רוסישע מטבע פון 6 גראָשן (3 קאָפּיקעס).
** קריסטלעכע מזכיר־נשמות־טעג. פון 1טן ביזן 3טן נאָוועמבער.

האָט אַרויפגעטראָטן, און אַז זי ווייס שוין, ערשט דעמאָלט טוט זי זיך באַקלערן אויב עס לוינט זיך דאָס בכלל אויפצוהייבן.

האָט די באָבע שרה אַרויפגעדרייט די קנויט פון דער לאָמטערנע און אַרומגעלאָכטן אַרום אירע פיס. קיין סך טריט, האָט זי געוווּסט איז זי נאָך נישט פאַרבייגעגאַנגען; אפשר צוויי, דריי. צו איר מזל איז נאָך אַלץ די בלאָטע געווען אַ געדיכטע און ס׳איז איר נישט געווען באַקוועם אָפּצו־מעסטן די טריט, אָבער זי האָט פּאַוואָלינקע צוריק אַריינגעטראָטן אין אירע פוס־טריט, און ס׳איז דאָ! די באָבע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַ ביסל אַוועקגעשאַרט די בלאָטע און אויפגעהויבן — אַ קנעפּל.

זי האָט באַלד, ביים שיין פון דער לאָמטערנע, באַקוקט דאָס קנעפּל אין אַלע זייטן. אפשר האָט עס גאָר נישט קיין לעכלעך און מ׳האָט עס סתם אַוועקגעוואָרפן, אָדער אפשר האָבן זיך די לעכלעך אָפּגעבראָכן און מ׳וועט עס סיי ווי נישט קענען אָנניייען. אָבער ס׳איז אַ גוט קנעפּל, אַ שטאַרק קנעפּל, און מ׳קאָן עס אָנניייען אַפילו אין די ווינטער־הויזן אונטער די שעלקעס.

האָט די באָבע מער נישט געטראַכט און מיטגעברענגט דאָס קנעפּל אין שטוב אַריין.

אויף צו מאָרגנס האָט זי עס נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט ביים טאָגליכט, און זי האָט געזען, אַז עס איז אַזוי ווי זי האָט געזאָגט:

— אַ גוט קנעפּל.

און דאָס קנעפּל האָט געהאַט מזל. דאָס וועטער האָט זיך געענדערט און ס׳איז געפאַלן דער ערשטער שניי. דער זיידע האָט באַדאַרפט אָנטאָן דעם באַשליק אויפן קאָפּ און ס׳האָט אין אים געפעלט אַ קנעפּל. לכתחילה האָט דער זיידע געמיינט, אַז ער וועט שוין אַזוי מוזן אַרויסגיין פון שטוב מיט אַ נישט פאַרקנעפּלטן באַשליק, און דער שניי וועט אים אַריינפּרישען אין האַלדז. אָבער בעת ער איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל, האָט די באָבע אים אָפּגעהאַלטן. די באָבע איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמודע, געעפנט דאָס שופלאָד, אַרויסגענומען דאָס קנעפּל און עס אָנגענייט אין באַשליק.

ערשט איצט האָט דער באָבען אַ הנאה געטאָן, וואָס זי האָט זיך דעמאָלט נישט געפוילט און אויפגעהויבן דאָס קנעפּל.

דאָס צווייטע קנעפּל

אַ לאַנגע צייט דערנאָך, ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסן ייִנגל, איז געשען אַ מעשה מיט אַ צווייט קנעפּל. שוין נישט אַ קנעפּל, וואָס מ׳נייט אָן אין אַ מלבוש, נאָר אַזאַ, וואָס שטעקט אין דער וואַנט. דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין צום רייכן פעטער.

דער פעטער האָט געוווינט אין אַ גרויס הויז. מיר זענען צו אים אַריינגעגאַנגען דורך אַ קאָרידאָר אויסגעפּוצט מיט בלומענטעפּ. ביים אַריינגאַנג איז געווען אַ גרויסע דעמבענע טיר, און ביים ביישטידל איז געווען אַ ווייס קנעפּל. האָט דער טאַטע מיך געהייסן אַ דריק טאָן אויפן קנעפּל. ווי נאָר כ׳האָב אָנגערירט מיטן פינגער דאָס קנעפּל, האָט עס זיך צעקלינגען. די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ יונג בלאָנד שיקסל מיט אַ קורץ געבלימלט פאַרטעכל און אַ ווייסן טשעפּעק אויפן קאָפּ. דאָס שיקסל האָט אונדז אַריינגעלאָזט, און באַלד ווי מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ פוס, האָט זי ווידער אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל, און ס׳איז געוואָרן ליכטיק — אַ מחיה.

אַז איך בין געקומען אַהיים אין שטעטל אַריין און דערציילט מיינע חברים, וואָס אַזוינס אַ קנעפּל קאָן אויפטאָן, האָבן זיי בשום אופן נישט באַנומען מיינע רייד. פאַרקערט, זיי האָבן פון מיר נאָך אָפּגעשפּעט:

„יוסף, דערצייל נאָר די מעשה ווי אַזוי דו האָסט געגעבן אַ דריק אויף אַ קנעפּל און ס׳איז אַרויס אַ שיקסע...״ — האָבן זיי זיך געוויצלט אויף מיין חשבון.

דאָס דריטע קנעפּל

די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט. ווייסע קנעפּלעך, וואָס מאַכן ליכטיק די שטובן און די גאַסן האָבן זיך שוין אַריינגעריסן אויך אין שטעטל, און דאָס „וווּנדער־קנעפּל״ איז שוין געוואָרן אַ פּשוטע זאַך. מ׳האָט מער דערוועגן נישט גערעדט.

מיר איז אָבער דאָס קנעפּל נישט אַרויס פון געדאַנק, און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי כ׳האָב זיך ווידער באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט אַן אויסטערליש קנעפּל.

מיין מאַמע ע״ה האָט מיך מיטגענומען אויף אַ באַזוך צו גרויסע לייט אין דער גרויסער שטאָט. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ טויער פון אַ זייער רייך הויז. שוין אין קאָרידאָר אַליין איז געווען וואָס צו זען: אַ טעפּעך אונטער די פיס און אַ גרויסער שפּיגל איינגעמויערט אין וואַנט. די טרעפּ זענען געווען פון ווייסן מאַרמאָר מיט בראָנדזענע פּאָרענטשעס, אָבער מיין מאַמע האָט צו מאָל נישט געשטעלט אַ פוס אויף די טרעפּ. זי האָט געעפנט אַ טיר, וואָס איז געווען גלייך מיט דער וואַנט. זי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, אַריינגעפירט אין אַ בודקעלע אַריין און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— יוסף, גיב אַ קוועטש אויפן קנעפּל, אָט־אָ, דאָ!

און ווי נאָר כ׳האָב אַ קוועטש געטאָן — אוי! איך פלי דאָך אין לופטן! העכער און העכער, ווי אַ מלאך, וואָס שוועבט אויף יעקבס לייטער אין הימל אַריין... מיינע אויגן זענען צוגעשמידט צום קנעפּל. מיר דאַכט זיך, אַז איך זע דאָס אויג פון אַ מלאך, פון וועמענס כוח און מעשים מיר ווייסן אַזוי ווייניק.

נאָך דער שיינער אויפנאַמע, וואָס האָט געדויערט מער ווי אַ שעה צייט, זענען מיר פון דער רייכער שטוב אַראָפּ מיט די מאַרמאָרנע טרעפּ, אָבער אויף מיר האָבן זיי מער קיין איינדרוק נישט געמאַכט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די איינציקע גרויסע זאַך, וואָס עקסיסטירט אויף דער וועלט, און מיט וועלכער איך האָב זיך היינט צוזאַמענגעטראָפן, איז דאָס קנעפּל.

ווי נעמט מען אָבער די רויִקע נאַטור פון אונדזערע זיידעס און באָבעס? מיין באָבע שרה האָט אָנגענייט דאָס קנעפּל אין באַשליק, און גלייך דערין פאַרגעסן. מיר אָבער, איר אייניקל האָט שוין דאָס קנעפּל מער נישט געלאָזט רוען.

איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז צו דער באָבעס קנעפּל וואָלט איך קיין מאָל נישט צוגעקומען, ווייל כ׳וואָלט מיר נישט געגעבן די מי עס צו זוכן מיט אַ לאָמטערנע אין דער האַנט און אַרויסנעמען עס פון דער בלאָטע. דערפאַר אָבער בין איך אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון דעם לעצטן קנעפּל, וואָס האָט מיך אַ הייב־געטאָן אין לופטן. מיינע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיט דער פאַרבאָרגענער קראַפט פונעם קנעפּל.

איך האָב געהאַט אַ באַהאַלטענעם באַגער זיך מיט דעם קנעפּל צו פּאַר־מעסטן, אים באַזיגן און ווערן דער הערשער איבער אים. איך האָב חושד געווען, אַז אינעם קנעפּל שטעקט אַ מיסטעריעזער כוח. ווען דער כוח זיך פונאַנדערוואַקסן, וועט דער מענטש שוין נישט האָבן קיין שליטה איבער אים. איך בין צוגעפאַלן צו די ביכער, וואָס כ'האָב געהאַט, געוואָלט זיך פון זיי עפּעס דערוויסן וועגן דעם קנעפּל, אָבער אַלץ וואָס כ'האָב געקאָנט אַרויסבאַקומען, איז געווען, אַז די לעצטע צוויי קנעפּלעך, מיט וועלכע כ'האָב זיך אָנגעטראָפן זענען נאָענטע מחותנים. און ביידע זענען באַשאַפן געוואָרן מיטן שם המפורש פון עלעקטרישן כוח.

און אַזוי, האָב איך געטראַכט, אויב אַפילו די קנעפּלעך וועלן זיך פאַרמערן, וועלן זיי אַלע אָבער זיין פאַרן מענטשנס נוצן: צו באַלייכטן גאַסט וועלטל ווען ס'איז פינצטער; עפענען פאַרשלאָסענע טירן פאַר גוטע לייט: אויפהייבן דעם מענטש העכער, ווען ער שטייט נידעריק... אָבער קיין שלעכטס קאָן דאָס קנעפּל נישט ברענגען.

אָבער ווי זאָגט מען: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״.

דאָס פערטע קנעפּל.

פאַר טאָג האָט אַ זויגקינד זיך צעוויינט אין וויגל. אַ מאַמע ווייסט, אַז אויב אַ זויגקינד וויינט ביי נאַכט איז, אָדער ס'איז נאַס, אָדער הונגעריק.

די מאַמע פון דעם זויגקינד, וואָס האָט דעמאָלט געוויינט, איז זייער צוגעבונדן צו איר קינד. זי האָט אַזאַ לייכטן שלאָף, אַז ווי נאָר דאָס קינד הייבט אָן צו וויינען, שטייט זי שוין אויף די פיס. נישט אַזוי ווי די אינדישע אָדער אַראַבישע מאַמעס, וואָס זענען שווער, ווי די קלעצער, און מעג זיך אַפילו אַ קינד „צערייסן״, וועלן זיי דערצו נישט אַראָפגיין ביי נאַכט.

די יונגע מאַמע האָט זיך אַ טאַפּ־געטאָן ביי די ברוסטן. אויב זיי זענען פול, איז אַ סימן, אַז דאָס קינד איז הונגעריק. אָבער די ברוסטן, פילט זי זענען שלאַבעריק. דאָך איז זי האַסטיק אַרויס פון בעט און צו צום וויגל. דאָס קינד איז געלעגן טרוקן. מוז זיין, ס'איז הונגעריק. האָט זיך די יונגע מאַמע אַריבערגעבויגן איבערן וויגל צו געבן דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין.

צי זי האָט זיך געפוילט, אָדער סתם צוליב איילעניש — זי האָט נישט

אַנגעצונדן ליכט אין שטוב. ס׳ערשטע, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם מאַן אירן, וואָס האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג אין די קוילן־גרובנס, והשנית, ווייל דאָס קינד איז צוגעווינט צו זייגן אין דער פינצטער. ווײַנען, ווײנען זיי אין איין צימערל, דאָס וויגל שטייט ביים בעט מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. טאָ וואָס טויג איר אָנצוצינדן ליכט? דערצו נאָך האָט די יונגע מאַמע געהערט פון איר באָבען, אַז ווען אַ קינד זייגט אין דער פינצטער, וואַקסט עס בעסער. אָבער וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס זי שאַרט אַהין און אַהער מיט דער ברוסט ארום דעם קינדס ליפּן און ס׳כאַפּט נישט אָן דעם וואָרצל? מוז זיין, אַז דאָס קינד, אָדער ס׳איז קראַנק אָדער ס׳איז איבער־געשראָקן. די מאַמעס האַרץ פילט טאַקע, ווי דאָס קינד איז איבערגעשראָקן. ס׳וואַרפט זיך, ס׳וויל נישט נעמען דעם וואָרצל אין מויל אַריין, עס קלאַמערט זיך אין דער מאַמען, ווי ס׳וואָלט וועלן די מאַמע זאָל עס פון עפּעס שלעכטס באַשיצן.

איצט האָט די מאַמע שוין נישט קיין ברירה. זאָל דער מאַן אירער אַפילו זיך איבערוועקן, שרייען און זיך בייזערן אויף איר, וועט זי דאָס ליכט אָנצינדן און זען, וואָס דעם קינד איז.

אין דער פינצטערניש האָט די מאַמעס האַרץ אַ ציטער געטאָן. זי האָט אַ כאַפּ־געטאָן דאָס קינד אויפן האַנט, פעסט עס צוגעדריקט צו זיך. מאַמע און קינד זענען אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ שרעקלעכן פחד, און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

אָבער וואָס איז דאָ געשען? נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַ טריט צו שטעלן פון וויגל, איז אין שטוב אַזוי העליש ליכטיק געוואָרן, ליכטיקער ווי ביי טאָג. טאָ ווער האָט דאָס אַזוי ליכטיק געמאַכט?

אין דער רגע איז איבער דער שטאָט געפלויגן אַ שווערע מאַשין. אַ קרעפּקער מאַן מיט אַ ביינערדיקן פנים האָט אָנגעשפּיזט זיינע אויגן פון הינטער שווערע ברילן־גלעזער אויף אַן אויסטערלישן אינסטרומענט. און זיין לאַנגער פינגער האָט אַ דריק־געטאָן אויף אַ קנעפּל. דאָס אָרעמע שטיבל איז געוואָרן פאַרגאָסן מיט ליכטיקייט און דאָס קינד האָט איבער־געריסן דאָס געוויין...

אין דער בלענדנדיקער ליכטיקייט האָט פאַר דער מאַמעס אויגן אַ בליץ געטאָן דאָס קעפּל פון איר קינד. מער האָט זי נישט באַוויזן צו



זען. אַפילו די געשווינדקייט פון דער מחשבה האָט פאַרשפּעטיקט איר אונטערצוזאָגן, אַז ס׳איז נישט געווען נישט דאָס און נישט יענץ; דאָס קינד איז נישט געווען נאַס און נישט הונגעריק, און איבערגעוועקט האָט עס זיך גאָר צוליב עפּעס אַנדערש:

צוליבן פּחד פאַרן היראשימאַ־קנעפּל...

דעם פּרינצס חלום

זעקס יאָר נאָך זיין חתונה מיט דער שיינער מלכה פון זונענלאַנד, האָט זיך דער פּרינץ אַמאָן מיכאַעליס פּלוצעם דערפילט דער־דריקט און איינזאַם.

אַלע זיינע געפילן פון גליק און צופרידנקייט זענען ווי אַ נעפּל זיך פונאַנדערגעגאַנגען און זיינע געדאַנקען זענען געוואָרן טריב און שווער, ווי זיי וואָלטן אַריין אין אַ ספערע פון אייביקער נאַכט.

זונענאַלנד איז אַ קליינע מדינה אָבער דער קעניגלעכער זומער־פּאַלאַץ איז געווען באַקאַנט ווי דער שענסטער אין דעם טייל וועלט.

לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן אים. אַ רייזנדער וואָס האָט אַ מאָל באַשריבן דעם דאָזיקן פּאַלאַץ האָט זוכה געווען, אַז אַלע רייכע פּרינצן האָבן ביי אים געקויפט די באַשרייבונג און געפּרווט נאָכמאַכן דעם לוקסוס פון פּאַלאַץ. אָבער קיינעם איז עס נישט געלונגען. דער קעניגלעכער פּאַלאַץ פון זונענלאַנד איז געבליבן איינגעהילט אין אַ סוד.

מ׳האָט געוווּסט, אַז דער פּאַלאַץ געפינט זיך ביים ברעג ים. דער רייזנדער האָט אויך געוווּסט צו דערציילן, אַז די ווענט אינעם קעניג־לעכן שלאָפצימער זענען באַהאָנגען מיט אַ פעל פון אַזאַ חיה, וואָס שפּיגלט־אָפּ דעם זונאויפגאַנג און ברענגט גליק פאַר דער קעניגלעכער קרוין. אָבער דער נאָמען פון דער חיה איז געוואָרן אָפּגעהיטן ווי אַ מלוכה־סוד, און דער רייזנדער האָט אים נישט געוווּסט אָנצוגעבן. ער האָט אויך דערציילט, אַז די בעטן זענען געמאַכט פון טייערן העלפאַנט־ביין, און אַז אין סופית זענען איינגעפּאַסט אַלע טייערע איידלשטיינער פון די קרוינען פון די קעניגלעכע דינאַסטיעס זינט אַכצן דורות.

אין יענער צייט פון יאָר האָט דאָס קעניגלעכע פּאָרל געוווינט אין זומער־פּאַלאַץ.

אָבער אַזוי ווי דעם פרינץ איז מיט אַ מאָל אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן, און ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפונען, איז ער איין מאָל, אין די נאַכטקליידער, אַרויס פון קעניגלעכן פּאַלאַץ.

ער איז אַדורך די לאַנגע קאָרידאָרן, אַראָפּ פון די מירמלשטיינערנע טרעפּ, באַדעקטע מיט פעלן פון שניי־ווייזלעס.

ער איז אַרומגעגאַנגען דעם פּאַלאַץ און אַרויסגעקומען צום אונ־טערשטן טויער, וואָס האָט געפירט צום פּאַרק.

דער פרינץ האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי דער אַלטער פּראַנסואַ, זיין קאַמערדינער, בוקט זיך פאַר אים און קוקט אים נאָך מיט פאַרדאַכט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך מיט דראָבנע טריט, זיין פּנים איז געווען בלייך און ער האָט אויסגעזען ווי אַ לונאַטיקער.

עס איז געווען נאָך חצות. די אַלייען און סטעזשקעלעך פון פּאַרק זענען געווען באַלויכטן מיט אַ דיסקרעטער ליכט. דאָס גראָז איז פייכט, די בלומען־בייטן שטייען מיט אויפגעהויבענע קעפּ און באָדן זיך אין פרישן טוי, און די קליינע טאָגשוועמלעך שפּיגלען זיך אינעם לבנה־שיין. דאָס זענען אַזעלכע שוועמלעך, וואָס מען זייעט זיי פאַרן זון־אונ־טערגאַנג און אויף צו מאָרגנס זענען זיי פאַרטיק. אַז מען קוקט זיך גוט צו, זעט מען מיטן בלויזן אויג ווי זיי רירן זיך און וואַקסן, פונקט ווי מען זעט דאָס רירן זיך פונעם ווייזער פון אַ גרויסן זייגער.

דער פרינץ איז נישט געווען קיין איינגעבוירענער אין פּאַלאַץ, אויף וויפל ער האָט געקענט דעם פּאַרק, איז ער פאַר אים איצטער פאַרגעקו־מען ווי ניי. ער האָט באַמערקט, ווי די פלאַנצן, פירן דאָ אַ ביינאַכטיק לעבן; אַ ניי לעבן וואַכט דאָ אויף.

אָבער דעם פרינץ האָט גאָרנישט אינטערעסירט — נישט דער פּאַרק, נישט דאָס לעבן פון די פלאַנצן, און ער האָט ווייטער געשפּאַנט פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות.

ער איז שוין געהאַט ווייט אַרויס פון פּאַרק און זיך געפונען אויפן פרייען פעלד. גראָד איז עס געווען די שענסטע צייט פון יאָר — פאַר שניטצייט. אַלץ האָט אויסגעזען צויבערנדיק: דאָס קאָרן און דער ווייץ זענען געווען פול מיט לאַנגע דיקע זאַנגען און דיביימער האָבן זיך

געבראַכן אונטער דער לאַסט פון פּירות. יעדעס שטיקל אַקערלאַנד האָט געשפּראָצט מיט יוסטער זאַטקייט.

אַ קיל ווינטל, וואָס איז געקומען פון ים־ברעג, האָט אים דער־פרישט און אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות. ער האָט זיך אומגעקוקט צי מ׳גייט אים נישט נאָך. ער האָט נישט געוואָלט, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען אַ סקאַנדאַל אָדער אַ טומל.

אין פּאַלאַץ האָט דער פּרינץ זיך געפילט פרעמד, און צווישן די הויפליים האָט ער נישט געהאַט קיין איין איבערגעגעבענעם פריינד, וועמען ער זאָל קאָנען זיך אַנפאַרטרויען. ער האָט זיך אַ קערעווע געטאָן אויף רעכטס צום טאַל־צו, דאָרט ווו ס׳ליגט דאָס אַלטע פישערדאָרף.

צום דאָרף איז נאָך געווען אַ שפּאָרער גאַנג. פּרינץ מיכאַעלס האָט געהאַט געגנוג צייט צו זיין מיט זיך אַליין. זיינע מחשבות האָבן אים איצט צוריקגעפירט צו זיין לעבן אין די לעצטע צען יאָר.

פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויפגעוויקלט דאָס בילד, ווי מ׳האָט אים צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט פאַר דער פּרינצעסין סאַמידעאַ, זיין איצטיק ווייב — די קעניגין פון זונענלאַנד. ער דערמאָנט זיך פאַר־שידענע איינצלהייטן, אָבער פון זיי אַלע שווימט אַרויס איר דורכדרינג־לעכער בליק, מיט וועלכן זי האָט אים אַדורכגענומען ביז טיף אין די ביינער.

דער פּרינץ האָט ווייטער געפירט זיינע מחשבותן. ער האָט נאָך אַ מאָל געזען די קעניגלעכע חתונה־צערעמאָניע, דאָס צעשטראַלטע פּנים פון זיין פאָטער, דעם אַלטן קעניג, געהערט דאָס שאַלן פון די פאַנפאַרן, וואָס האָבן אים באַגלייט אין דער חופּה־נאַכט. און — ער קאָן זיך אַלץ נישט באַפרייען פון דעם ביטערן געפיל, וואָס ער האָט דערפילט גלייך אויף צו מאָרגנס.

שפּאַנענדיק אַזוי פאָרויס, איז אים אַ יונג העזל פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דערזען ווי דאָס טורעמל פון פישערדאָרף זילבערט זיך אין דער אויפגייענדיקער לבנה.

דער פּרינץ איז געקומען צו זיך. ער האָט אונטערגעאיילט זיינע טריט צו איינע פון די קרומע געסלעך פון דאָרף.

די געגנט האָט ער גוט געקענט. ער האָט אויסגעמיטן צו גיין מיטן הייזערוועג און ער איז געגאַנגען דורך זייטיקע וועגלעך ביז ער איז צוגעקו־מען צו אַן אַלט הילצערן פישערהייזל.

אויפן פּלויט זענען געווען אויסגעהאָנגען עטלעכע נעצן, אַלטע צעפּוילטע שיפלעך זענען געלעגן נישט ווייט פונעם הייזל. קיין פיש־ריח האָט זיך נישט געפילט.

דער פּרינץ האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז אין די קליינע נידע־ריקע פענצטער־שייבלעך איז פינצטער. שוין ביים אַריינגאַנג אין הויף האָט ער געהאַט אַן אויסטערלישע זעונג. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די אָנגעוואָרפענע שיפלעך זענען טייערע ים־יאַכטן, וואָס גליטשן זיך איבער שטילע וואַסערן.

ער האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט: זאָל ער אָנקלאַפּן אין פענצטער, אָדער וואַרטן? ער איז געשטאַנען אין מיטן הויף און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. אין דעם מאָמענט האָט ער געהערט אַ לייכטן סקריפּ פון אַ טיר און אַ מיידל מיט באָרוועסע פיס האָט זיך דערנענטערט צו אים.

דער פּרינץ איז איר אַקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און זי איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס.

— מאַגדאַ!

דאָס פישער־מיידל האָט דערפילט ווי דער פּרינץ ציטערט. זי האָט געטראַכט, אפשר איז מיט אים עפּעס געשען? אפשר איז ער אויף אייגענער האַנט אַרויס מיט אַ שיפל אויפן אָפענעם ים, דאָס שיפל האָט זיך איבערגעדרייט נאָענט ביים ברעג און דער פּרינץ איז געקומען צו לויפן נאָך הילף? זי האָט אָנגעטאַפּט זיינע קליידער און ביים לבנה־שיין געזען, אַז דער פּורפּור־זיידענער כאַלאַט מיט די ווייס־געהאַפטענע מאַנ־זשעטן און די גאָלד־געשטיקטע עטרה זענען טרוקן. זי האָט אָנגערירט זיין קאָפּ — אויך די האָר זיינע זענען טרוקן און גלאַט פאַרקעמט. אַ צווייטער געדאַנק איז איר אין דעם מאָמענט אַדורכגעלאָפן: אפשר איז ווער דעם פּרינץ באַפאַלן? אָדער אפשר איז אין קעניגלעכן הויף פאַר־געקומען אַן אויפשטאַנד?

זי האָט געוואָלט עפּעס געוויר ווערן פון זיין בליק, אָבער אין זיינע אויגן האָט זי קיין פּחד נישט באַמערקט. פאַרקערט, די אויגן פון פּרינץ זענען געווען מילד און דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז דער זעלבער צופרידענער, ווי זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אויפן אָפענעם ים.

זי איז געווען די עלטסטע טאָכטער ביים אַלטן פישער. דער פאָטער האָט קיין זין נישט געהאַט און פון איר פריסטער יוגנט אָן האָט ער זי מיטגענומען צום פיש־פאַנג.

יענער טאָג איז געווען טיף איינגעקריצט אין מאַגדאַס זכרון. ווען זיי זענען אַרויס אויפן אָפענעם ים, איז דער הימל געווען לויטער. דער ווינט האָט געטריבן זייער שיפל צו דרום־מערב זייט. נאָך איידער זיי זענען צוגעקומען צו די „פיש־וואַסערן" האָבן זיי שוין געהאַט אַ גוטן פאַנג. דער פאָטער האָט כסדר אַריינגעוואָרפן פיש אין שיפל. זיי זענען געווען זייער פאַרנומען, און האָבן אַפילו נישט באַמערקט, ווי דער הימל באַדעקט זיך מיט שוואַרצע וואָלקנס, און דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט, די כוואַליעס האָבן גענומען וואַרפן דאָס שיפל העכער, און מיט אַ מאָל האָט דער ווינט אָפּגעבראָכן דעם זעגל.

דער אַלטער פישער האָט נישט אָפּגעלאָזט די וויאָסלעס און געהאַלטן אין איין שרייען, זי זאָל אויסשעפן דאָס וואַסער פון שיפל. שפּעטער האָבן זיי אויך די פיש אַרויסגעוואָרפן, אָבער אין שיפל האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן. דער אַלטער האָט אַוועקגעלייגט די וויאָסלעס און זיך אַרומגע־קוקט אויפן אָפענעם ים. ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען ווי אַ יאַכט־שיף איילט צו זיי מיט דער גאַנצער פאַרע. ער האָט די שיף דערקענט און צו זיין טאָכטער אויסגעשריגן:

— מאַגדאַ! די קעניגלעכע יאַכט קומט אונדז ראַטעווען.

די יאַכט איז צוגעשוווּמען און אַריבערגעוואָרפן צו זיי גראָבע שטריק. דאָס פישער־מיידל האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויף דער יאַכט. און ווען זי האָט דערגרייכט צום דעק, האָט דער פּרינץ אַליין צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט אויך אַריבערגענומען דעם פאָטער אירן און אַפילו געהייסן צובינדן זייער שיפל צו דער קעניגלעכער יאַכט.

מאַגדאַ געדענקט, ווי די קעניגין אַליין מיט איר סוויטע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע. זי איז געשטאַנען פון דער ווייטנס פון

די אָפּגעראַטעוועטע פישערס. אָבער בעת דער פרינץ האָט איר דערלאַנגט אַ האַנט ביים אַרויפנעמען זי אויפן דעק, האָט די קעניגין אויף אים אַ בייזן בליק געטאָן, און די סוויטע־לייט האָבן זיך אַדורכגערעדט מיט די אויגן.

דעם פישער־מיידל דאַכט זיך אויס, אַז אויך איצט קוקט אויף איר די קעניגין מיט בייזע אויגן. זי פּרוווט זיך באַפרייען פון פרינצעס אָרעמס.

— זאָל אייער עקסעלענץ צוריקגיין צו דער שיינער קעניגין!...

דער פרינץ האָט זיך געפילט געטראָפן. זיין אַדלבלוט האָט אין אים גענומען זידן. ער האָט זיך אָבער שנעל באַהערשט און זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער האָט נישט צו טאָן מיט איינע פון די הויפדאַמען, נאָר ער געפינט זיך אין אַ פישערדאָרף שפּעט ביי נאַכט.

— אויב דו האָסט מורא פאַר דער קעניגינס אויג, טאָ קום, לאָמיר זיך ערגעץ באַהאַלטן צווישן די בלומען־קוסטעס.

מאַגדאַ האָט אים צוגעפירט אין אַ זייט פון פלויט, וווּ ס׳האָבן געפעלט עטלעכע צוימשטעקלעך. מ׳האָט דאָ לייכט געקאָנט אַדורכגיין. מיט איַילִיקע טריט האָבן זיי זיך דערווייטערט פון דער פישער־כאַטע און צוגעקומען צו אַ קליין בלומען־גערטנדל.

דער פרינץ האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. נישט געוווּסט וואָס פאַראַ שמועס ער זאָל מיט איר אָנהייבן. האָט געקוקט, ווי פאַר זיך, און ווי אין עפּעס זיך דערמאָנט.

— וואָס פאַראַ לעגענדעס גייען אַרום ביי אייך אין פישערדאָרף?

מאַגדאַ איז געווען צופרידן פון דער פראַגע, אַבי אָן עפּעס־וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

— ווען איך זאָל, אייער הויכקייט, אָנהייבן דערציילן אַלע לעגענדעס, וואָלטן זיבן טעג און זיבן נעכט נישט געסטייעט.

— דערצייל מיר כאָטש איינע פון זיי.

מאַגדאַ האָט זיך געוואַקלט מיט דער דעה: זאָל זי דערציילן דעם פרינץ די לעגענדע פון די בלומען? זי האָט מיט אַ וויכער שטים אָנגעהויבן:

— נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און איינגעטיילט אַלע בעל־חַיים די פונקציעס, איז אים געבליבן צוויי הויקערס. האָט ער נאָך אַ מאָל געהייסן אַדורכפירן פאַרן כסא־כבוד אַלע חיות, וואָס ער האָט באַשאַפן, און געוואָלט ווען געבן אַ צולאָג אַ הויקער.

צו ערשט איז אַדורכגעגאַנגען דער לייב. דער לייב איז געווען יונג און שיין, און ס׳איז געווען אַ שאָד אים צו פאַרקריפּלען מיט אַ הויקער.

האָט מען געבראַכט דעם פוקס און אים געוואָלט צוקלעפּן אַ הויקער, האָט דער קלוגער פוקס געטענהט, אַז ער האָט שוין גענוג צרות פון שלעפּן זיין ברייטן עק, און ווען מ׳זאָל אים נאָך עפּעס צולייגן, ווערט ער שוין אין גאַנצן אויס פוקס.

אַזוי איז געווען מיט יעדער חיה. יעדע האָט געהאַט אַן אַנדערן תירוץ.

גאָר צו לעצט זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס קעמל און דער מענטש.

איז שוין נישט געווען קיין אַנדערע ברירה און מ׳האָט אָנגעהאָנגען די הויקערס דעם קעמל און דעם מענטשן. סיי דאָס קעמל און סיי דער מענטש האָבן אַפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן און אָנגענומען באהבה גאָטס גאָב.

ס׳איז דעמאָלט געווען דער לעצטער טאָג פון באַשאַף, און אַלע באַשע־פעניש האָבן זיך געאיילט איבערצונעמען זייערע פונקציס. אָבער די פמליא של מעלה האָט זיי נאָך אַ מאָל געוואָלט אָנקוקן. האָט מען געמאַכט פאַר אַלע באַשעפענישן אַ גרויסן פּאַראַד, און דער גאַנצער וועג, וואָס האָט געפירט צום כסא־הכבוד, איז געווען אויסגעלייגט מיט אַלע מינים בלומען.

ס׳האָט געדויערט אַ שפּאָר ביסל צייט ווי די אַלע מינים חיות זענען פאַרבייגעגאַנגען. די גאַנצע צייט איז געווען שטיל. די בלומען האָבן געהאַלטן אין איין ציטערן, אַז די חיות זאָלן זיי נישט אויפפרעסן, אָבער ביים סאַמע סוף, ווען ס׳זענען אַדורכגעגאַנגען דאָס קעמל און דער מענטש, האָבן זיך די בלומען צעלאַכט אויפן קול. די נקבות פון די בלומען האָבן אָפן געשפּעט:

— וועלכע נקבה וועט דאָס צולאָזן צו זיך אַ הויקער ?...

האָט גאָט אַליין דערהערט דאָס פרעכע געלעכטער און די בלומען פאַרשאָלטן. זייער שיינקייט און די קאָלירן האָט גאָט פון זיי שוין נישט געוואָלט צוריקנעמען, האָט ער אויסגערופן:

— ווייל איר האָט געלאַכט פון מעשי־ידי, וועט דער זכר קיין מאָל צו אייך מער זיך נישט קאָנען צורירן. נאָך מער: איר וועט זיין אַזוי שיין, אַז דער זכר וועט זיין גאַנץ לעבן גלוסטן צו דער נקבה און זי נישט קאָנען דערגרייכן. און ווייל דער ווינט האָט זיך אַריינגעמישט און אייך ווייטער נישט געלאָזט לאַכן, וועט ער, דער ווינט, האָבן דאָס פאַרגעניגן איבער־

צוטראָגן די מענער־זאַמען צו די נקבות. אַזוי אַרום וועלן זיי באַפּרוכפּערט ווערן.

דער פּרינץ האָט אַלץ אויסגעהערט, און ווען דאָס פישער־מיידל האָט פאַרענדיקט איר דערציילונג, האָט ער אָפּגעזיפצט.

— וואָס זיפצסטו אַזוי, מלכהס מאַן ? גליקלעכסטער מענטש אין זונען־לאַנד.

— דאָס איז טאַקע מיין צרה — האָט דער פּרינץ געענטפערט — איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן פשוטע מענטשלעכע רייד. מיט דער מלכה רעד איך נאָר אַזעלכעס, וואָס עס פּאַסט פאַר איר מאַיעסטעט. ווען כ׳זאָל אָבער איר זאָגן וואָס איך טראַכט — וואָלט דאָס געהייסן מורד במלכות זיין. פאַר דעם קומט אַ הארבע שטראָף — אַפילו אויב דאָס ווערט געטאָן דורכן מאַן פון דער מלכה. אויב איך שמייכל צו איר, איז עס נישט אַזוי מחמת ליבשאַפט, נאָר ווייל אַזוי פאָדערט דער צערעמאָניאַל. אַפילו דאָס אַריינגיין צו איר אין שלאָפצימער געהערט אויך צו מיינע פליכטן, אָבער אַליין האָב איך אַ ווידערגעפיל צו איר...

דער פּרינץ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז. זיין פּנים איז אויס־געקומען אַנטקעגן דעם מיידלס טאַליע. איצט האָט זיין שטימע געקלונגען ווייך:

— דאַקעגן דיך, מאַגדאַ, אַז איך נעם דיך אַרום, פיל איך, ווי דאָס קלאַפּן פון דיין האַרצן טרייבט האַסטיקער מיין בלוט... מיט דיין ציטער שטורעמסטו־אויף מיין נשמה... אָבער דאַרטן, אין פּאַלאַץ...

מאַגדען איז אַזוי גוט געווען אויף דער נשמה, אָבער זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר זיינע לעצטע ווערטער. זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס און אויסגערופן:

— פּרינץ !

פּרינץ מיכאַעליס האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט און ווייטער געצויגן זיינע רייד:

— דאָרטן בין איך נישט דער באַלעבאָס איבער מיינע געפילן... נאָר בלויז אַ מאַן... און דער הויף־דאָקטער האָט זיך אַפילו נישט געשעמט צו מאַכן פאַרשידענע אַנאַליזן פון מיין בלוט און מאַרך...

דאָס מיידל האָט זיך אויפגעשטעלט.

— מען זאָגט דאָך אָבער, אַז די דעה און די מאַכט ליגט אין דיינע הענט.

— דאָס מאַכט מען מיר נאָר אַזאַ שם, כדי דאָס פאָלק זאָל וויסן, אַז די מלכה האָט אַ קלוגן מאַן. ווען איך וואָלט געלעבט אין דעם פּאַלאַץ מיט הונדערט יאָר צוריק, וואָלט מען אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די מלכהס מאַן רעדט זיך אַדורך מיט גאָט אַליין און זאָגט איר, ווי אַזוי צו פירן דאָס קעניגרייך. אין דער אמתן אָבער איז אַלץ, וואָס די קעניגין רעדט אין סענאַט, פאַרבאָרגן פאַר מיר ביז דער לעצטער מינוט. איטלעכע רעדע שרייבט אָן דער הויף־באַראַטער. פון זינט איך האָב געוואָלט אויסבעסערן אַ פּונקט פון דער קעניגלעכער רעדע, היט מען זיך פאַר מיר.

דער פּרינץ און מאַגדע האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און פּאַמעלעך שפּאַצירט אויף די לאַנקעס אַרום דעם פישערס כאַטע.

די נאַכט האָט געוועקט די גרעזלעך צום לעבן. די קאָרן־זאַנגען האָבן שוין דערגרייכט ביז איבערן אַקסל. פון טאָל האָט געריסן דער ריח פון פריש געשניטענעם היי.

אין אָנהייב האָט מאַגדע געצווייפלט אין זיינע רייד, אָבער איצט, נאָכן פּרינצס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, האָט דער צווייפל צו ביסלעך אויסגע־וועפּט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ פּרינץ וועט אַזאַ מעשה נישט אויסטראַכטן. זי האָט מער נישט געזען זיין גליק און רייכטום.

זי האָט נאָך אַ מאָל אָנגעטאַפּט זיינע קליידער. דאָס מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען גאָר גראָבע טראַנטעס, וואָס עס טראָגן די בעטלערס ביים הויפּטטויער פון דער שטאָט. דאָס פישער־מיידל פלעגט שטענדיק אין איר קוישל אָנגרייטן אַ פּאָר פישלעך און דערלאַנגען די בעטלערס. זיי האָבן געוווסט ווען איר אָפּוואַרטן. עס האָט איר אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם מענטשן, וואָס אַנטלויפט ביי נאַכט פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין דאָרף אַריין.

— איך וואָלט דיך אַזוי נישט באַהאַנדלט — האָט זי שטיל אַ זאָג־געטאָן — און אים לייכט אַרומגענומען.

ער האָט זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך און אָנגעהויבן רעדן ווי פאַר זיך:

— כ׳ווייס, מאַגדאַ! דערפאַר בין איך אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ און געקומען צו דיר. אַפילו די שטעקשיך פאַרגעסן צו נעמען אויף זיך און געלאָפן צו

דיר. איצט נעם צו מיין מתנה. איך האָב דיר געבראַכט אַ רינג, וואָס מיין מוטער האָט מיר געגעבן ווען כ׳בין נאָך זייער יונג געווען, און געזאָגט: „באַהאַלט דאָס פאַרן מיידל וואָס דו וועסט ליבן".

— זאָג מיר, פאַר וואָס האָבן אַלע איינוווינער פון פישער־דאָרף אַזוי ליב די קעניגין?

דעם פרינצעס פנים האָט זיך פאַרכמאַרעט און ער האָט געענטפערט:

— ווייל דאָס פאָלק האָט ליב מ׳זאָל איבער אים הערשן. זיי זענען נישט זיכער אין זיך און מיינען, אַז ווען ס׳זאָל נישט זיין הערשער און באַהערשטע, וואָלטן זיי אַזוי פיל אויפגעטאָן ווי די חיות פון וואַלד, אָדער די פיש אין וואַסער. און פון וואַנען מיינסטו האָבן דאָס מענטשן אויסגע־טראַכט צו כאַווען ביי זיך אַ קעניגין? איך האָב דאָס לאַנג געזוכט אין די ביכער און געפונען, אַז דאָס שטאַמט נאָך פון גאָר אַלטע צייטן. דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ בינשטאָק און זיך צוגע־קוקט צום לעבן פון די בינען, האָט דערזען, ווי דער האָניק ווערט אויסגע־אַרבעט, דערפאַר וואָס אַ קעניגין געפינט זיך אין בינשטאָק. האָט אים, דעם מענטשן, דער האָניק פאַרשמעקט און ער האָט גענומען נאָכמאַכן די בינען...

דאָס פישער־מיידל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פרינצעס מויל.

— האָסט גאָרנישט מורא אַזוי צו רעדן? דו רעדסט דאָך קעגן דיין שטאַנד! אָ, ווען אַ דאָרפס־מענטש רעדט אַזוי... אָבער, כ׳בעט דיך רעד שטילער. עס קענען נאָך דערהערן די פישער פון דאָרף. זיי וואָלטן פאַר אַזעלכע רייד אונדז ביידן פאַרשטיינט...

פרינץ מיכאַעליס האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעדרייט צום מיידל.

— האָב נישט קיין מורא! פאַר די פישער פון דאָרף בין איך דער דוכס פון זונענלאַנד, דער מלכהס מאַן.

— און פאַר וואָס ביסטו נישט געערט אין אונדזער דאָרף?

— פאַרשטייסטו, ווייל ביי אונדז אין הויף טאָר קיינער נישט זיין קלוגער פון דער קעניגין. אַז ס׳קומט אונטער עפּעס אַ שיינער זאַג, שרייבט מען עס אָן אויף אַ צעטעלע און מ׳שיקט עס אַריין אויף אַ גאָלדענער טאַץ צו דער קעניגין, און עס געהערט שוין אויף אייביק צו איר. וויל מען צוטראַכטן ישועות פאַרן פאָלק, קומט עס פון דער קעניגין; פּאַסירט אָבער

עפּעס שלעכטס אין לאַנד, הענגט מען עס אָן אויף די פּלייצעס פון די מיניסטאָרן, און דער פאָלקסצאָרן פאַלט אויף זייערע קעפּ.

פאַרן דאָרפס־מיידל זענען אַזעלכע רייד געווען פרעמד. זי האָט קיין מאָל נישט געהערט, אַז די פישער זאָלן אַזוי רעדן. אַ ציטער איז איר דורכגעלאָפן איבערן גאַנצן קערפּער. זי האָט דערפילט אַ פּחד. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ פרעמדער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט פון דאָרף און וויל אַרויסרופן אַן אַלאַרם. מאַגדאַ האָט געפילט, ווי די צונג קלעפּט זיך איר צום גומען, און זי האָט נישט געקאָנט אים ענטפערן.

זיי זענען געגאַנגען אָן ווערטער. מיט אַ מאָל האָבן זיי דערזען, ווי דער מאָרגנשטערן נעמט זיך לעשן. אין די פענצטערלעך פון די פישער־כאַטעס האָבן זיך גענומען צינדן פייערלעך פון נאַפט־לעמפּלעך.

מאַגדאַ האָט דערהערט ווי איר פאָטער עפנט די טיר, וואָס גייט אַרויס צום הויף און ער צעהוסט זיך אויפן קול. און איידער נאָך דער פּרינץ האָט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, האָט זי זיך אַ דריי־אַוועק געגעבן און אים איבערגעלאָזן אַליין.

באַגינען האָט דאָס אַלאַרם־גלעקל פון דעם קעניגלעכן שלאָפצימער שניידעוודיק זיך צעקלונגען. דער אַלטער קאַמערדינער איז אַ דערשראָקענער אַריינגעלאָפן צו דער מלכה און זי געטראָפן אַן אויפגערעגטע.

— ווו איז דער דוכס ? — האָט זי שטרענג געפרעגט.

דער אַלטער קאַמערדינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט גענומען זוכן דער מלכהס מאַן איבערן גאַנצן פּאַלאַץ און אים נישט געטראָפן. דערנאָך איז ער געלאָפן אין פּאַרק אַריין.

באַלד איז אים דער גערטנער אַקעגנגעלאָפן. דער געניטער קאַמער־דינער האָט גלייך דערקענט אין גערטנערס פּנים, אַז יענער ווייסט דעם סוד, ווו ס׳געפינט זיך דער פּרינץ. און איידער ער האָט אים נאָך עפּעס געזאָגט, נעמט דער גערטנער אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים צו אַ זייטיקער אַלייע, ווו דער פּרינץ איז געזעסן אויף אַ באַנק.

דער קאַמערדינער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און גלייך געוואָלט

צוריקלויפן מיט דער גוטער בשורה צו דער קעניגין. דער גערטנער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל:

— דער פּרינץ איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון פישערדאָרף, און ער איז מיד און פאַרחלומט — רוימט ער אים איין סודותדיק אין אויער. זע! ער גייט דאָך אין די זאַקן. גיי ברענג אים די שטעקשיך!

ווען פראַנסוואַ איז צוריקגעקומען האָט דער פּרינץ נאָך אַלץ געדרימלט. און ווען דער אַלטער קאַמערדינער האָט אים גענומען אָנטאָן די שטעקשיך, האָט דער פּרינץ זיך גענומען וועקן און רעדן ווי פון חלום:

— וואָס ביסטו געפאַלן צו מיינע פיס? שטיי אויף, מאַגדאַ...

— דאָס בין איך, פראַנסוואַ האָט דער אַלטער קאַמערדינער זיך אָפּגע־רופן — איך טו אייער עקסעלענץ אָן די גאָלדענע שטעקשיך.

מיטאָגצייט האָט די קעניגין נאָך אַ מאָל גערופן צו זיך דעם קאַמער־דינער און אים אַ פרעג געטאָן:

— קענסט מיר זאָגן, ווו דער דוכס איז די נאַכט געווען?

דער אַלטער קאַמערדינער האָט זיך טיף פאַרנייגט און געבעטן צוויי מינוט צייט צו קענען ענטפערן אויף דער קעניגינס פראַגע.

באַלד איז ער צוריקגעקומען און ווי אַרויסגעלייענט:

„נעכטן אָוונט, ווען די קעניגין איז געווען פאַרנומען ביי דער אויסער־געוויינלעכער הויף־באַראַטונג, האָט זיין הויכקייט, דער דוכס פון זונענ־לאַנד, אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט מיט אַ גרופּע געלערנטע און פאָרשער אויף דער שיף „מאַגינא״. זיי האָבן צוזאַמען שטודירט די אַטמאָספערישע באַדינגונגען אויפן אָפענעם ים״.

— אַזוי איז בפּירוש פאַרשריבן אין קעניגלעכן טאָגבוך.

דער רויטער גייסט

פון פּראָפעסאָר גוטווירטס הויז ביז זיין וווינונג איז געווען אַ שפּאַר שטיקל וועגס, אָבער דער מאָלער איז געגאַנגען צו פוס און האָט אַלץ נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז די בלאָנדהאָריקע יונגיטשקע פּראָפעסאָרס פרוי לויפט אין אים אַרום ווי אַ שטורעמווינט.

— זאָפיאַ, זאָפיאַ — האָט ער נישט אויפגעהערט צו מורמלען ביז שפּעט ביי נאַכט.

אויף צו מאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען מיטאָגצייט, און ווען זיינע אויגן האָבן נאָך געקלעפּט פון שלאָף, האָט ער זיך געכומען בונטעווען:

— אויב ס׳זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועט זי דאָך פון מיר אַ תל מאַכן — האָט ער זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט — אַ תל פון מיר, אַ תל פון „רויטן גייסט״, אַ תל פון דער קונסט. און וואָס וועט בלייבן פון מיין גאַנץ לעבן און שטרעבן? נישט מער ווי איינע פון די טאָג־טעגלעכע פּאַריזער באַנאַלע געשיכטעס — אַ ביסל געשנאָרעטע ליבע ביי יענעמס ווייב.

דער קאָפּ איז אים צוריקגעפאַלן אויפן קישן. זיינע מחשבות האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט און ער האָט זיך איצט געזען, ווי אין אַ שפּיגל; אַ בחור אין די יאָרן, לעבט איינזאַם, האָט נישט קיין ווייב און קיין קינד. אין זיין דירה דרייט זיך נאָר אַרום זיין אַלטיטשקע מוטער. ביז ער האָט באַקענט זאָפיען האָט ער אויסגעמיטן פרויען. טייל מאָל האָט זיך אים אַפילו גע־דאַכט, אַז ער האַסט זיי.

אָבער נישט וועגן „די לייכטע זאַכן״ האָט זיך אים איצטער געוואָלט טראַכטן. אים האָט געגאַגט אַן אַנדער געפיל. צו וועמען געהער איך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — צו די מאָדערניסטן, קוביסטן אָדער אַבסטראַקטע מאָלער?

מיטן מאָלער לאַרי האָט פּאַסירט דאָס זעלבע ווי מיט אַ סך אַנדערע

קינסטלער פון אַלטן דור. ער איז דערצויגן געוואָרן אויף רעאַליסטישער מאָלעריי, און ווען ער איז געקומען קיין פּאַריז, האָט שוין קיינער פון רעאַליזם נישט געהאַלטן. ס׳איז געווען פּאָפּולער דער זאָג פון Bram Van Velde: „די רעאַלע וועלט, מיט איר אַלגעמיינע לאָגיק, טרייבט אונדז, מאָלערס, צו קאַטאַסטראָפע. דער קינסטלער מוז זיך אין זיין שאַפן פון דער לאַסט באַפרייען״.

פאַרן מאָלער לאַרי איז דאָס געווען אַזאַ שפּרונג, ווי זיין דור האָט דורכגעמאַכט פון די נסיעות מיט אַ פערד־און־וועגעלע, ביז איבער באַנען, צום סילאָן־עראָפּלאַן. און פונקט, ווי קיינער וויל נישט צוריק זיך אויפזעצן אויפן פערד־און־וואָגן, אַזוי האָט ער זיך אָפּגעוווינט פון מאָלן לויטן אַלטן שטייגער.

קיין פּאַריז איז ער שוין געקומען מיט אַ שטיקל נאָמען אין טאַש, אָבער קיין מנוחה האָט ער דאָ נישט געפונען. לאַנגע זיגזאַג־בלאָנדזשענישן האָבן אים נישט געלאָזט געפינען אַ וועג אין דער מאָלעריי. ס׳האָט אים געלאָקט קאַנדינסקיס ליריזם. אַ שטיקל צייט איז ער געווען אונטערן איינדרוק פון מאָנדריאַנס קלאַסיציזם, אָבער די אַבסטראַקטע מאָלעריי איז נאָך אַלץ פאַר אים שטום געבליבן. דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער האָט פון איר גענומען איז געווען קאַנדינסקיס אָנשויונג: „אַלץ איז דערלויבט אין דער מאָלעריי״. טיף אין האַרצן האָט ער אָבער געפילט, אַז ער נאַרט זיך אַליין, ווייל אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרוועבט אין דעם גרויסן בילד, וואָס ער מאָלט שוין אַ סך יאָרן. ווען ער איז געשטאַנען ביי דער סטאַלוגע פון „רויטן גייסט״, האָט אויף אים קיין שום שיטה און קיין שום פאָרעם קיין שליטה נישט געהאַט. — יעדעס באַזונדערע ווערק מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן אייגנאַרטיקע שאַפונג — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט.

דער מאָלער לאַרי וווינט אין אַ הינטערגעסל פון אַלטן שטאָט־קוואַרטאַל, וואָס גרענעצט זיך מיט דער סען. דער אריינגאַנג אין הויז זעט אויס, ווי צו אַ פאַרוואָרלאָזטער דאָרפס־פאַרם. פון דער גאַס עפנט זיך אַ ברייטע טיר, וואָס זעט אויס אויך ווי אַ טויער, און באַלד הינטער איר פירן טרעפּן אויף אַ גאָרן אַרויף. אַז מען קומט אַרויף, זעט מען, אַז דער גאַנצער גאָרן איז נישט מער ווי איין גרויסע שטוב. אין מיטן דער שטוב

איז פֿאַראַן אַ גרויס לאָך מיט אַ שטאַכעטל אַרום, און הילצערנע טרעפּ פירן ווידער אונטן־אַראָפּ. אַ פֿאַרבן־ריח רייסט זיך אַרויף, און אַז מ׳בייגט זיך אַ ביסל איין, זעט מען, ווי אונטן זענען אָנגעוואָרפן לייוונטער און ראַמען.

פֿאַרקערט, ווי ביי אַנדערע מאָלער, איז לאַריס אַטעליע אונטן. לאַרי איז אַ מענטש פון שטימונגען. אַ מאָל לויפט ער אַראָפּ פון זיין שטוב אין דער אַטעליע מיט גרויס אימפּעט, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו אַן אָפּפּלי־ענדיקן עראָפּלאַן, און אַ מאָל פּוילט ער זיך ממש אַראָפּצוגיין.

אַצינד איז ער אַראָפּגעקומען פון אייבערשטן גאָרן אַ פֿאַרטראַכטער, מיט אַן איבערגעבויגענעם קאָפּ איבער דער ברוסט. ער האָט זיך אָנגע־האַלטן אין פֿאַרענטש און פעסט געקלאַפּט מיט די שיך, ווי ער וואָלט ציילן די טרעפּ. זיינע אויגן האָבן זיך קיין ריר נישט געטאָן און ער איז געווען שטאַרק אומעטיק. פון לעצטן טרעפּל האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און געבליבן שטיין ביים גרויס־אָנגעצויגענעם לייוונט, וואָס איז געווען פֿאַרהילט מיט אַ ווייסן ליילעך.

מיט אַ געשיקטער האַנט־באַוועגונג האָט ער אַ שליידער געטאָן דאָס ווייסע ליילעך און די רויטע פֿאַרב האָט אַ מיגניע געטאָן איבער דער אַטעליע. דער גרונט פון לייוונט האָט אויסגעזען ווי אַ בלאָטיקער רעגן־וויכער וואָלט זיך געטראָגן אין דער לופט און פון הינטער אים שלאָגט אָפּ דער רויטפלאַמיקער שלייער, וואָס הילט איין דעם גאַנצן גוף פון אַ פרויען־געשטאַלט. דער שלייער הענגט נישט אויפן גוף, נאָר שוועבט אַרום אים. ער איז לאַנג, דער שלייער, און גרייכט ביז איבער די קנעכלעך. עס זעען זיך אַרויס נאָר די שפּיצנעגל פון די פיס. די נעגל וואָרפן אָבער אָן אַ מורא. זיי זענען שוואַרץ, ווי סמאָלע און שפּיציק, ווי ביי אַ וואָראָנע.

לאַרי האָט זיך צוריקגערוקט עטלעכע טריט פון בילד און געזען, ווי דאָס געשטאַלט גייט, און אַזוי גייענדיק, וואַרפט עס אום אַלץ, וואָס ס׳שטייט אין וועג: די בענקלעך פון זיין אַטעליע, וואָס שטייען באַקלעפּטע אין די ווינקלען; אַפילו דאָס בענקל, אויף וועלכן ער זיצט, איז איבער־געדרייט מיטן פוכענעם קישעלע פון אונטן. דער לינקער פוס פון דער געשטאַלט איז אויסגעשטרעקט, און ס׳זעט אויס, ווי דער „רויטער גייסט״ דרייט אַלץ איבער, וואָס ער טרעפט אין וועג.

אָבער צום בילד פעלט נאָך אַלץ דער קאָפּ. דאָס פעלן פון קאָפּ ביז טיף אין די אַקסלען אַריין, וואַרפט טייל מאָל אָן אויפן מאָלער אַ גרויל־געפיל.

„ס'איז צייט זיך אַ נעם צו טאָן צום קאָפּ״! — האָט לאַרי באַשלאָסן. שוין אין די ערשטע שטריכן איז אַרויסגעקומען אַזאַ האַלדז, ווי ער האָט געוואָלט: אַ דינער, אַ לאַנגער, אין גאַנצן אַ פאַרהילטער אין אַ דורכזיכטיקן שלייער. מיט עטלעכע שאַרף־שוואַרצע שטריכן האָט ער אָנגעצייכנט אַ ביינערדיקן שמאָלן קאָפּ, און צוגעקומען צו די אויגן.

אָבער ווי נאָר ער האָט אויסגעשטרעקט דעם פּינדזל, האָט ער דערפילט אַ שוואַכקייט אין די הענט און נישט געקענט אָנרירן די לייוונט. דער פּינדזל האָט זיך אים פאַמעלעך אַרויסגעגליטשט, און לאַרין האָט זיך געדאַכט, ווי עס ציט ווער אים אַרויס פון דער האַנט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל און געטראַכט: וואָס קאָן דאָס זיין? צו די אויגן לאָזט זי אים נישט צו...

אַזוי פלעגט ער גאַנצע טעג זיצן אויפן בענקל און אַריינטראַכטן וועגן די אויגן. אָבער וואָס מער ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם געמעל, אַלץ מער האָט ער זיך דערפילט שוואַך און אומזיכער. ס'איז דאָך אַ גייסט, נישט אַ געזעענער אין דער פינצטערניש אויף אַ ספּיריטואַליסטישן סעאַנס, נאָר אויפן לייוונט — טאָ וואָס קאָן נאָך זיין מער אויסדרוקספולער, ווי זיינע אויגן?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן איבער דער סטאָלוגע און נישט געקענט אַדורכקומען מיט זיך. וואָס קאָן מען דורך די אויגנלעכער דערקענען: זיין צופרידנקייט צו שוועבן אין די הימלען, אָדער האַס און נקמה צו אַלעם, וואָס אויף דער ערד?

דאָס טראַכטן האָט אים נאָך נישט אַזוי מיד געמאַכט, ווי עפּעס אַ נייער געפיל, וואָס ער האָט היינט דערשפּירט. פאַר אים איז געוואָרן קלאָר, אַז וואָס מער דאָס בילד ווערט בולטער, וואָס מער ער באַמיט זיך צו באַהויכן זיין אַרבעט מיט אַ קינסטלערישן רוח החיים, אַלץ מער ווערט ער אַרומגענומען מיט אַ פּחד פאַר דעם, וואָס ער האָט געשאַפן. צו ערשט, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין פאַרמעסט, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי די לייוונט איז „כחומר ביד היוצר״, אָבער לעצטנס פילט ער, ווי פון טאָג צו טאָג איז

דאָס געשאַפענע גובר איבער אים. וואָס מער דאָס בילד ווערט שטאַרקער און קרעפטיקער, אַלץ מער פילט ער זיך אַקעגן דעם שוואַכער און אונטער־טעניקער. נאָך מער פאַרשטאַרקט זיך דער דאָזיקער געפיל אין די פאַר־נאַכטן, ווען אין קליינעם פענצטער בלייבט נאָר איבער אַ מאַטע ליכט, ווי אין אַ שוואַך אויג, וואָס איז באַדעקט מיט אַ בעלמע. דעמאָלט זעט אַפילו לאַרי, ווי דער גייסט לעבט אויף, און פון הינטערן רויטן שלייער יאָגט זיך אַ ווינט. דער ווינט לויפט אַרום אין דער גאַנצער אַטעליע, ער יאָגט אַלץ, דרייט איבער די בענקלעך, און אַלע אַלטע בילדער וויגן זיך, ווי אַרויסגעהאַנגענע שטיקער וועש אויף שטריקלעך. אויך אים אַליין רייסט דער ווינט און ער קאָן אים נישט אָפּשטעלן, ווייל די שליטה איבער אים האָט דער „רויטער גייסט" אויפן גרויסן לייוונט...

אַ פּחדימדיקער געדאַנק גיט אַ בליץ אין לאַריס מוח: וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען? אויב שוין אַצינד, ווען „זי" איז נאָך נישט אין גאַנצן באַשאַפן געוואָרן — ס'פעלן איר נאָך די האָר אויפן קאָפּ און די אויגן — געוועלטיקט זי שוין איבער אים, טאָ וואָס וועט נאָך זיין, ווען זי וועט אין גאַנצן באַשאַפן ווערן?

לאַרי נעמט שפּרייזן איבער דער אַטעליע און קומט צום אויספיר, אַז צום באַשאַף איז נאָך זייער ווייט. מיטן „רויטן גייסט" געשעט דאָס פאַר־קערטע, ווי מיט אַלע זיינע בילדער — וואָס מער ער אַרבעט אַריין, אַלץ מער רוי ווערט דאָס בילד און ס'איז שווערער עס צו ענדיקן. און אפשר — האָט ער זיך באַקלערט — וועט ער עס שוין קיין מאָל נישט אויספאַרטיקן?

זיינע טריט ווערן פלינקער און די געדאַנקען — אימפּולסיווער. איי־גנטלעך — האָט ער געטראַכט — איז אַלץ, וואָס ער האָט דורך דער צייט געמאָלן, געווען נישט מער, ווי אַ זייטיקער טריט פון וועג אַראָפּ. דער ברייט געפלאַסטערטער וועג, דער היימישער שליאַך זיינער, איז דאָך „דער רויטער גייסט".

אין דרויסן איז נאָך געווען גענוג ליכטיק, אָבער אין דער אַטעליע האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. ער האָט געוואָלט צוגיין אָנצינדן ליכט, אָבער אין מיטן וועג איז ער געוואָרן פאַרבליפט.

— און מיט זאַפיען איז דען אַנדערש?... אַלץ וואָס ער האָט אין זיין לעבן געגאָסן פון ליבע, איז דאָך נישט מער ווי אַ נאַריש קינדער־געפיל.

ערשט איצט האָט ער דערוואַכט. ביי איר, ביי זאָפּיען איז ער שטיין געבליבן...

ער האָט שוין דאָס ליכט נישט אָנגעצונדן און איז געבליבן זיצן אין אַ ווינקל. די גרויסע לייוונט איז געשטאַנען אָפן און בלוטרויט געגליט זיינע אויגן, און איצט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ס'קומט פאַר אַ קאַמף צווישן דער לעבעדיקער זאָפּיע און דעם „רויטן גייסט" אויף דער לייוונט. דער קאַמף איז אַ גלייכער, קיין זיגער איז נישטאָ, אָבער ביידע האַלטן זיי אים אין די הענט. טייל מאָל טראַכט ער, אַז צוליב דער לעבעדיקער זאָפּיע איז כדאי זיך אָפּצוזאָגן פון „רויטן גייסט", און טייל מאָל שלעפּט אים דער „רויטער גייסט" אַוועק פון דער רייצנדיקער פרוי.

אויפן שמאָלן הייפל האָבן זיך דערהערט טריט. ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, אַריבערגעוואָרפן דעם ווייסן ליילעך איבערן בילד און געלאָפן עפענען.

אין דער טיר איז געשטאַנען זאָפּיאַ. פאַר גרויס איבערראַשונג האָט ער זיך אַ ביסל פאַרלוירן, אָבער די פרוי האָט אים דערלאַנגט איר קליינע האַנט און געפרעגט:

— שטער איך נישט, מסיע?

— אָבער! וואָס רעדט איר?...

— כ'בין געקומען אַ בליק טאָן, וואָס עס הערט זיך ביי אייך — האָט זי פּאַמעלעך אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ און אים דערלאַנגט. איר האָט געוויס פאַרגעסן, אַז היינט איז מיטוואָך, און איך נודע זיך אַ גאַנצן טאָג אין דער היים...

אַ קינדערישע רויטקייט האָט באַדעקט לאַריס פּנים. ער איז נישט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ געשעעניש, אויפצונעמען זאָפּיען אין זיין פאַרוואָרלאָזטער אַטעליע, אָבער איר גוטער הומאָר און לאַכעדיק פּנים האָט אים אויפגעמונטערט. ער האָט זי לייכט אַרומגענומען און געקושט.

— ריכטיק — איז ער ערשט אַצינד געקומען צו זיך — דער פּראָפעסאָר אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז יעדן מיטוואָך בלייבט ער אַ גאַנצן טאָג אין די לאַבאָראַטאָריעס.

ער האָט דערזען, אַז אויפן גרונט פון זיין טריבער אַטעליע זעט זי אויס שענער, ווי אין איר רייכן סאַלאָן. אירע בלאָנדע האָר האָבן געפאַל־

דעוועט איבערן דינעם נאַקן. פון ווייסן פּנים אַרויס האָבן אירע העל־בלויע אויגן געשפּיגלט אויף יעדן אַנגעוואָרפענעם בילד און אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקעלע פון זיין מאָנאַטאָניקן אַרבעטס־צימער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. דאָס ערשטע וואָס לאַרי האָט באַמערקט, איז געווען, אַז די רויטע פאַרב, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אויפן פּאַפּיראָסן־מונדשטיק, איז אין גאַנצן ענלעך צו דער פאַרב פון „רויטן גייסט". זאָפיע האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרצויגן מיטן סי־גאַרעט, ערשט דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן:

— כ'האָב פאַרטראַכט אַ פּלאַן און כ'בין געקומען אים דיר אַנטדעקן.

לאַרי האָט צוריקבאַקומען זיין הומאָר און זיך אָפּגערופן:

— אויב ס'איז נאָר נישט קיין אַטענטאַט אויף מיר, וועל איך אים אויפמערקזאַם אויסהערן.

זאָפיע איז אָבער געוואָרן ערנסטער; דער פרייַלעכער שמייכל איז אַנטלאָפן פון איר פּנים.

— קיין אַטענטאַט אויף דיין לעבן איז עס טאַקע נישט, אָבער אויף דיין שטילקייט איז עס אַ ריכטיקער אַטענטאַט!

— וואָס מיינסטו דערמיט?

זי האָט האַסטיק אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס און צוגעשטעלט די ליפּן נאָענט צו זיין פּנים.

— כ'וויל, דו זאָלסט באַרימט ווערן!...

לאַרי איז געווירט געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז דאָס מיינט זי אויפריכטיק. ער האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווי צו זיך געזאָגט:

— ווי אַזוי ווילסטו עס מאַכן?

— כ'האָב דערוועגן גערעדט מיטן פּראָפעסאָר און ער האָט מיר צוגעזאָגט זיין פולע אונטערשטיצונג. כאָטש ער איז אַ פיזיקער, האָט ער אָבער אַ סך סענטימענטן פאַר מאָלער־קינסטלער. היינט האָט ער מיר געקלונגען, אַז ער האָט באַשטעלט אַ קונסט־קריטיקער און אַ באַרימטן זשורנאַליסט צו מאַכן אַ באַזוך אין דיין אַטעליע.

— איך דאַנק דיר, זאָפיע, אָבער נישט דאָס איז מיין ציל. מיין גאַנג איז גאָר אַ פאַרקערטער — שאַפן אין דער שטיל.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר צו דעם אויך צוהעלפן. איך בין גרייט צו ווערן דיין מאַדעלקע, אויב דו האָסט נישט קיין אַנדערע...

לאַרי האָט אויפגעציטערט און גענומען שטאַמלען:

— איז עס מעגלעך? דו ביסט דאָך אַ פאַרהייראַטע פרוי...

— אָט דאָס איז דער סוד, וואָס כ'וויל דיר היינט אַנטפּלעקן. מיר קענען זיך שוין צוויי יאָר צייט, און דו ווייסט נישט, אַז כ'בין דעם פּראָפעסאָרס אַ פריינדין, אָבער נישט זיין ווייב. איך וואָלט קיין מאָל נישט מסכים געווען צו ווערן זיין פאַרהייראַטע פרוי, און ער ווידער, וואָלט זיכער זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון זיינע קאָנסערוואַטיווע פאָראורטיילן, מיך צו פירן צום גלחס אָלטאַר... האָלט איך זיך אַזוי ביי אים און מיר זענען אַ פּאָרל אויף אַזוי לאַנג, ווי יעדער פון אונדז ווייזט נישט אַרויס קיין חרטה אויפן שידוך... אָבער זאָגן מוז איך דיר, אַז איך האָלט זיך ביי אים צוליב זיין סאַלאָן, אין וועלכן ס'קומען זיך צונויף וויסנשאַפטלער און קינסטלער — אַזוי ווי ער האָט דיך אַריינגעפירט — און נישט צוליב זיין שלאָפצימער...

לאַרי איז נשתומם געוואָרן:

— אַזוי גאָר?

זי האָט גענומען זוכן איר הוט און אים געפונען אין אַ ווינקל.

— איך אייל זיך זייער. דו האָסט געוויס צייט מיך צו באַגלייטן!

און איידער ער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און אַרויס פון שמאָלן הייפל.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז לאַרי אַרומגעגאַנגען אַ דענערווירטער. דער אַנגעזאָגטער וויזיט פון קונסטקריטיקער און פון באַרימטן זשורנאַליסט, וואָס זאָפיאַ האָט אַראַנזשירט, איז געווען דערווידער זיין קינסטלערישער טבע. ער האָט אָבער ביי זיך נישט געקענט פועלן זי צו פאַרשעמען און נישט אויפנעמען די געסט. ער איז געווען פאַרבליפט פון איר איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צו אים — „צו געפינען אַזאַ געטריישאַפט אין פּאַריז, איז דאָך עפּעס נישט פון די קליינע זאַכן". ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון הויז און געוואַרט אויף די געסט. ענדלעך האָט ער זיי דערזען דורכן פענצטער.

ער האָט אַלע געקענט, אויסער איינעם, וואָס איז מיט זיי מיטגעקומען. צו ערשט איז אַריינגעקומען דער פּראָפעסאָר מיט זאָפיען. דערנאָך זענען אַנגעקומען דער קונסטקריטיקער מיטן באַרימטן זשורנאַליסט און צו לעצט — דער פרעמדער.

דער פּראָפעסאָר האָט דעם מאָלער נישט געלאָזט וואַרטן און גלייך פאָרגעשטעלט דעם פרעמדן:

— דאָס איז דער רעזשיסאָר פּאָפּילאָ, אַ גאַסט אין פּאַריז.

דער מאָלער האָט געעפנט אַ זייטיקע טיר און אַלעמען אַריינגעפירט אין אַן ענגן צימערל. אין מיטן צימער איז צווישן אַלטמאָדישע שווערע שענק און קאָמאָדעס געשטאַנען אַ קיילעכדיקער דעמבענער טיש, און ווען אַלע האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט, איז מער נישט געווען קיין פּלאַץ זיך אויסצודרייען.

— איך זוך אַ וווינונג פון אַ פיר, פינף צימערן — האָט לאַרי זיך ווי פאַרענטפערט פאַר די געסט — כ׳בין אָבער אַזוי פאַרנומען, אַז כ׳קאָן קיין וויכטיקן שריט נישט מאַכן.

אין מיטן פון זיינע רייד האָט זיך פון אונטער אַ ווענטל באַוויזן אַן אַלטיטשקע.

— דאָס איז מיין מאַמע — האָט דער מאָלער זי פאָרגעשטעלט פאַר די געסט.

אַלעמענס פּנימער זענען געווען אָנגעכמאַרעט מיט ערנסטקייט, נאָר דער פּראָפעסאָר איז געווען גוט געשטימט און געשפּרודלט מיט הומאָר.

אויפן ערשטן בליק האָט ער אויסגעזען אַ דאַרינקער אַלטיטשקער מיט אַ צעפּלאָדערטן קאָפּ געקרייזלטע זילבערהאָר, וואָס האָבן אַנגעגריט זיין נאַקן. דאַר, ממש הויט און ביין. דאָס רעקל האָט פון אים אַראָפּגעהאָנגען, און דאָס וועסטל האָט זיך געבעטן, מ׳זאָל עס אויסבעטן מיט וואַטע, ס׳זאָל זיך לייטיש האַלטן אויף זיינע איינגעפאַלענע ברוסטן. אָבער אַז ער האָט גענומען רעדן, האָבן זיינע אויגן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פייערל און אַלץ אין אים האָט אויפגעלעבט, די בלאַסקייט איז פאַרשוווּנדן. זיין פּנים איז העל געוואָרן און זיך גענומען רויטלען.

— אויב מיר האָבן געשטערט, נעם איך דאָס אויף מיר — הייבט אָן דער פּראָפעסאָר — מיר האָט זיך פּשוט פאַרבענקט אייך צו זען, זענען

וואָס איר האָט דורך דער צייט געשאַפן, און אַז מיר פאַרבענקט זיך נאָך עפּעס, מוז איך דאָס דערגרייכן — אַקצענטירט ער שאַרף, ווי ער וואָלט וועלן אַ שטיף טאָן מיט זיין בלאָנדער געליבטער.

די יונגע פראַנצויזין האָט אויפן פּראָפעסאָרס רייד רעאַגירט מיט אַ ג׳טדערצויגענעם שמייכל.

זאָפיאַ איז נאָך גאָר יונג. אַקעגן דעם פּראָפעסאָר איז זי שוין אַ ביסל צו יונג און אין גאַנצן נישט פון זיין דור, אָבער דאָ, אין דער געזעלשאַפט האָט זי זיך גוט אַריינגעפּאַסט. איר פריש פּנים און העלבלאָנדע האָר האָבן באַלעבט דאָס טונקעלע שווערמעבלירטע צימער, ווי זי וואָלט מיט זיך אַריינגעבראַנגט אַ פרישע מעבל־דעקאָראַציע. זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל, און דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ טיפן אַלטאויסגעזעסענעם פאָטעל.

— מיר אַלע ליגן אין זיינע הענט — רופט זיך אָפּ לאַרי צום פרעמדן גאַסט.

— אַ מעדיצינער? — פרעגט דער רעזשיסאָר.

— ניין! — אַן אַטאָם־פיזיקער — בעסערט אויס דער קונסט־קריטיקער.

— פאַר אים, פאַרן פּראָפעסאָר, דאַרפט איר נישט מורא האָבן — כאַפּט אונטער די בלאָנדע דאַמע — ער זעט נישט אויס ווי קיין גזלן, און אויב ער פאַרנעמט זיך מיט אַטאָם־ענערגיע, איז עס נאָר פאַר שלום־צוועקן!

— יאָ, מיין טייערע דאַמע — זאָגט דער קונסטקריטיקער — מיר נעמען אָן אייערע רייד פאַר ריכטיקע. מיר צווייפלען נישט אינעם פּראָ־פעסאָרס גוטע כוונות. אָבער וואָס וועט זיין, ווען זיינע תּלמידים וועלן פון אים אַוועקגיין, און ער וועט בלייבן שטיין ווי אַ הון אויף דער יבשה, ווען אירע קאַטשקעלעך זענען אַרויף אויפן וואַסער?...

דעם קונסטקריטיקערס פאַרגלייך איז געווען אַ ביסל צו הארב. זאָפיאַ האָט פאַרצויגן מיטן דינעם נעזל, ווי זי וואָלט דערשפּירט אַ טוכלען ריח. אויך דעם פּראָפעסאָר גוטווירט האָט דער פאַרגלייך נישט געשמעקט. בכלל האָט ער נישט ליב געהאַט, אַז אַ געשפּרעך זאָל זיך דרייען אַרום זיין

פּראָפעסיע. האָט ער האַסטיק אַ קאָלער געטאָן דעם באַלעם פון זיך צום קונסטקריטיקער.

— איר, מסיע פּיאובערט, זענט שוין געוויס נישט אַזאַ בעל־רחמים אויף קינסטלער. איר רייסט דאָך פון זיי ממש שטיקער.

ביים קונסטקריטיקער, וואָס איז פון דער נאַטור אַ באַריידעוודיקער, האָבן גענומען לויפן די אויגן.

— איר אַלע רעדט אַזוי פריי וועגן קונסט, ווי דאָס וואָלט זיין אַ ספּאָרטבאַריכט מיט פעסטגעשטעלטע ליגע־טאַבעלעס. פאַר מיר, אָבער, איז נאָך קונסט אַ גרויס געהיימעניש.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — פרעגט דער זשורנאַליסט ראָלטיער.

מסיע פּיאובערט, ווייזט אויס, האָט נאָר געוואַרט אויף אַן ארויסרוף. ער האָט אַראָפּגענומען די שווערע ברילן פון דער סענקעוואַטער נאָז, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן טיש, ווי ער וואָלט וועלן אַ פיר טאָן איבער קלאָווישן און שטיל אָנגעהויבן:

— אַפילו ווען מ'זאָל צוזאַמענעמען אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן קונסט, וועט מען דערפון נישט קענען אַרויסבאַקומען אַ דעפיניציע צו דער דערקענטעניש פון קונסט און קינסטלער, אָדער מיט פשוטע ווערטער: וואָס אַזוינס איז קונסט און ווי אַזוי דערקענט מען דעם אמתן קינסטלער?

ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, ווי ער וואָלט בכיוון געוואָלט מאַכן אַן איבערייס און באַלד ממשיך געווען:

— אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס דער צוגאַנג צו קונסט איז אַ פאַרשי־דנאַרטיקער און דער „סוד" פון איר דערקענטעניש איז נאָך ביז היינט, איינגטלעך, נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן — דאָס איז שוין מבשר די גרויסע חשיבות פון אמתער קונסט אין אונדזער לעבן.

— טאָ וואָס איז לויט אייער מיינונג קונסט? — פרעגט דער רע־זשיסאָר — פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן אַצינד וועגן מאָלעריי.

דער קונסטקריטיקער האָט אונטערגעלענט מיט איין האַנט דעם קאָפּ, אַ ביסל צו לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיין ענטפער, דערנאָך האָט ער גערעדט זיכער און פליסיק:

— אַ מאָלער־קינסטלער מוז קודם כל זיין אַ בעל־נשמות. אין יעדן קינסטלערישן בילד מוז זיין אַריינגעהויכט אַ נשמה. מעג אַ מאָלער מאָלן ווי שיין און גוט, מעג ער צעשפּרייטן זיינע ברייטע לייוונטער מיט מאָטיוון און קאָלאָריטן — וועט עס גאָרנישט זאָגן, אויב ס׳פעלט דער רוח־החיים — אַ נשמה. ס׳קאָן זיין אַ זינגענדיקע נשמה און ס׳מעג זיין אַ דרימלדיקע, אָבער נשמה איז אַן אינטעגראַלער טייל פון באַשאַף. אָבער נאָך נישט אַלץ איז בלויז נשמה; צו נשמה מוז זיין צוגעטשעפּעט אַ גוף. אַנדערש גייט עס נישט... דאָ קומט דער קינסטלער און שאַפט דאָס בילד (גוף) דורך מחשבה און טעכנישע מאַניפּולאַציעס, מיט וועלכע ער דיספּאָנירט.

— און ווי אַזוי דערקענט איר דעם קינסטלער? — פרעגט דער פּראָפעסאָר.

— טרעפט איר אָן אויף אַן אמתן קינסטלער — רעדט מסיע פּיאָר־בערט שוין מער וואַרעם — דערפילט איר באַלד, אַז קונסט מיינט באַשאַף. מיר קומט טאַקע אָפט מאָל אויפן געדאַנק, אַז גאָט בלייבט דערפאַר אייביק, ווייל ער האָט געשאַפן. ס׳איז פאַר מיר קלאָר, אַז דער לעצטער פון באַשאַף — „בצלם אלהים ברא אותו״, מיינט, אַז דער קינסטלער איז ממשיך דעם פּראָצעס פון יצירה.

דער פּראָפעסאָר און דער רעזשיסאָר האָבן זיך קוים דערוואָרט מסיע פּיאָבערט זאָל ענדיקן, און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן אַ הייסן וויכוח.

צום טיש איז צוגעקומען די אַלטיטשקע און אָוועקגעשטעלט כיבוד, אָבער די געסט זענען געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער דיסקוסיע, אַז קיינער האָט צו לאַריס מוטער אַפילו קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. נאָר דער מאָלער איז געזעסן פאַרטראַכט און ער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, ווי די טעמע וואָלט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט אים. פון דער גאַנצער דיסקוסיע, וואָס פירט זיך שוין אַ דריי פערטל שעה האָט ער כמעט גאָרנישט געהערט. זיין בליק איז געווען אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זאָפיען. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ווי די גאַנצע שטוב איז פול מיט דער בלאָנדער פרוי. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און צוריק אַנטלאָפן, ווי אַ זון־און־שאָטן־שפּיל. וואָס זיין געהער האָט יאָ אויפגעכאַפּט, איז געווען דאָס וואָרט — נשמה. „אין יעדן קונסט־בילד מוז זיין אַ נשמה״ — האָט זיך געקאָלערט ביי אים אין געדאַנק.

— נו, אַצינד וועט איר אונדז מהנה זיין מיט אַ בליק־טאָן אויף אייערע ווערק — רייסט איבער דער פּראָפעסאָר די דיסקוסיע, ווענדנדיק זיך צום מאָלער.

אַזוי איז געווען אָפּגערעדט צווישן פּראָפעסאָר און זאַפּיען.

— אַוודאי, אַוודאי! — האָט זיך לאַרי געכאַפּט — גאָר פאַרגעסן!

די אַלטע מוטער האָט צוגעגעבן:

— אַ טראַדיציאָנעלער מינהג ביי אונדז אין הויז, מכבד צו זיין געסט מיט אַ באַזוך אין לאַריס אַטעליע.

די רייד פון לאַריס מוטער זענען פּאַר זאַפּיען געקומען אומגעריכט. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די אַלטיטשקע האָט ביליק געמאַכט דעם גאַנצן ענין.

די אַטעליע האָט זיך געפונען אין אַ צימער, וואָס איז געווען געבויט הויך, נאָר שמאָל, ווי אַ קאַסטן, און אומהיימלעך. פון אַ גרויס פענצטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון הינטער דער סטעליע, איז אַריינגעקומען דאָס ליכט, ווי פון הינטער אַ שווערן וואָלקן, און האָט באַלויכטן די אָנגע־וואָרפענע פאַרשטויבטע בילדער און ראַמען, מיט וועלכע די אַטעליע איז געווען אָנגעפּראָפּט. דער מאָלער האָט די געסט אויסגעזעצט אויף בענקלעך אין איין ריי, ווי ס׳וואָלט געווען די ערשטע שורה פאַר אַ פאַרהאַנג, וואָס וועט זיך באַלד אויפהייבן צו לאָזן זען אַ ספּעקטאַקל. ער אַליין האָט זיך געשטעלט פאָרויס און נאָך דעם, ווי ער האָט צוגעשטעלט אַ סטאָלוגע, האָט ער גענומען אויסשטעלן.

צו ערשט האָט ער געוויזן די בילדער פון אַ מאָל. דער „פון אַ מאָל" האָט ביי אים געהייסן נאָך פאַר דעם, ווען ער איז געקומען קיין פאַריז. ער האָט געוויזן רעאַליסטישע בילדער, איילפּאָרטרעטן, פּייזאַזשן און קאָמפּאָ־זיציעס. דערנאָך זענען געקומען אַ ריי בילדער פון דער איבערגאַנגס־צייט, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי נייע אימיגראַנטן, וועמענס שפּראַך גרילצט נאָך אין די אויערן. אַצינד האָט ער פון אַ ווינקל געבראַכט עטלעכע קו־ביסטישע בילדער, און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַבסטראַקטע בילדער.

לאַרי האָט זיך באַמיט זיינע שאַפונגען אַ ביסל אויסצוטייטשן, אָבער אין האַרצן האָט ער געפילט, אַז נאָר זיינע ליפּן רעדן, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן ביז איצט, גייט אים ווייניק אָן. דער עיקר איז „דער רויטער גייסט", וואָס וועט קיין מאָל נישט פאַרטיק ווערן.

זאָפיאַ האָט אויף די אויסגעשטעלטע בילדער בלויז אַ בליק געטאָן. אירע אויגן זענען געווען וואַך אויף יעדן אויסדרוק, וואָס באַווייזט זיך אויף די פּנימער פונעם קונסטקריטיקער און פון מסיע ראַלטיער. קיין גוטס האָט זי פון זייערע פּנימער נישט אַראָפּגעלייענט. דערפאַר האָט זי זיך אַרומגע־קוקט: אפשר וועט זי דערזען אַ בילד, וואָס וועט אויף די געסט מאַכן אַן איינדרוק.

— מעג מען פרעגן, וואָס ס׳געפינט זיך הינטער דעם גרויען ליילעך? — האָט זי זיך דירעקט געווענדט צום מאָלער.

לאַרי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— דאָס איז נאָך נישט פאַרטיק — האָט ער דאָס בילד פאַרשטעלט פאַר זאָפיעס אויגן.

— און פאַר וואָס איז עס פאַרדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך?

לאַרי האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און נישט געלאָזט די בלאָנדע דאַמע אַן אַן ענטפער.

— ווייל... ווייל, אויב ס׳איז אָפן, לאָזט עס מיך נישט צו רו.

— אינטערעסאַנט — מישט זיך אַריין דער זשורנאַליסט — אַ בילד שרעקט דעם מייסטער, וואָס האָט עס געשאַפן?...

— ממש, ס׳איז מיר אוממעגלעך צו נעמען דעם פּינדזל אין האַנט, ווען ס׳שטייט אָפן — באַשטעטיקט דער מאָלער.

— שוין לאַנג?

— שוין יאָרן לאַנג!

— וואָס אַזוינס, יאָרן לאַנג?

— ווי איר הערט עס, פּראָפעסאָר.

דעם פּראָפעסאָרס קליינע אַרבעס־אויגן האָבן גענומען אומרויִק לויפן. די געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט און געווען גרייט צו גיין, נאָר זאָפיע האָט זיך נישט געאיילט. זי איז נישט געווען צופרידן פון דער גאַנצער אויסשטעלונג, און נישט ווילנדיק, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט.

— וואָס זאָגט איר דערצו?

— פון די קוביסטישע און אַבסטראַקטע בילדער איז כדאי צו מאַכן אַן אויסשטעלונג — באַמערקט דער קונסטקריטיקער.

— איך האָף, אַז ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט — זאָגט לאַרי העפּלעך.

די דיסקוסיע וועגן מאָלער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גאַס. מסיע פּאַפּילאָ און דער זשורנאַליסט זענען געווען אַנטציקט פון לאַריס קונסט, נאָר מסיע פּיאובערט, דער קונסטקריטיקער האָט געהאַט זיינע באַוואָרנישן:

— אַלץ, וואָס ער האָט געוויזן, זעט מיר אויס, ווי אַ צופעליקייט אין זיין שאַפן. אָן צווייפל, האָבן מיר פאַר זיך אַ טאַלאַנט מיט פּאַרטיפונג און גרויסע פעיִקייטן. די צרה איז אָבער, וואָס ער צעברעקלט זיך...

זאָפיען האָבן די רייד געקרענקט. זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, זאָגן, אַז אַן אמתער טאַלאַנט קאָן זיך נישט איינצוימען און בלייבן פאַרגליווערט אין איין פאָרעם פון קונסטאויסדרוק, אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי וואָלט דערמיט באַגאַנגען אַ נאַרישקייט. ערשטנס, וועט זיך אַ פּראָפעסיאָנעלער קונסטקריטיקער נישט רעכענען מיט אירע מיינונגען וועגן קונסט. און צווייטנס, וואָלט זי זיך אַליין פאַרראַטן און עפנטלעך געוואָרפן אויף זיך אַ חשד... זי האָט דעריבער געשטעלט די פראַגע, וואָס איז איר אָנגעגאַנגען:

— און וואָס, מיינע הערן, מיינט איר, קאָן דאָרט זיין הינטערן ווייסן ליילעך?

— אַפילו ווען מיר זאָלן שוין אָננעמען, אַז דאָרט איז שוין יאָ דאָ אַ גרויס בילד, נו, וועט עס קענען דעקן דעם גאַנצן טיראַזש פון קינסטלער? — זאָגט דער פּראָפעסאָר.

מסיע פּיאובערט האָט נישט איינגעשטימט.

— מיט איין גרויס קונסטווערק קאָן אַ מאָלער צו אונדז מער רעדן און אונדז מער באַווירקן, ווי מיט אַ גאַנץ לעבן געמאָלטע דראַבנע זאַכן, פון אַ מיטלמעסיקן שניט.

אַלע זענען שטיל געבליבן. זאָפיען איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער אויפן האַרצן. אפשר — האָט זי געטראַכט — פאַרמאָגט ער ווירקלעך אַ גרויס ווערק הינטערן ווייסן ליילעך. זי האָט אָבער מיט קיין וואָרט זיך נישט אָנגערופן, און געוואַרט, אַז דער קונסטקריטיקער זאָל נאָך זאָגן אויף לאַרין אַ פּאָר גוטע ווערטער.

— איך דערוואַרט נישט — האָט מסיע פּיאובערט ממשיך געווען — אַז אַ גוט בילד זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מיין געשמאַק, ווי איך וואָלט עס באַשטעלט ביים מאָלער. איך וויל אָבער אין אַ קונסטבילד זען דעם אויסדרוק פון זיין פרייער פאַנטאַזיע. אָפט מאָל רעדט צו מיר דאָס דינאַמישע, וואָס קומט פון קינסטלערס נשמה. דעם אמתן פאַרגעניגן פאַרשאַפן מיר, אָבער, קינסטלערישע ווערק, וואָס זענען אינטערנאַציאָנאַל און גלייכצייטיק — פּאַטערלאַנדלאָז.

ס׳איז גראָד אונטערגעקומען אַ טעקסי. זיי האָבן זיך אַלע אַריינגע־קוועטשט אינעווייניק, און צוליב דער ענגשאַפט און דאָס וואַרפן פון די רעדער אויף די ברוקירטע שטיינער, האָבן זיי די דיסקוסיע נישט באַנייט.

אויף צו מאָרגנס איז דער טאָג געווען אַ מילדער. אַ לאַכעדיקע זון האָט זיך אַריינגעריסן אין די פּאַריזער שמאָלע געסלעך און געצערטלט די אָפּגעריבענע מויערן. די ברייטע בולוואַרן זענען געווען פול מיט מענטשן און לאַרי האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם. ער האָט זיך געפילט פריש, און געוועקט פון אַ געפיל עפּעס צו געפינען, איז ער געגאַנגען מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ און געקוקט די פאַרבייגייער אין די אויגן. אָבער די אַלע אויגן, וואָס ער האָט געזען, זענען אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. לאַרי האָט געזען העל־בלויע אויגן ווי ביי זאַפּיען. אַנדערע ווידער, לאַנגגעשניטענע, טיפע און פאַרחלומטע. אויגן קיילעכדיקע, ווי האַרטע אַרבעס. אַ סך שיינע פרויען זענען אים איילנדיק אַקעגנגעקומען. אָבער ווען ער האָט אַ בליק געטאָן אין זייערע אויגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זענען קאַלטע רעגן־טראָפּנס, וואָס פאַלן פון הינטער אַ שוואַרצן וואָלקן. אַזוי איז ער געגאַנגען איבער אַ סך גאַסן, געשפּיזט מיט זיין בליק, ווי אַ געהיים־אַגענט, וואָס איז מיט אַ פאָטאָגראַפיע אין טאַש אַרויס אין גאַס זוכן אַ פאַרדעכטיקן. ביי אַ ווינקל פון אַ שטאַרק באַוועגלעכן סקווער, ווו דער געדרענג פּרעסט צונויף די פאַרבייגייער, האָט ער דערזען זייער אַן אינטערעסאַנט פּנים. אָבער ווי נאָר יענע האָט דערפילט דעם מאָלערס בליק, האָט זי האַסטיק אַ דריי־אַוועק געגעבן איר קאָפּ און אַריין אין אַ זייטיק געסל. ערשט אַצינד איז לאַרין איינגעפאַלן, אַז ער פירט זיך שלעכט אויף און באַאומרויִקט מענטשן מיט זיין בליק.

דער לעצטער פון באַשאַף

— ווי קומען אויגן פון מענטשן צו אַ גייסט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

נאָענט צום פּלאַץ רעפּובליק האָט ער דערזען, ווי אַ געזעמל מענטשן שטייען אַריבערגעבויגן און קוקן אויפן ברוק. לאַרי איז נענטער צוגעגאַנגען. אויפן טראָטואַר זענען געזעסן קניִענדיק צוויי יונגע מענטשן, אַ בחור און אַ מיידל, און מיט וואַסערפאַרבן געמאָלן אויף די שטיינער. זיי האָבן געהאַלטן אין מיטן פון צוויי גרויסע בילדער. דער בחור האָט געמאָלן זאָלאָס פּאָרטרעט, און דאָס מיידל — אַן אַקט. לויט די שטריכן פון זייערע פּינדזלעס האָט מען געקענט זעען, אַז זיי זענען ביידע באַגאַבטע מאָלער, אָבער זייער אויסערלעכער אויסזען איז געווען זייער אָפּגעלאָזן. דעם מיידלס פּנים האָט לאַרי נישט געזען. זי איז געווען האַלב אויסגעצויגן און אַריבערגעבויגן צו די שטיינער. אירע לאַנגע האָר זענען געווען צעפלאָסן, אַריבערגעוואָרפן איבערן שטערן און האָבן אָנגערירט דעם ברוק. זי האָט צוזאַמענגעבראַנגט צוויי נאַקעטע קערפּערס אין אַן אַקט. ביי יעדן שטריך פון איר פּינדזל האָט דער עולם געגאַפט. ביי יונגע מענטשן האָבן אויגן זיך געצונדן מיט לעבעדיקע פייערלעך. דאָס טאָוולענע שאַכטל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, האָט זיך וואָס אַ מאָל מער אָנגעפילט מיט מטבעות און פּאַפּירענע פראַנקן. לאַרי האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, אָבער די אויגן פון מיידל האָט ער בשום אופן נישט געקענט דערזען. די גאַנצע סצענע פון מאָלן אויפן ברוק איז אים וויניק־וואָס אָנגעגאַנגען. דאָס איז נישט קיין נייעס אין פּאַריז. סטודענטן, וואָס זענען הונגעריק, גייען אַרויס אין גאַס און מאָלן אויף די טראָטואַרן. ביי אַזעלכע פאַרשטעלונגען האָט ער זיך אַפילו קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט. דאָ אָבער איז ער געוואָרן צוגעשמידט. דאָס קניִענדיקע מיידל מיטן דעקטוך פון אירע אייגענע צעפלאָשעטע האָר, האָט אים אַ וויִז געטאָן אַ נייעם נוסך פאַר זיין בילד. אויגן זעט מען נישט — האָט ער געטראַכט — און דאָך מאָלט זי... אויף די טראָטואַר־שטיינער ברייטערט זיך דער פאַרנעם פון אירע וואַסער־פאַרבן. נאַקעטע קערפּער־שטיקער קוקן אַרויס פון אירע פאַרדעקטע האָר. און אפשר דאַרף עס טאַקע אַזוי זיין? — לויפט ביי אים אַדורך אַ געדאַנק — אַ גייסט אָן אויגן.

דעם טאָג האָט לאַרי נישט געאײַלט צוריקצוגיין אין שטוב אַריין.

ער איז געגאַנגען פֿון איין קאַפּעהויז צום צווייטן, אָבער אין ערגעץ נישט געקענט איינזיצן. דערנאָך האָט ער גענומען אַראָפּגיין אין דער מעטראָ. אַריינקומענדיק טיף אין טונעל, האָט אים באַהערשט אַ מאָדנער געפיל. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי „דער רויטער גייסט" שפּאַנט וואָס אַ מאָל טיפער אינעם בויך פֿון דער ערד. די מעטראָ איז שטילער ווי אַלע מאָל. אירע גומענע רעדער מאַכן דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט אַ מישנע אויסגעטאָן די אייזערנע שיך, וועלנדיק נאָכלויפֿן באָרוועס דעם „רויטן גייסט".

ווען ער איז אַרויסגעקומען אין גאַס אַריין, האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך נאָענט פֿון פּראָפֿעסאָר גוטווירטס הויז. ס׳האָט אים געצויגן צו זאָפֿיען. אפשר צוואַנציק מאָל איז ער פֿאַרבייגעגאַנגען אירע פֿענצטער און האָט געזען, ווי אין סאַלאָן לייכט אַ שוואַך ליכט, אָבער ער האָט בשום אופֿן נישט געקענט ביי זיך פּועלן אָנצוקלינגען אין איר טיר.

ערשט שפּעט ביי נאַכט האָט לאַרי ווידער געעפֿנט דאָס הילצערנע טירל און איז אַרויף אויף די טרעפּן אין זיין שטום אַריין.

איידער ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט ער באַמערקט, ווי אויפֿן קליינעם טישל, וואָס האָט געדינט, ווי אַ בעט־שענקעלע און עסטישל, האָט זיין אַלטע מוטער אָנגעגרייט עפּעס איבערצובייסן. אויף אַ טאַץ זענען געשטאַנען איבערגעדעקט שיסעלעך און גלעזער, אָבער לאַרי האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט. ער איז געווען באַהערשט פֿון אַ שווערן אומרו, געמישט מיט זאָרג, און ער האָט געגאַרט, דער שלאָף זאָל אים פֿאַרהילן.

אָבער דער מאָלער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין שווערן שלאָף און דער מינדסטער שאָרך האָט אים איבערגעוועקט.

ביים ערשטן גערויש איז ער אויפֿגעשפּרונגען און זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט. ער האָט געהערט ווי אונטן אין דער אַטעליע וואַרפֿט מען זיך מיט בענקלעך. עס שלאָגן אָפּ קלעפּ, ווי זיי וואָלטן געפֿאַלן אויף מענטשלעכע קעפּ. ער האָט אַ בליק־געטאָן מיטן נאַכטלעמפּל, געכאַפּט דאָס זייגערל אין האַנט און געזען, אַז דער ציפֿער ווייזט אַ פּאָר מינוט נאָך חצות. לאַרי האָט אויסגעלאָשן די ליכט און אָנגעשפּיזט די אויערן. קיין שום עכאָ פֿון אַ מענטשלעך קול האָט ער נישט געהערט. אָבער אַ גרויסע אַוואַנטורע איז אונטן פֿאָרגעקומען. און אין מיטן פֿון דעם גע־

קלאַפּעריי הערט ער, ווי מ׳וואַרפט זיינע בילדער פון וואַנט צו וואַנט, צי אפשר וואַרפט מען זיי אין גאַנצן אַרויס דורכן פענצטער?

— מאַמע, שטיי אויף! — וועקט ער מיט פּחד די אַלטע — הערסט?... צינד אָן ליכט!

ער האָט גענומען אַ ליכט און איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אָנטרעפן אויף עטלעכע מענטשן, שיכורים אָדער וואַנדאַלן. אָבער קיינער איז דאָרט נישט געווען. ער האָט געזוכט אין די ווינקלען, הינטער די בילדער, אָבער קיין שפור פון אַ מענטשן האָט זיך דאָרטן נישט אָנגעזען. אַלץ איז געשטאַנען אויפן אָרט. בלויז דאָס ווייסע ליילעך פון איבערגעדעקטן בילד — האָט זיך אים אויסגע־וויזן — באַוועגט זיך, ווי אַ ווינטל וואָלט עס געיאָגט פון הינטן.

די אַלטע איז אַראָפּגעקומען, אים נאָכגעקראָכן און באַרויִקט:

— מיין זון, ס׳האָט זיך דיר אויסגעדאַכט. קום צוריק אַרויף!

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפּ. זיי האָבן זיך צוריק אָוועקגעלייגט אויף די געלעגערס. ער — אין אַ ווינקל, און די מוטער — ביים פענצטער. זיי האָבן מער נישט גערעדט צו זיך און אויסגעלאָשן די נאַכטלעמפּלעך.

לאַרי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און אַריינגעטראַכט. וואָס קאָן דאָס זיין? איז שוין די מאַמע טאַקע אַזוי טויב, אַז זי האָט גאָרנישט גע־הערט? אָבער נאָך איידער ער האָט זיך געקענט צו עפּעס דערטראַכטן, האָט זיך דאָס געקלאַפּעריי איבערגעחזרט.

ער האָט געוואָלט אָנצינדן ליכט, נאָר די אַלטע האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אַ פולע לבנה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער סען. אין שטוב האָט מען געקענט זיך באַוועגן אָן אָנגעצונדן ליכט. זי האָט ספּעציעל נישט אָנגעטאָן די שטעקשיך און איז באָרוועס צוגעגאַנגען צו די טרעפּ, וואָס פירן אונטן־אַראָפּ. זי האָט געהאָרכט און געהאָרכט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום זונס בעט און געצויגן מיט די פּלייצעס.

— הערסט נישט, מאַמע? עס טוט זיך דאָך אונטן חושך!

לאַרי איז אויפגעשפּרונגען און אַראָפּ פון בעט, אָבער די אַלטע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— כ'ווייס נישט, פאַר וואָס דו באַאומרויִקסט זיך, מיין קינד?

— ווילסט אפשר מיר איינרעדן? — האָט ער זיך אויפגערעגט — מיינסט אפשר, אַז כ'ליג נאָך ביי דיר אין וויגל?

ער האָט גענומען אַראָפּלויפן פון די טרעפּ, אָבער די אַלטע האָט אַ צינד־אָן געגעבן ליכט און לאַרי איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער אין מיטן דער אַטעליע. ער האָט שוין מער נישט געזוכט אין די ווינקלען. זיין בליק האָט זיך אַצינד אין גאַנצן אַריינגעשניטן אין ליילעך און ער האָט דערזען, ווי דאָס ליילעך פון בילד וואַרפט זיך אַצינד נאָך מער. אין דער רגע איז אים געקומען אויפן געדאַנק דעם קונסטקריטיקערס ווערטער: „אין יעדן בילד מוז זיין אַ נשמה". ער איז מער נישט געווען דערשראָקן. פאַרקערט, ער האָט שלום געמאַכט מיטן גורל, אַז פון דעם בילד מוז ער זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן. ווער ווייסט, ווו ס'וועט אים דערפירן, און סיי ווי וועט ער עס קיין מאָל נישט פאַרענדיקן, ס'פעלט נאָך אַזוי פיל... דאָס בילד — שפּירט ער לאָזט אים גאָרנישט טאָן. אויך דער דלות, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, איז צוליב דעם „רויטן גייסט". צי וואָס זיך אומזיסט מאַטערן? בעסער וועט ער זיך צוריקקערן צו זיינע אַבסטראַקטע געמעלן. דאַ פילט ער זיך פריי, פריי פון יעדער באַגרענעצונג צו געבן מחשבה, אַזוי ווי זי שוועבט אויף, און נישט ווי דאָס אויג טראָגט צו צום שכל... אָ, וויפל צייט ער וועט איינשפּאָרן! איז דען נישט בעסער די צעטרענצלטע צייט צו ווידמען זאָפיען?! ער וואָלט איצט געלאָפן צו איר, ווי דער אַמאָק־לויפער, וואָלט ער געלאָפן, ווען ער זאָל זי נאָר טרעפן אין הויז...

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל! — האָט ער אַזש אויסגעשריגן — און אַ ריס געטאָן דאָס ווייסע ליילעך, אַ כאַפּ געטאָן דעם גראָבן פּינדזל מיט שוואַרצע פאַרב. זיין כוונה איז געווען אַ בייזע — איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון „רויטן גייסט", אָבער אין דער רגע האָט ער דערזען דעם פּראָפעסאָרס ווייב. דער בליק פון אירע גוטמוטיקע אויגן האָבן גע־האַמעוועט זיין אויסגעצויגענער האַנט. אַ וואַרעם געפיל האָט אים אַרומגענומען און אַ ווילן האָט אויפגעטויכט: כאָטש זאָפיען ווייזן דאָס בילד...

באַהערשט פון דעם ווילן איז ער, ווי פאַרגליווערט געוואָרן, און אַזוי

איז ער ביי דער סטאַלוגע געבליבן שטיין אַ שיינע פּאָר שעה. דער שוואַרצער פּינדזל האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט.

ווען ס׳איז טאָג געוואָרן האָט ער דערזען, אַז דאָס בילד איז נאָך אין גאַנצן רוי. — אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט, און נאָך רוי — האָט ער זיך אַליין געחידושט. אַ חוץ דעם האָט ער באַמערקט קליינע פעלערן, וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרטראַגן. ער האָט אָבער צום בילד זיך מער נישט צוגערירט. נאַכלעסיק האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם ווייסן ליילעך, און אַ רעזיגנירטער, אַוועקגעוואָרפן די פּינדזלען פון דער האַנט.

— סיי ווי וועלן היינט ביי נאַכט די רויטע שטיקער לייוונט שווימען אויף דער סצן...

דעם אָוונט, ווען דער פּראָפעסאָר איז אויסגעשטיגן פון דער ענגער טאַקסי און געקומען מיט זיין ווייב אַהיים, האָט ער איר געגעבן איידל אָנצוגעהערן:

— פון דעם מאָלער וועט שוין קיין לייט נישט ווערן. לויט מיין מיינונג וואָלט בעסער געווען די פאַרבעטענע פּרעסע־מענטשן זאָלן אים אין גאַנצן פאַרשווייגן, ווייל אויב זיי וועלן ברענגען עפנטלעך זייערע מיינונגען — וועט לאַרי זיך אין ערגעץ נישט קענען ווייזן. נאָר אַזוי ווי דו ביסט געווען די איניציאַטאָרין פון דעם באַזוך, ווייל איך זיך אין דעם נישט אַריינמישן. כ׳וואָלט אָבער דיר ראָטן, זאָלסט מאָרגן מיטאָג־ציים אָנקלינגען אין רעדאַקציע צו מסיע ראָלטיער און אים געבן אָנ־צוגעהערן, אַז ס׳איז נישט נויטיק, ער זאָל וועגן מאָלער לאַרי עפּעס אָפּדרוקן...

זאָפיע האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַר וואָס די דאָזיקע רייד טאָן איר וויי. אָבער באַלד, ווי זי האָט דאָס געהערט, האָט זי געהאַט אַ ווילן אין מיטן נאַכט פון שטוב צו אַנטלויפן. זי האָט דעם פּראָפעסאָר גאָרנישט געענטפערט און זיך געמאַכט שלעפעריק.

זי האָט איינגענאָרעט דעם קאָפּ אין קישן, אָבער קיין אויג האָט זי נישט געקענט צומאַכן. די נייגעריקייט, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אונטערן ווייסן ליילעך, האָט פון איר פאַרטריבן דעם שלאָף. באַלד האָט דער אַלטער גענומען שנאָרכן, און זי האָט כמעט אויפן קול געטראַכט:

— סוף, סוף, פאַרהוילט ער עפּעס פאַר מיר — האָט זי זיך געוואָרפן אויפן געלעגער — ווען ער וואָלט מיך אויף אַן אמת ליב געהאַט, וואָלט ער מיר נישט אָפּגעזאָגט ברבים צו ווייזן אַ נישט פאַרטיק בילד. לאַריס היינטיקער אויפפיר האָט איר אויך אונטערגעזאָגט, אַז דער מאָלער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. וואָס באַהאַלט ער דאָרטן אויס הינטערן ווייסן ליילעך ?...

פאַר גרויס אויפרעגונג האָט זי אין זיך שטיל געגומען כליפּען. איר איינציקער ווונטש איז געווען: ווען עס געשעט אַצינד אַ נס און ס׳ברעכט אויס אין דעם הויז אַ שריפה און זי קאָן אַרויסשפּרינגען פון שטוב און לויפן גלייך צו לאַרין און... און אַראָפּרייסן דאָס ווייסע ליילעך...

פון דעסטוועגן איז זי אַ גאַנצע נאַכט געבליבן ליגן ביים פּראָפעסאָרס פּלייצעס און זיך נישט גערירט פון אָרט. ערשט ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט זי מיד און זיס איינגעדרימלט.

זי וואָלט אפשר אַריינגעשלאָפן אין טאָג אַריין, וויפל זי איז געווען וואַך ביי נאַכט, ווען נישט דאָס, וואָס דאָס ווייסע ליילעך פון לאַריס אַטעליע האָט זיך איר געהאַלטן אין איין באַמבלען פאַר די אויגן, און צום סוף האָט זי זיך גאָר איבערגעוועקט מיט אַן אַנגסטלעכן געפיל.

דער פּראָפעסאָר איז שוין לאַנג געהאַט אַרויס פון שטוב. ס׳האָט איר אַ הייב געטאָן אויפצושטיין פון בעט, און צו איר גרויס צופרידנקייט, האָט זי זיך באַלד געכאַפּט, אַז דער אויפגעפּראַלטער טאָג, וואָס רייסט זיך אַריין פון דרויסן, הייסט מיטוואָך. זי האָט זיך אַזש צעטאַנצט. אין גרויסן סאַלאָן איז קיינער נישט געווען, נאָר זי איינע האָט אַרומגע־טאַנצט, און ווען זי איז אויסגעקומען קעגן איבער דעם גרויסן שפּיגל, האָט זי דערזען, אַז זי איז נאָך אין גאַנצן נאַקעט. זי האָט אין איילעניש גענומען אויסזוכן אַ העל מאָרגנקלייד. איצט וועט זי לויפן צו לאַרין און אים אָפּן דערציילן וועגן פּראָפעסאָרס עצה טובה.

ווען זי איז אַהינגעקומען, האָט זי אים געטראָפן אויפן הייפל. ער האָט זי אויפגענומען אָן דערשטוינונג, ווי ער וואָלט זי דערוואַרט אָדער זיך געהאַט אָפּגעשמועסט מיט איר דאָ אין דער מאָרגן־שעה צו טרעפן. דאָס האָט זאָפיען זייער שאָקירט און זי האָט נישט געוווסט. ווי אַזוי אָנצוהייבן מיט אים רעדן.

אויך לאַרי איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. באַלד ווי ער האָט זיך מיט איר וואַרעם באַגריסט, האָט ער זיך שוין געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל זי פאַרבעטן אין שטוב אַריין, ווו זיין מוטער געפינט זיך, אָדער זי באַלד אַריינפירן אין דער אַטעליע. די דאָזיקע ראַנגלעניש האָט זיך אָנגעזען אויף זיין פנים. זאָפיען איז אומהיימלעך געוואָרן און זי האָט איבערגעקלערט „אפשר באַלאַסט איך אים מיט מיינע וויזיטן?” אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער זי עלעגאַנט אָנגענומען ביים אָרעם און אַריינגעפירט אין דער אַטעליע.

— ווי איך פריי זיך מיט דיר, זאָפיע! — האָט ער זי פעסט אַרומגענומען — ביסט געקומען אין דער ריכטיקער צייט! פון וואַנען האָסטו געוווסט, אַז איך באַגער דיך אַזוי שטאַרק צו זען?...

זאָפיעס אויגן זענען נאָך אַלץ געווען אָנגעשטעלט קעגן איבער זיינע. זי האָט זיך גוט געפילט אין זיין נאָענטקייט; זי האָט גוט פאַרטראָגן זיין הייסן אָטעם וואָס האָט אָפּגעשלאָגן אויף אירע ליפּן. שוין לאַנג, ווי זי איז נישט געווען אַרומגעקלאַמערט מיט אַזעלכע שטאַרקע הענט.

— דאָס קאָן איך דיר נישט אויסטייטשן, מיין ליבער — האָט זי געגלעט זיין פנים מיט די פינגער פוןביידע הענט — ס׳וועט גענוג זיין, ווען כ׳וועל דיר זאָגן, אַז דאָס איז אַזאַ געפיל, וואָס יעדע גוט־אַנטוויקלטע פרוי ווייסט פון אים. קיין „סוד הינטער אַ ווייסן ליילעך” איז עס געוויס נישט... צי גלייבסטו אָבער אַליין, אַז ס׳איז אַזוי, ווי דו האָסט געזאָגט? אַז אַ פרייד האָט אויפגעבראָכן אין דיר, ווי דו האָסט מיך דערזען?

לאַרי איז געוואָרן אַ ביסל צעמישט. אַ געדאַנק איז אים אַריינגעפלויגן — „אויב אַזוי, האָב איך זי בכלל נישט געקענט”. נישט בלויז, וואָס זי איז אַ רייצנדיקע בלאָנדינקע, נאָר זי איז אויך אַ קלוגע פרוי. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם שמועס.

— פון וואַנען נעמט זיך ביי דיר דער צווייפל?

זאָפיע האָט נישט לאַנג געקלערט.

— ווייל אין דיינע אויגן הענגט אַ שטיק טרויער!

ער האָט לויז געמאַכט די הענט אַרום אירע פּלייצעס און זי געבעטן זיצן אויף אַ פראָסט בענקל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דער אַטעליע. אַליין האָט ער גענומען שפּאַצירן אַרויף און אַראָפּ. זיין פּנים האָט זיך

פאַרכמאַרעט, און די הייטערקייט, וואָס האָט אַ מינוט פריער אויף אים געַרוט, האָט קיין שפור נישט איבערגעלאָזט.

— יאָ זאָפיא, ביסט גערעכט. כ׳וויל אַצינד מאַכן אַ קייזערשניט.

— וואָס אַזוינס?

— כ׳וויל אָנהייבן פון דאָס ניי!

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— ס׳האַנדלט זיך אין מיין וועג אין דער מאַלעריי. וועגן מיינעם אַן עקשנותדיקן פאַרמעסט, וואָס האָט זיך אין גאַנצן איינגעבראָכן. דאָס זענען אָבער זאַכן, וואָס קיין מענטש דאַרף נישט וויסן, און ס׳איז בעסער, ווען מ׳רעדט נישט וועגן זיי.

זאָפיאַ האָט אַ ביסל לענגער געשוויגן, ווי איר טבע איז געווען. זאָל זי אים דערציילן וועגן פראָפעסאָרס עצה־טובה? וואָס וועט ער דערצו זאָגן? פון דער אַנדערער זייט האָט זי געטראַכט — ווי וועט דאָס ווירקן אויף זיין געמיט, ווען נאָך דעם באַזוך פון די פרעסע־מענטשן וועט ער זיין נאָמען אין די צייטונגען נישט זען? ס׳איז איר געווען שווער דאָס אים צו זאָגן, און זי האָט דערוויל דעם שמועס פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג.

— הער זיך איין, לאַרי. ווי לאַנג איך בין ביי דיר אין דער אַטעליע, וואָלט איך נישט וועלן דו זאָלסט זיין פאַרצווייפלט. ווען דיר וועט זיך וועלן אַראָפּרעדן פון האַרצן, קום אַריין צו מיר אין שטוב. אין מיין סאַלאָן וועל איך אפשר קענען אויף דיר מער משפיע זיין צום גוטן. דער־וויל קומט מיר אויס נאָר דיך מקנא צו זיין. צי ס׳איז דיר גוט אויפן געמיט, צי שלעכט — ליגט דאָס לעבן אין דיינע אייגענע הענט. ביי מיר האָט דאָס לעבן נישט געקענט זיין מיין אייגנס. כ׳בין געוואָרן אָפּ־הענגיק פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען איינער פון מיינע באַליבטע לערער אויפן ערשטן סעמעסטער, אָבער איצט דאַכט זיך מיר, אַז ער איז גאָר אַ פרעמדער. נישט איך דערקען זיין קול פון דער קאַטעדרע, און נישט איך געדענק עפּעס פון זיין לערע... פון דעסטוועגן ווין איך מיט אים אונטער איין דאַך. ווייל אַנדערש וואָלט איך זיך אין פּאַריז נישט געקענט האַלטן. און אָפּזאָגן זיך פון פּאַריז, פונעם פּאַריזער לעבן, האָב איך נישט געוואָלט, און וויל עס באַוווסטזיניק אויך ווייטער נישט טאָן.

בעת זי האָט צו אים גערעדט, האָט זי צומאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן אַ בליק צו טאָן וואָס פאַראַ איינדרוק אירע ווערטער מאַכן אויף אים. זי האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין און איר בליק איז געווען איינגענאָרעט אינעם ווייסן ליילעך, וואָס האָט באַדעקט דאָס גרויסע בילד. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער ספּעציעלער סטאַלוגע, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען דאָס גרויסע בילד און מאַכנדיק אַן אָנשטעל, ווי ס׳וואָלט איר ווייניק אָנגעגאַנגען, שטיפעריש אַ זאָג געטאָן:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך דאָ האַלטן פאַרדעקט אַן אוצר?

— שוין נישט לאַנג. מעגלעך, אַז נישט מער ווי איין נאַכט.

— און דערנאָך?

— דערנאָך וועט עס מער דאָ נישט זיין.

— פאַרקויפט?

— ניין!

— און איך וועל עס קיין מאָל נישט קענען זען? — האָט זי אים דורכגענומען מיט די אויגן.

— כ׳מיין, זאָפיאַ, אַז דו ביסט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. דו וועסט עס נאָך היינט זען — האָט זיין שטימע געציטערט.

— שוין אַצינד?

— ווען ס׳וועט נאַכט ווערן.

— און וואָס וועט דעמאָלט געשען?

— דעמאָלט... דעמאָלט וועל איך זיך מיט דעם בילד געזעגענען — האָט ער ווי געשטאַמלט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, לאַרי — האָט זאָפיאַ זיך גענומען שרעקן — דו ביסט היינט אַזוי געהיימענישפול, אַזוי סודותדיק, עפּעס ווי דו וואָלסט נישט געווען קיין דאַזיקער... ביסט אַלע מאָל אַזאַ איינער?

זיי האָבן צווישן זיך לאַנג גערעדט, און וואָס לענגער זיי האָבן זיך צערעדט, אַלס נענטער זענען זיי זיך געוואָרן. צום סוף האָט לאַרי אַ קוק געטאָן אויף דער בלאָנדער פרוי נישט מיט אויגן פון אַ קינסטלער, נאָר פון אַ מאַן... גאַנצע זונען־שיינקייטן האָט ער אין איר דערזען. אַ ליכטיקער באַגער האָט אויפגעלויכטן אין אים, און באַלד האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די גרויסע אבידה פונעם „רויטן גייסט״, פאַר וועלכן

ער האָט אַ שטיק לעבן אַוועקגעגעבן, איז אים פאַרגיטיקט געוואָרן מיטן געווינען די שיינע פרוי. זאָפיע האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט דראָבנע שטילע טריט. זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אָרעמס. די אויגן־לעפלעך האָבן זיך איר ווי עפּעס אַליין פאַרמאַכט, זיס צוגעקלעפּט, און זי האָט זיך דערזען ווי אין פרימאָרגן, ווען זי איז געשטאַנען ביים גרויסן שפּיגל...

לאַנג האָט זי אים געהאַלטן איינגעפּרעסט אין אירע אָרעמס. ווי מיט צוואַנגען האָט זי אים געהאַלטן און נישט געוואָלט באַפרייען. לאַרי האָט מער נישט געוואָלט אויפהאַלטן איר נייגעריקייט, און ווען ער האָט דערזען, אַז אירע אויגן זענען אַביסל פייכט געוואָרן, איז ער מיט איין שפּרונג צוגעלאָפן צום „רויטן גייסט" און האָט אַ ריס געטאָן דאָס ווייסע ליילעך.

— נאָ, זע, זאָפיאַ! — האָט ער זי געוועקט, ווי פון אַ זיסן שלאָף — דאָ שטעקט צוויי צענדליק יאָר מחשבה, קאָנצענטרירטקייט און פאַרבן־מישונג. דאָס אַלץ גייט לאיבוד!

זי איז געקומען צו זיך און באַלד האָט איר אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן, אַזש זי האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און די ליפּן האָבן גענומען ציטערן. פאַר גרויס איבעררעאַשונג איז זי מיט אַ פאָר טריט צו־ריקגעגאַנגען פון בילד און ער איז געבליבן שטיין הינטער אירע פּליי־צעס. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעלענט אויף איר רעכטער זייט האַלדז און מיט די ליפּן האָט ער איצט באַרירט איר אַנטבלויזטן אָרעם. זאָפיע האָט זיך צו אים נישט אויסגעדרייט. אין איר האָט אַלץ געקאָכט. וואָס מער אירע אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין דעם בילד, אַלץ מער צעטראָגן איז זי געוואָרן. אָ, ווען זיי וואָלטן דאָס געזען! ווען זיי זעען דאָס!...

ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט, דערהייבט זי זיך און פליט מיט מיטן „רויטן גייסט". זי האָט געוואָלט אָנהייבן שרייען — בראַוואָ! דאָ ווידער האָט זי געוואָלט זיך געבן אַ דריי־אויס און אים צומאַכן דאָס מויל מיט אירע ברְיִענדיק־אָפענע ליפּן. אָבער פּלוצעם האָט זי דערפילט, ווי ער האָט אַ ציטער געטאָן, אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַזש זיך אָנגע־קלאַפּט אין אירע אָרעמס. זיין ציטער האָט אָפּגעשלאָגן אין איר לייב, און ווען זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי זיך אויף אַן אמת דערשראָקן:

זיין פּנים איז געווען בלייך, ווי קאַלך, און אינעם אויסדרוק פון זיינע אויגן האָט זי זיך נישט געקענט אָריענטירן. לאַריס אויגן האָבן אויסגעזען צו זיין אָנגעפּילט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד, אָדער מיט משוגעת.

אין דעם מאָמענט האָט דער מאָלער דערזען, אַז קיין שום פּינדזלשטריך איז מער נישט נייטיק און אַז דאָס בילד איז אין גאַנצן פאַרענדיקט. פון טיפן שלייער קוקט אַרויס אַ קאָפּ איינגעהילט אין אַ וואַל, און צוויי גליענדיקע שוואַרצע קוילן זענען פאַראַן אין די אויגןלעכער. דער „רויטער גייסט" איז באַשאַפן געוואָרן, ווי לאַרי האָט געוואָלט! דער שטח אויפן בילד איז אַ גרויסער, ברייטזאַמדיקער שליאַך און „דער רויטער גייסט" גייט שוועבנדיק אויף זיין גאַנצער לענג. ער גייט, גייט און קאָן אַלץ צום ברעג נישט דערגיין. גייט ער טאַקע, אָדער ער שוועבט? דאָס קאָן מען נישט דערזען. די שפּיץ פינגער זענען באַהאָפטן צום שליאַך, און דאָך שוועבט ער! שוועבט ער? און דאָך זעט אויס ווי ער וואָלט געגאַנגען פוסטריט...

לאַרי האָט גענומען וואַרפן מיט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן זאָפיען עפּעס אויפקלערן, זאָגן, אָבער קיין וואָרט פון דער קעל האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען. ערשט ווען דעם פּראָפעסאָרס ווייב האָט אים גענומען טרייסלען ביי דער גאָמבע און געשריגן: — „וואָס איז מיט דיר געשען, לאַרי?" — האָט ער לאַנג אויסגעצויגן זיין רעכטער האַנט צו דער סטאַלוגע און מיט אַן אויסטערליש קול אויסגעשריגן די ערשטע ווערטער!

— זאָפיע, זע!

— וואָס אַזוינס?

— „דער רויטער גייסט" איז אין גאַנצן פאַרענדיקט!

דערנאָך איז ער צוגעלאָפן צו די טרעפּ און אַרויפגעשריגן אין דער הייך:

— מאַמע! מאַמע! קום אַראָפּ און זע — „דער רויטער גייסט" שוועבט! — אין רויטן גייסט איז אַריין אַ נשמה!

אַ הויז אין וואַלד

כ'קאָן זאָגן, אַז ווילי פראַנציס איז אַ בר מזל.

דאָס גליק האָט אים צוגעשפּילט, און באַלד אויף צו מאָרגנס, ווען ער איז באַפרײַט געוואָרן פון מיליטער, האָט ער באַקומען אַ דזשאָב.

אמת, דער יונגער און קרעפטיקער ווילי האָט קיין זאָרג נישט געהאַט צו באַקומען אַרבעט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט גיין אין שטאָט אַרײַן — נישט אין קיין פאַבריק און נישט אַלס אַרבעטער אין פּאַרט.

ער איז געווען צוגעוווינט צו דער ביקס, צו יאַגד. ס'האָט אים געצויגן צו די ברייט־גרינע פעלד־לאַנעס פון זיין געבוירן־אָרט, צום שוואַרצן וואַלד הינטערן דאָרף, צוריקקערן אין דאָרף אַרײַן און ווידער וווינען אונטער איין דאַך מיט זיין מאַמען אין דער אַלטער הילצערנער הייזקע — האָט זיך אים נישט געגלוסט.

ער איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו די קאַשאַרן, אַז דאָס ציווילע לעבן האָט אים אויסגעזען פּוסט. אָבער אין מיטן סעפּטעמבער, אַ פּאָר טעג פריִער ווי קאַפּעראַל ווילי פראַנציס איז אַלט געוואָרן 23 יאָר, האָט מען אים דער־לאַנגט אַ באַפרײַונגס־צעטל פון דער אַרמיי. דער קעפּטן האָט אים געדריקט די האַנט פאַר גוטן דינסט. ער האָט באַקומען אַ בחינמדיקן באַן־בילעט אַהיימצופאָרן, אַ פּאָר זילבערנע מטבעות — און ער האָט פאַרלאָזט די קאַשאַרן.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל, לעבן זיין באַזע. ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין באַקאַנטע, קיין חברים. אַרומדריי־ענדיק זיך, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, האָט ער ערשט געזען, ווי גוט עס האָט זיך אים געלעבט אין די קאַשאַרן. וואָס האָט אים דען דאָרט געפעלט? דאָס מיליטערישע עסן האָט אים אַזוי געשמעקט, אַז ער האָט נישט איבער־געלאָזט קיין ברעקל אויף די טעלער. אין פאַרגלייך מיט די מאכלים, וואָס

ער האָט געהאַט ביי זיין מאַמען אין דער היים, איז די מיליטערישע מעניו געווען גרויסאַרטיק. פּאַפּיראָסן האָט אים נישט אויסגעפעלט, אַ שטיקל שאָקאָלאַד האָט מען אויך פאַרזוכט, און אויף דער מיליטערישער קויקע איז ער געשמאַק געשלאָפן. אָבער אַז ער איז אַרויס פון דער באַזע האָט ער באַלד דערזען, אַז ס׳איז ביטער. קיין מיטאָג האָט קיינער פאַר אים נישט אָנגעגרייט, פאַר אַ גלאָז וואַסער מוז מען באַצאָלן, און איבערנעכטיקן האָט ער נישט געהאַט ווו.

אַלץ האָט אים אויסגעזען פרעמד און נאַריש. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, אָבער זייער גיין איז ווילין נישט געפעלן געוואָרן. ער איז געווען צוגעוווינט צו מיליטעריש־סימעטרישע טריט, טייל מאָל אַפילו באַגלייטע מיט אַ פייקל אָדער געזאַנג, און דערפאַר האָט אים אַזוי מאָדנע אויסגעזען ווי איינער קריכט און דער צווייטער לויפט. איינער גייט שטראָם און דער צווייטער איינגעבויגן. ער איז דורכגעגאַנגען דורך פיל סנעק־באַרן, און ס׳האָט אים אויסגעוויזן, אַז די מענטשן עסן נישט צו דער צייט — „אַ גאַנצן טאָג עסן זיי" — האָט ער אָפּגעשפּאָט.

אָבער דאָ האָט זיך אים צופעליק געמאַכט אַ זעלטענע געלעגנהייט, וואָס האָט צוגעטראָפן צו דעם, צו וואָס ער האָט געגלוסט. און ווי זאָגט מען עפּעס ? „בעסער אַן אונצע מזל ווי אַ פונט גאָלד".

ווילי האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און אַרויסגענומען דאָס גאַנצע ביסל קליינגעלט, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט. אַ מינוט האָט ער עס געהאַלטן אין האַנט און גוט אָנגעקוקט.

— אויף אַ גוטן סטעיק מיט אַ פלאַש ביר וועט עס סטייען — און ער איז אַריין אין אַ שענק.

אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט, נאָר ביי איינעם, ווו ס׳איז געזעסן אַ פעסטער מאַן מיט אַ האַלב גרויען קאָפּ, איז נאָך געווען פלאַץ.

ווילי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ נישט דרייסטער ביים טיש, ביז יענער האָט אים אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך אַוועקזעצן.

— דו זעסט אויס, ווי דו וואָלסט עוקר געווען פון געפענגעניש — האָט יענער אים באַגריסט — אָבער פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט היטן. איך האָב ליב אַזעלכע יאַטן.

— נישט פון געפענגעניש, נאָר פון דער אַרמיי, און נישט...

אָבער יענער האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן:

— אַזוי גאָר? — האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטױנענדיקע אויגן — עוֹקר געווען פון דער אַרמיי? ביסטו דאָך גאָר אַ וואַזשנער פּאַרשוין...

— נישט עוֹקר געווען, נאָר אויסגעדינט — האָט שוין ווילי גערעדט מיט געבייזער.

דער קעלנער איז צוגעקומען צום טיש. דער שטאַמגאַסט האָט אַ זאָג געטאָן:

— גיב אים אַ פּאָר שאַרפע גלעזלעך אין מויל אַריין, אָבער געדענק, נישט אויף מיין חשבון!

— פון מיליטער? — האָט דער שטאַמגאַסט ווייטער געצויגן דעם שמועס — ביסטו דאָך אַוודאי אָן אַ ניקל ביי דער נשמה. זעסט, דאָרט איז פאַראַן אַן אונטערטיר און מ׳קאָן זיך אַרויסשאַרן...

— מוחל גוטע עצות...

ווילי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ שאָקל געטאָן מיט דער טאַש און דאָס קליינגעלט האָט אָפּגעקלונגען.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך גאָר אַ גרויסער צדיק און מ׳קאָן דיר אָנפאַר־טרויען אַ גאַנצן וואַלד...

ווילי האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל וויסקי. ס׳האָט אים שטאַרק געקרעלט אין האַלדז, אָבער די צונג איז אים געוואָרן לויזער.

— וואָס עפּעס פּונקט אַ וואַלד? — האָט ער אָנגעהויבן קריגעריש — ווילסט אפשר זאָגן, אַז אַ בייטל געלט וואָלסט מיר נישט אָנפאַרטרויט?

— באַרויִק זיך. נישט דאָס בין איך אויסן. כ׳האָב געזאָגט אַ וואַלד, ווייל כ׳טראַכט איצט וועגן וואַלד. וועלדער זענען מיין לעבן. אַפילו דאָ אין דער קנייפּע שטייט מיר דער וואַלד פאַר די אויגן.

און כאָטש די אויפקלערונג איז נישט געווען קלאָר, פון דעסטוועגן האָט זיך ווילי באַרויִקט, אָבער אַן ענלעך שטעכווערטל, מיט וועלכן ער האָט אים מקבל־פּנים געווען, האָט ער אים צוריקגעגעבן.

— וואָס, ביסט אפשר אַ וואַלדרויבער?

דער שטאַמגאַסט האָט רויִק אויסגעבעסערט:

— נישט קיין וואַלדרויבער, נאָר שטאַט־וואַלד־אינספּעקטאָר.

אין ווילים קאָפּ האָט אַ בליץ געטאָן אַ גוטער געדאַנק. ער האָט געוואָלט

עפּעס זאָגן, נאָר די צוויי שאַרפע גלעזלעך, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָבן אים צעמישט.

— איך דאַרף נייטיק האָבן אַ וואַלד־אויפזעער, און דו זעסט מיר אויס צו זיין פּאַסיק צו דעם — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט.

ווילי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס גליק שטייט אים פאַר דער נאָז, און ער האָט איבערגעפרעגט:

— אַ וואַלד, צי אַ וועלדל? אויף דער ערד, צי אויף דער לבנה?...

— ס'איז גאָר אַ גרויסער וואַלד — איז דער אינספּעקטאָר געוואָרן ערנסטער — און ער געפינט זיך אַ 120 מייל פון דאַנען.

— ווו?

— אין צפון־מזרח פון לאַנד.

— אָט דאָרט ווין איך דאָך! — האָט ווילי מיטן כוח פון וויסקי אויסגעשריגן.

ערשט אַצינד האָט דער אינספּעקטאָר באַטראַכט ווילין מיט דורכ־דרינגלעכע אויגן. ער האָט אים געלאָזט אויסטרינקען און אויפעסן דעם סטעיק. דערנאָך האָט ער צוגערופן דעם קעלנער:

— דער באַי איז מיר געפעלן געוואָרן. איך צאָל פאַר אים.

און זיי זענען ביידע אַרויס פון דער שענק.

דער גרויסער נאָדלוואַלד איז געשטאַנען ווייט, ווייט הינטער דער שטאָט. זיינע ביימער זענען גלייכע און הויכע, וואָס רייסן זיך אין הימל אַריין. פון איין בוים צום צווייטן איז גענוג אָפּגערוקט, אָבער די פּרוכטבאַרע ערד דער־לאָזט נישט ס'זאָל זיין ליידיק. פונאַנדערגעשפּרייטע קוסטעס מיט האָזענע ניס און יאַגדעס זענען אַרום און אַרום אויסגעוואַקסן און באַדעקט די ערד מיט אַ גרינעם טעפּעך. זומערצייט איז דאָרט אַ באַזונדערע וועלט, אַ רויִקע וועלט. מ'הערט נישט קיין טומל, נישט פון קיין פאַבריק־סירענע און נישט פון קיין פאָרנדיקן אויטאָמאָביל אָדער טראַקטאָר. בלויז דאָס זשומען פון די נאָדלצווייגן דערמאָנט, אַז דער וואַלד לעבט און זיינע פריש־געזונטע ביימער סודען זיך, אַ מאָל שטילער און אַ מאָל מיט אַ העכער שושקעריי.

וואָס ס'איז אַלץ אין דעם וואַלד פאַראַן: שוואַרצע און רויטע יאַגדעס,

געדיכטע שוואָמען־קעמפּעס, ווילדע קאַרשן און האָזענע ניסלעך קאָן מען אָנקלייבן גאַנצע זעק.

אַז אַ מענטש איז דאָרט אַריינגעגאַנגען און פאַרבלאָנדזשעט, האָט ער שוין פון קיין הונגער און דאָרשט נישט געקאָנט אויסגיין. אַחוץ שפּייז צו דערהאַלטן דאָס נפש, האָט ער אויך געקענט טרעפן קליינע ריטשקעלעך וואַסער, זיך שלענגלען באַהאַלטענערהייט צווישן די געדיכטע קוסטעס. און דאָך האָט קיינער נישט ריזיקירט צו טיף אַריינצוגיין אין וואַלד. אַרומגעגאַנגען איז אַ לעגענדע, אַז דער וואַלד „פאַרפירט" מענטשן. מעג ווער זיין ווי קלוג און פאַרזיכטיק, אַפילו ווען ער האָט ביי זיך אַ קאָמפּאַס — אָדער ער דערקענט לויטן מאָך פון דיביימער ווו ס'איז צפון־זייט — וועט ער סײַ ווי פאַרבלאָנדזשען. און וואָס מער ער וועט וועלן פון אים אַרויסגיין, אַלץ מער וועט אים דער וואַלד פאַרפירן, ביז ער וועט אים מיד מאַכן און איינשלעפערן, און שפּעטער וועט ער מיט אים טאָן וואָס ער וויל...

יאָ, נאָך אַ זאַך: חיות זענען פאַראַן אין דעם וואַלד אָן אַ שיעור: גרויסע און קליינע, בלוטדורשטיקע און פרידלעכע: ווילדע חזירים און הירשן, האָזן און ווילדע קרוליקעס, קלוגע פוקסן, טכוירן און ווייסע לאַשיצעס, וואָס טראָגן אויף זיך די טייערסטע פעלעכלעך פאַר דאַמען־פוטערס. די פויערים, וואָס האָבן אין דער נאָענט זייערע פעלדער, דערציילן אַז ווינטערצייט, ווען די שנייען זענען טיף און די פרעסט זענען שטאַרק — קומען אַרויס פון וואַלד סטאַדעס וועלף. זיי ווי̇ען, ווייִנען, ביז זיי פאַרציקן אַ שעפּס אָדער אַ פערד אויף צו שטילן דעם הונגער.

האָבן טאַקע מענטשן נישט געוואָלט איינשטעלן זייער לעבן און נישט גענאָסן פון וואַלדס שפע, כאָטש דער בעל־הבית פון וואַלד, די רעגירונג, צו וועמען ער געהערט, שטערט קיינעם נישט אַריינצוגיין.

בלויז איינער, ווילי, דער נייער וואַלד־שומר האָט דעם וואַלד גאַנץ אַנדערש געזען.

פאַר אים איז ער געווען זיין בעל־הבית און פרנסה־געבער. נישט נאָר ער האָט זיך פאַר אים נישט געשראָקן, נאָר ער האָט געפילט ווי אָן דעם וואַלד וואָלט ער גאָרנישט געקאָנט לעבן. ביים ראַנד, ממש ביי די לעצטע ביימער, ווייט פון הויפּטטראַקט, איז געשטאַנען דאָס הייזל פון וואַלד־שומר,

אַרומגערינגלט מיט אַ הילצערנעם צווייגן־פּלויט, און דאָרט האָט ווילי געלעבט.

ער האָט געוווּסט, אַז ער איז שוין דער פּערטער וואַלד־שומר. אַלע פריִערדיקע האָבן דאָ אויסגעלעבט זאַטע יאָרן, בלויז מיט דעם לעצטן פּאַר איז געשען אַן אומגליק — ער איז צעריסן געוואָרן דורך אַ ווילדן חזיר. אָבער ווילין האָט דאָס נישט געשראָקן און ער האָט אַפילו וועגן דעם נישט איבערגעקלערט. אפשר — האָט ער זיך געזאָגט — איז ער געווען שיכור, אָדער בכלל נישט געקאָנט זיך באַגיין מיט אַ יעגער־מעסער.

פון פרימאָרגן אָן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד מיט זיין צוויי־רעריקער יאַגדביקס און פּאַסעק קוילן. זיין געהאַלט האָט ער באַקומען יעדן ערשטן אויסגעצאָלט פון דער רעגירונגס־קאַסע. צוויי מאָל אין חודש פלעגט ער פאָרן אין נאָענטסטן שטעטל אַריין פאַרקויפן פעלעכלעך פון פאַרשידענע חיות און איינקויפן נאַפט, זאַלץ, שפּייז, זייף און טאַבאַק פאַר זיין פייקע. דערצו האָט ער געהאַט אַ שפע פון האָזן־ און הירשן־פליייש, און סאַדלע פון אַ ווילדן חזיר האָט אים אויך נישט אויסגעפעלט. אלא וואָס דען? ער איז געווען אַ בחור און צו וויפל כלה־מיידלעך ער האָט זיך געשדכנט, האָט קיין איינע פון זיי מיט אים נישט געוואָלט חתונה האָבן. נישט דערפאַר וואָס ער איז זיי נישט געפעלן געוואָרן — דאָס נישט! ווילי איז געווען אַ שיינער גוטמוטיקער בחור, נאָר ווייל קיין איינע פון די דאָרפישע טעכטער האָט נישט געוואָלט גיין מיט אים וווינען אין אַזאַ העק — אין אַ הויז אין וואַלד.

ווילי איז געבליבן פאַר אַ ברירה: אָדער פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, גיין אין דאָרף אַריין און חתונה האָבן, אָדער בלייבן אַן אַלטער בחור. אָבער ביידע אויסוועגן זענען אים נישט אָנגעשטאַנען. נישט ער האָט געוואָלט בלייבן אַן אַלטער בחור און נישט ס׳האָט אים געגלוסט צו פאַרלאָזן דעם וואַלד און גיין שווער אַרבעטן אין אַ פאַרם.

דערווייל לויפן די יאָרן. ער האָט שוין דאָ דרייסיק מאָל באַקומען אויסגעצאָלט דעם חודש־געהאַלט און ס׳האָט אים אויסגעוויזן, אַז די צייט האָט זיך געהאַלטן נישט לענגער ווי אַ רעגנבויגן אויפן הימל. ווידער האָט אַ פרילינג גענומען אויפשפּראָצן. די ביימער־קנאָספּן האָבן זיך געעפנט. ווי נאָר אַ גרעזל, האָט עס זיך אַדורכגעבראָכן דורך דער ערד און זיך

געריסן צו אַ ניי לעבן. ווילי האָט זיך אַרומגעדרייט אין וואַלד און געזען ווי די פייגל און די חיות פאָרן זיך און זיין האַרץ האָט זיך געריסן אין בענקשאַפט צו אַ ווייב. ערשט איצט האָט ער טיף באַדויערט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט די אַרמיי. דאָרט אין זיין באַזע איז ער גאַרנישט אַזוי משוגע געווען צו האָבן אַ פרוי. יונגע מיידלעך האָבן גערן אָנגענומען די איינלאַדונג פון אַ זעלנער און געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן און פאַרברענגען. און אַז מ׳האָט באַדאַרפט האָבן אַ נקבה איז עס אויך לייכט אָנגעקומען: הינטער די קאַשאַרן האָבן זיך אין די פאַרנאַכטן אַרומגעדרייט „כאַנטעס" און געוואַרט, מ׳זאָל זיי פאַרטשעפּען. מ׳האָט נישט באַדאַרפט קיין צערעמאָניעס. ס׳איז גענוג אַ ווונק צו טאָן און אָט, האָסטו זי שוין... אמת, קיין שיינע זענען זיי נישט געווען. זיי האָבן אויסגעזען מיד און אָפּגענוצט, ווי אַלטע בעל עברהניצעס, אָבער מ׳האָט זיי געקענט האָבן פאַר קליינגעלט. און וואָס איז דער נפקא־מינא פאַר אַ זעלנער? יינגער צי עלטער, אַ ווײַטישע צי אַ בלאַטע — אַ סימפּאַטיש פּנימל דאַרף ער האָבן?...

זונטיק נאָכמיטאָג האָט ער זיך ווידער איבערגעטאָן אין דעם איינציקן יום־טובדיקן אָנצוג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און געמאַכט אַ שפּאַציר צווישן זיינע באַקאַנטע מיידלעך אין די דערפער.

שלעכט, זייער שלעכט איז ווילין געווען אויפן געמיט, ווען ער איז ווידער צוריקגעקומען ליידיק. אַפילו קיין פּיצל האָפענונג פון איינע פון זיי האָט ער נישט מיטגעבראַכט מיט זיך.

אָבער ווילי האָט נישט געהאַסט די מיידלעך, וואָס האָבן אים אָפּגעזאָגט. טייל מאָל האָט ער נאָך אַפילו אויף זיי מלמד זכות געווען. ער האָט אַריינגעבליקט אין זיין לאַגע און ס׳האָט אים אויסגעזען, אַז ער איז זייער אָרעם. דאָס הייזל, וווּ ער וווינט, איז נישט זיינס. עס געהערט דער רעגירונג. קיין הויזווירטשאַפט פירט ער נישט. קיין פערד, קו אָדער הינערשטייג, ווי עס איז געווען ביי די פריִערדיקע וואַלד־אויפזעער, האָט ער נישט. אַפילו דעם כאַרט האָט ער נישט געקויפט, נאָר באַקומען צוזאַמען מיט דער יאַגדביקס און מיטן אוניפאָרם. דאָס שטיקל ערד אַרום ליגט פוסט; ער האָט עס נישט באַאַרבעט. דאָס איינציקע וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, איז אַ יום־טוב־אָנצוג, אַ טוץ העמדער און אַ גרויסן וואַנטזייגער. טאָ וואָס דערוואַרט אַ פרוי ביי אַזאַ מאַן, אין אַ הויז אין וואַלד?

ביסלעכווייז האָט זיך ביי ווילין אין כאַראַקטער אַ סך געענדערט. ער האָט פיינט באַקומען דאָס הויז אין וואַלד. ער האָט אָנגעהויבן צו האַסן אַלץ און אַלעמען. נישט בלויז מענטשן, נאָר אַפילו די פייגל און וואַלד־חיות. האָט ער פיינט באַקומען. אַפילו די ביימער פון וואַלד האָבן אין זיינע אויגן אַנדערש אויסגעזען; טייל מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זענען הויכע תליות. צו מענטשן האָט ער אויסגעלאָזט זיין כעס מיט דעם, וואָס ער האָט כמעט יעדן טאָג געכאַפּט פויערים פון די נאָענטע דערפער, וואָס זענען געקומען אונטערזעגן ביימער און קלייבן האָלץ. פריִער פלעגט ווילי אָוועקקוקן. „דער וואַלד איז גענוג גרויס — האָט ער זיך געזאָגט — און אַז מ'שניידט אונטער איין בוים, וואַקסט דער צווייטער העכער און גרעבער" — אָבער איצט האָט דאָס כאַפּן די האָלצהעקער און זיי איבערגעבן דער פּאָליציי, אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס האָט געזעטיקט זיין באַהאַלטענעם צאָרן. און די וואַלד־חיות? פרעגט שוין גאָר נישט! ער האָט אויסגענוצט צען מאָל מער אַמוניציע צו זיין ביקס, ווי פריִער. כמעט אַ האַלבע סומע פון זיין געהאַלט האָט ער אויסגעגעבן אויף שרויטקוילן, און ס'איז אים אַפילו נישט אָנגעגאַנגען אָראַפּצוציִען פון די חיות די פעל. ער איז געווען אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד און נאָר אַריינגעקומען אין הייזל איבערנעכטיקן.

איין מאָל, פאַר נאַכט, ווען דער וואַלד־שומר האָט זיך צוריקגעקערט פון וואַלד, האָט ער געזען, ווי זיין הויז איז אַרומגערינגלט מיט אַ געזעמל מענטשן. אַזאַ זאַך — מענטשן מיט שטעקענעס און ווידלעס ביי זיין הייזל — זעט ער צום ערשטן מאָל זינט ער וווינט דאָ. אָבער ווי נאָר די מענטשן האָבן פון ווייטנס דערזען דעם שפּיץ פון זיין יאַגדביקס, זענען זיי אים אַקעגנגעלאָפן.

זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. גערעדט, געשריגן און געוואָרפן מיט די הענט, און ווילי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון אים.

פון וואַלד־ראַנד ביז זיין הויז איז געווען נאָר אַ פּאָר טריט. ווילי איז געגאַנגען פאָרויס און זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, אָבער ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער זיך גענומען אָריענטירן וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

אינעווייניק איז אַלץ געווען צעוואָרפן, דער קעלער — געעפנט, די הילצערנע שאַנק — אויפגעפּראַלט. דאָס קעמערל, ווו ער האָט געהאַלטן

אויפגעצויגן אויף ברעטלעך די פעל פון וואַלד־חיות — אַלץ איבערגע־דרייט, צעפּלאָנטערט, אָבער קיין שום זאַך האָט נישט געפעלט.

ווילי איז בייז געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון די אַקסלען און זי אָנגעשטעלט אויפן המון:

— אַרויס, פּאַסקודניאַקעס!

ערשט דעמאָלט האָט פאַר אים אַנידערגעקניט אַ פויערטע פון דאָרף און צוזאַמענגעלייגטביידע הענט, ווי צו אַ תפילה:

— בייזער זיך נישט, ווילי — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — מיר האָבן געמיינט, אַז זי איז ביי דיר. גאָט וועט דיר מוחל זיין אַלע זינד, פאַר דעם וואָס מיר האָבן דיך אומזיסט חושד געווען, און אַז דו וועסט זי געפונען אַ לעבעדיקע, שווער איך ביי גאָט, אַז איך גיב זי דיר פאַר אַ ווייב.

— ווער ביסטו, און וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר?

— איך בין קיטיס מוטער, בין איך. מיין טאָכטער איז אַוועק אין וואַלד אַריין און נישט צוריקגעקומען. אַ טאָג פריִער האָט זי געבראַכט אַ פולן קרוג רויטע יאַגדעס. כ'האָב אַיינגעלייגט אויף זאַפט, אויפן ווינטער. זי האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן ביזן פרימאָרגן און ווידער איז זי אַוועק אין וואַלד מיט אַ שכנטע. די שכנטע איז צוריקגעקומען. ס'איז עפּעס אויף איר אָנגעפאַלן אַ פּחד — דערציילט זי — אָבער קיטי האָט זיך איינ־געשפּאַרט, אַז וואָס טיפער אין וואַלד, זענען די יאַגדעס גרעסער און גע־דיכטער. שוואָמען? — גאַנצע קוישן גזשיבעס קען מען אָנקלייבן — האָט מיין טאָכטער זי געוואָלט איבעררעדן. אָבער די שכנטע איז אַרויס פון וואַלד, און קיטין זעט מען שוין נישט דעם צווייטן טאָג.

אַ היץ האָט ווילין אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און ער איז אין גאַנצן אויפגעטרייסלט געוואָרן.

„גראָד האָט עס געמוזט טרעפן מיט קיטין" — האָט ער זיך אַזש פאַר־שטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

ער האָט געפילט ווי עס שניידט אים אין הארצן. ערשט זונטיק האָט ער מיט איר געטאַנצט. וויפל מאָל האָט ער זי געבעטן, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן! זי האָט אים אָפּגעשטויסן — ווילסט מיך אַריינזעצן אין אַ הויז אין וואַלד? ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען פון דאָרף האָט ער געהאַט

אַ געפיל, אַז אַפילו ווען עס מאַכט זיך אַ שידוך און ער האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, וואָלט ער אַלץ נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן קיטין. ערשט אַצינד איז זי אים נאָך מער נענטער געוואָרן. זי איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ער האָט געהערט איר שטימע. זי האָט איצט געקוקט אויף אים מיט אירע ברייט־געעפנטע בלויען אויגן.

ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פון פּנים און געקוקט אויף די אונטערגעבונטעוועטע פויערים:

— גייט, גייט פון דאַנען! — האָט ער זיי מיט כעס געטריבן — נאָר ווען קיטיס מוטער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט מיטגיין, איז ער צו איר צוגעגאַנגען, זי לייכט אָנגענומען ביי דער האַנט.

— דו בלייב וואַרטן ביי מיר אין הויז.

דער מוטער איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן.

באַלד האָט די נאַכט זיך אויסגעלייגט הינטערן וואַלד. די מאַסע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק פון הייזל, האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען, ווי אַ טונקעלער פליגל, וואָס שוועבט אין דאָרף אַריין. ערשט דעמאָלט, ווען אַרום איז שטיל געוואָרן, האָט ווילי אָנגעטאָן די שווערע שטיוול מיט די לאַנגע כאָלעוועס, אָפּגעבונדן דעם כאַרט פון דער קייט, אַריינגעשטעקט אין גאַרטל אַ לאַנג יעגער־מעסער, אָנגעהאָנגען אַ בלעכן ביינקעלע וואַסער און אַריין אין וואַלד.

דער שוואַרצער פליגל פון דער מענטשן־גרופּע איז שוין געווען ווייט פון הייזל. אין מיטן וועג האָט איינער פון די דאָרפסלייט אַלעמען אָפּגעשטעלט.

— און איך זאָג אייך — האָט ער געשריגן אויפן קול — אַז מ׳האָט נישט באַדאַרפט אָפּטרעטן ביז ער וועט די מויד אַרויסגעבן.

— ביסט זיכער, אַז ער האָט זי פאַרכאַפּט? — האָט אַ שוואַכע שטימע זיך אָפּגערופן.

— אויף אַ בחור, וואָס לעבט אַליין איז אַלץ צו גלייבן.

—אַ הויז אין וואַלד איז אַן אידעאַל אָרט צו האַלטן אַ פאַרכאַפּט מיידל.

— קומט, לאָמיר צוריקגיין!

אַ הויז אין וואַלד

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ קופּע שטיינער, וואָס איז געלעגן ביים וועג. לאַנג האָבן זיי זיך געאַמפּערט, וואָס צו טאָן. די, וואָס ס'האָט נישט געגלוסט צוריקצוגיין, האָבן זיך געשפּאַרט מיט די אַנגרייפערישע:

— דאָס הויז אין וואַלד איז אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער געגנט.

— אַלע שעפּסן, וואָס מען גנבעט אין די דערפער ווערן דאָרט אויסגעקוילעט. פאַרברענען! ס'זאָל קיין אָנצייכן נישט בלייבן — האָט פּאול זיך געהיצט.

— ביסט שוין גאָר אַרויס פון די כלים! אפשר איז דיין ווייב, וואָס איז אַנטלאָפן פון דיר, אויך אַוועק אינעם הויז פון וואַלד? — האָט אַ יונגער דאָרפסמאַן פון אים אָפּגעשפּאָט.

— ווילי איז אַן אָרנטלעכער מענטש. מ'האָט נאָך נישט געהערט, ער זאָל פאַרטשעפּען אַ פרוי.

— און אַז מ'האָט נישט געהערט, איז וואָס? מסתמא קען ער גוט פאַרדעקן זיינע מעשים.

— נישט איין מאַמע וועט נאָך אויף דעם הויז אין וואַלד וויינען.

— זעסט דאָך, וואָס פאַר אַ גוטער באַי ער איז, אַז די מוטער האָט ער געהייסן וואַרטן.

— מסתמא ווייסט ער עפּעס — האָט דער הויכער פויער אונטער־געהאַלטן — די קאַץ ווייסט וואָס זי האָט גענאַשט...

צום סוף האָט אויסגענומען דער רוב, וואָס האָט ממליץ געווען אויף ווילין. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און געאיילט אַהיים אין דאָרף אַריין. דער הויכער פויער איז געגאַנגען דער לעצטער און נישט אויפגע־הערט זידלען:

— אַ ממזר אַזאַ! זיך איינגענעסט אינעם הויז אין וואַלד און לאָזט נישט מענטשן צו רו. די רעגירונג האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו מאַכן פאַר אַ וואַלד־שומר. וויניק יונגען פון דאָרף זענען געלאָפן אויף דעם דזשאַב.

אָבער ווילי האָט איצט־אָ געשפּאַנט מיט אַ שמאָל שטעגל אין וואַלד אַריין. ער האָט אַפילו ביי נאַכט געקענט גיין צווישן געדיכטע קוסטעס און נישט בלאָנדזשען. ער האָט אָנגעשפּיזט די אויגן. די

אויערן זענען ביי אים געשטאַנען שטראַם, ווי ביי אַ האָז. קיין מאָל האָט אים דאָס האַרץ נישט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, ווי אַצינד.

דער הונט איז געלאָפן לעבן אים און אַרום אים. יעדע פּאָר טריט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהאָרכט און באַטראַכט דעם הונט. אָבער דער כאַרט איז געווען רויִק און אויף קיין שום זאַך נישט רעאַגירט. ווילי האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל און הויך געפיפן, געשריגן, גערופן: קיטי, קיטי! אָבער מער ווי דאָס ווידערקול פון זיין שטימע האָט זיך נישט אָפּגערופן. שיסן האָט ער נישט געוואָלט — זי וועט זיך נאָך מער דערשרעקן.

נאָך האַלבער נאַכט איז ער צוריקגעקומען און געטראָפן די מוטער זיצן אויף אַ בענקל ביי דער טיר.

— מען מוז וואַרטן ביז ס׳וועט טאָג ווערן — האָט ער אַ זאָג געטאָן — און זיך אויסגעצויגן אויפן בעט.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער איינגעשלאָפן און אָנגעהויבן הויך שנאָרכן. אָבער די מוטער איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אויפן בענקל און תפילה געטאָן. ערשט פאַר טאָג האָט זי איינגעדרימלט, אָבער באַלד האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן און אויפגעכאַפּט. אינעם קליינעם פענצטערל האָט געגומען שאַריִען אויף טאָג. ווילי איז שוין נישט געווען אין שטוב.

אַ רעזיגנירטע האָט זי זיך אויפגעשטעלט, פאַרבונדן דאָס געבלימטע קאָפּטיכל:

— וואָס וועל איך דאָ זיצן, אפשר גייט אים די גאַנצע מעשה נישט אָן — האָט זי זיך געזאָגט — און זי איז אַ פאַראומערטע צוריקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין.

ווילי איז לאַנג געהאַט אַרויס פון שטוב. ער איז אַוועק אַ פאַרביסענער אין וואַלד אַריין. דער רויש פון דיביימער — האָט זיך אים געדאַכט — שושקעט אים אין די אויערן אַריין: „שווער, קני אַנידער און שווער, אַז אַן קיטין וועסטו נישט צוריקקערן״. וועגן וועלף האָט ער אַפילו נישט איבערגעקלערט. זינט ער איז דאָ, האָט ער זיי קיין מאָל נישט געזען. צי האָט זי נישט אָנגעטראָפן אויף ווילדע חזירים? אָבער אויך צו דעם האָט זיין געזונטער חוש נישט דערלאָזט. ערשטנס, גייען ווילדע חזירים נישט אַרויס ביי נאַכט פון די נאָרעס. זיי זענען פויל,

און אַז מ׳שטערט זיי נישט, האָבן זיי ליב צו שלאָפֿן ביז שפּעט אין טאָג אַריין. צוויטנס, געפֿינען זיך זייערע נאָרעס ווייט פֿון דאַנען.

איבערן גאַנצן וועג ווו ער איז געגאַנגען, כמעט געלאָפֿן, האָט ער אָפּט מאָל אויסגעשאָסן. אפשר וועט זיך אַ געפּערלעכע חיה דערשרעקן און אַרויסלויפֿן פֿון אַ באַהעלטעניש, אָבער קיין זאַך האָט זיך נישט גערירט. דער וואַלד האָט גערוישט, ווי אַלע מאָל, און דער טוי האָט געוואַשן זיינע לאַנגע שטיוול ביז די קניען. ער האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז, הין און צוריק. ווו נאָר ער האָט עפּעס פֿאַרדעכטיקט, האָט ער מיט דער לאַנגער ביקסרער אַוועקגעבויגן די צווייגן פֿון די קוסטעס און אַרונטערגעקוקט. ווילי איז בייז געוואָרן אויפֿן וואַלד. ווי קען דאָס מעג־לעך זיין, זיין וואַלד, וואָס ער רעדט זיך איין, אַז ער קען יעדן בוים, זאָל פֿון אים באַהאַלטן אַזאַ שרעקלעכע זאַך? — האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין.

ווילי האָט אַ קוק געטאָן אין דער הייך. די שפּיצן ביימער האָבן זיך געצונדן. ער נעמט צו מאָלן אין זונליכט. ס׳איז שוין באַלד געוועזן מיטאָגצייט. ער איז שוין אַוודאי ארומגעאַנגען אַ 15 מייל און איז שוין מיד געווען. פֿון דעסטוועגן האָט ער אָפּילו נישט געטראַכט זיך אַנידערצוזעצן. דער כאַרט איז געלאָפֿן לעבן אים מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אַרויסגעשטעקט די צונג. ווילי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער הונט איז הונגעריק. ער האָט שוין געוואָלט אַראָפּשיסן אַ פּאָר פֿייגל אים זאַט צו מאַכן, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וואָס מער אַ הונט איז הונגעריק, אַלץ שטאַר־קער איז זיין שפּיר־אינסטינקט. ער האָט אויפֿן כאַרט אָנגעשריגן, גע־שיקט אים אין אַלע זייטן, געוועקט און גערייצט. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער הונט אָנגעהויבן בילן פֿון הינטער אַ קוסטע, און ווען ווילי האָט זיך דערנענטערט זענען אַרויף אויף די ביימער אַ משפּחה וועווערקעס.

סוף, סוף, האָט די זון זיך אויסגעדרייט צו מערב. דער וואַלד האָט אין דער מזרח־זייט געגומען טונקלען, אָבער ווילי האָט נאָך אַלץ זיין האָפֿענונג נישט אויפֿגעגעבן. ערשט איצט איז אים געקומען אויפֿן גע־דאַנק אַ נאַטור־דערשיינונג, וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט אויסטייטשן. ער האָט וועגן דעם געהערט דערציילן, ווען ער איז נאָך יונג געווען, און שפּעטער האָט ער דאָס עטלעכע מאָל אַליין איבערגעלעבט:

ווען אַ מענטש בלאָנדזשעט ביי נאַכט אָדער ווען ער גייט אויף פעלדוועגן באַשאַטענע מיט שניי — געשעט, אַז ער קאָן אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט אין אַ פאַרכישופטן ראָד און צוריקקומען צום זעלבן אָרט, פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען. ווער שמועסט נאָך, ווען דער וואַנדערער איז דערשראָקן, קאָן ער שוין פון פאַרכישופטן ראָד זיך נישט אַרויסדרייען ביז עס ווערט טאָג. דאָס זעלבע געשעט אַפילו אין העלן טאָג, ווען מ׳בלאָנדזשעט אין אַ טיפן וואַלד.

ווילי, ווי אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, איז געווען אַ האַרטער און רעאַלער מענטש. ער האָט קיין מאָל נישט געגלייבט אין באָבע־מעשיות, אָבער אינעם סוד פונעם פאַרכישופטן קרייז פלעגט ער אַריינטראַכטן, ווייל דאָס איז שוין נישט געווען אַ מעשה, וואָס מ׳האָט דערציילט, נאָר וואָס ס׳האָט מיט אים געטראָפן. ער האָט זיך אַפילו געקליבן צו פרעגן וועגן דעם דעם פּאַסטאָר, אָדער לערער פון דאָרף, אָבער קיין מאָל האָט ער נישט געקענט אויסקלייבן די געהעריקע ווערטער, מ׳זאָל אים פאַרשטיין. חוץ דעם האָט ער געוווּסט, אַז מענטשן, וואָס האָבן דאָס נישט אָדורכגעלעבט, וועלן עס נישט פאַרשטיין. טאָ וואָס וועט זיין? אָדער זיי וועלן אים אויסלאַכן, אָדער ער וועט מאַכן אַ רושם פון אַ פאַררוקטן. אָבער איצט איז דאָס אים גוט אַריינגעקראָכן אין קאָפּ.

— צו וואָס זוכן דאָס מיידל טיף אין וואַלד? — האָט ער זיך באַקלערט — ס׳איז דאָך קיין ספק נישט, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט, געוואַנדערט אין פּחד, געוואָלט צוקומען צום ראַנד, און זיך געדרייט אין אַ פאַרכישופטן ראָד.

ער איז אַרויס פון דער טיף און צוריקגעגאַנגען צום ברעג. ווען ער איז שוין געווען ביים ראַנד, האָט ער זיך פאַרנומען אין אַ ווייט־ברייטן קרייז. אַזוי איז ער געגאַנגען מער ווי אַ שעה צייט, ביז ער איז מיד געוואָרן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּיען פון אַ בוים.

ער האָט אָנגעשטאָפּט די ליולקע, פאַרויכערט און בלית ברירה געטראַכט צוריקצוגייין, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז טאָמער בלייבט דאָס מיידל נאָך אַ נאַכט אין וואַלד, איז זי אַ פאַרפאַלענע. דער כאַרט איז געלעגן אַ מידער לעבן זיינע פיס און ס׳איז אים געווען אַ רחמנות וואָס

דער הונט הונגערט. קיין פייגל האָט ער שוין מער נישט געזען און נישט געהאַט וואָס דעם הונט צו געבן.

פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עפּעס האָט זיך הינטער אים אַ ריר געטאָן. אין דעם אויגנבליק האָט דער כאַרט זיך אַ ריס געטאָן, אָנגעהויבן שטאַרק בילן און אַריין אין די קוסטעס. פאַר גרויס איבעראַשונג איז ווילי אַרויסגעפאַלן די ליולקע פון דער האַנט, און ער איז נאָכגעלאָפן דעם הונט.

— אָט איז זי! — האָט ער אויסגעשריגן. און דער וואַלד האָט זיין קול איבערגעטראָגן פון בוים צו בוים.

ער האָט אָנגערירט איר פּנים, די פיס. זיי זענען געווען וואַרעם.

— זי לעבט, זי לעבט!

זי איז געווען באַוווסטלאָז. דאָס קלייד צעריסן און די פיס זענען געווען באַקלעפּט מיט בלוט. און כאָטש זיין שטוינונג איז געווען אין לשער, האָט ער באַלד פעסטגעשטעלט:

— יאָ, זי איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך אַ ווילדן חזר, אָבער אַ נס איז געשען. די ווילדע חזרים האָבן אַ נאַטור, אַז טייל מאָל דערשרעקן זיי זיך פאַר עפּעס, לאָזן אָפּ דעם קרבן און אַנטלויפן.

ער האָט געזוכט אַרום איר, אַ קרוג, אַ קוישל, אָבער קיין שום זאַך איז נישט געווען. ער האָט זי גענומען מינטערן. אַרויפגעגאָסן אויף איר דאָס ביסל וואַסער, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין קענדל, געריבן איר די שלייפן, אַריינגעשטופּט די פינגער צווישן די פאַרהאַקטע ציינער און געעפנט איר דאָס מויל. די יאַסלעס זענען געווען אַזוי פאַרהאַקט, אַז ער האָט געשפּירט, אַז זי בייסט אים אָפּ די פינגער. ער האָט זי אויפגעזעצט. זי האָט אַ ריר געטאָן מיטן קאָפּ און ווידער צוריקגעפאַלן און פאַרמאַכט די אויגן.

ווילי האָט נישט לאַנג געטראַכט, זיך איינגעבויגן און קיטין אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען. צו ערשט האָט ער געוואָלט די ביקס און גאַרטל איבערלאָזן אויפן אָרט, כדי ס'זאָל אים זיין לייכטער זי צו טראָגן, אָבער געוווסט האָט ער, אַז „אַ וואַלד איז אַ גנב" — לאָזסטו עפּעס איבער אין מיטן וואַלד, וועסטו עס שוין מער נישט געפינען, און ער איז געלאָפן מיט דער גאַנצער משא.

צום ראַנד פונעם וואַלד איז נאָך געווען ווייט. דאָס מיידל איז געווען אַ גוט־אַנטוויקלטע און איר קערפּער האָט געהאַט אַ וואָג. פון מאָל צו מאָל האָט זי זיך אַראָפּגעגלישטש און ס׳איז אויסגעקומען, אַז איר האַרץ האָט געקלאַפּט אויף זיין ברוסט. אַזאַ וואַרעם געפיל האָט נאָך ווילי קיין מאָל אין לעבן נישט געהאַט. ער האָט דערשפּירט, ווי דאָס געפיל מאַכט אים מידער און שוואַכער, איר קערפּער ווערט שווערער און זיינע פיס וואַקלען זיך, אָבער אַראָפּלאָזן זי פון די אַקסלען האָט ער נישט געוואָלט.

זיינע טריט זענען געוואָרן לאַנגזאַמער און זיין אָטעם הייסער, קירצער. ער האָט זי אָפּט מאָל איבערגעדרייט פון איין אַקסל אויפן צווייטן. ער האָט שוין אַפילו געהאַט אין זינען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די ביקס, דעם גאַרטל, דאָס רעקל און אַפילו אויסטאָן דאָס העמד, אַבי דערטראָגן דאָס מיידל צו זיך אַהיים. אָבער ווען ער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון אונטער דער משא וואָס ער האָט געשלעפּט, האָט ער דערזען, ווי צווישן דיביימער ווערט ליכטיקער. אין ווילין האָט אַ שלאָג געטאָן אַ נייער כוח, און באַלד איז ער אַרויס פון וואַלד.

ביז זיין הויז איז ער שוין געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי ס׳וואָלט אים אַ שאָד געווען אַראָפּצולאָזן דאָס מיידל פון זיינע אָרעמס. דער הונט איז געלאָפן פאָרויס און אויפגעשטופּט די טיר. ער איז אַריין אינעווייניק און האָט אַרויפגעוואָרפן קיטין אויף זיין בעט.

ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין רגע זי צו ראַטעווען. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די ביקס אין ווינקל אַריין מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט אויסגעשאָסן און דער הונט האָט אָנגעהויבן וויִען. ווילי האָט נאָר אַ בליק געטאָן און געזען ווי דער כאַרט וואַרפט זיך אין קראַמפן, אָבער דאָס איז אים אַצינד ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט געעפנט דעם גאַרטל, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און דאָס פאַרשוויצטע העמד. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און צוגעלאָפן צום בעט.

פון דעם שאָס האָט זיך די פאַרחלשטע אויפגעוועקט. זי האָט אַ ביסל געעפנט די פאַרשלעפּערטע אויגן:

— ווּ בין איך? — האָט זי קוים אַרויסגעשעפּטשעט — און איידער ווילי האָט באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָבן זיך ווידער ביי איר פאַרמאַכט די אויגן־לעפלעך.

ווילי האָט שנעל איר אויסגעטאָן די שיך. ער האָט זי אַ ביסל אויפֿגעזעצט און אַראָפּגעצויגן פֿון איר דעם סוועטער און די בלוזע, לויז געמאַכט די שנירלעך פֿון איר ענגן ביוסטהאַלטער.

מער ווי דער פֿאַרוווּנדעטער הונט, וואָס האָט זיך קאָנוווּלסיוו געוואָרפֿן אויף דער פּאָדלאָגע, איז אין שטוב קיינער נישט געווען. אין דער נאָענט האָט קיינער נישט געוווינט און ווילי האָט נישט געהאַט וועמען צו רופֿן צו הילף. אָפּלאָזן די פֿאַרחלשטע און לויפֿן נאָך הילף, האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט זיך אויך דערשראָקן, זעענדיק ווי איר פּנים ווערט וואָס אַ מאָל ווייסער. איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ער וועט זי ראַטעווען, ווי מ׳האָט אים געלערנט אין מיליטער, ווי מ׳ראַטעוועט אַ דערטרונקענעם, וואָס מ׳ציט אַרויס פֿון טייך — מיט קינסטלעכע לופֿט פֿון מויל צו מויל. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט, צוגעלייגט זיין מויל צו אירע ליפּן און טיף אין איר אַריינגעאָטעמט.

שוין אין דער ערשטער מינוט האָט זיך קיטי אַ וואָרף געטאָן און אַרויסגעלאָזט פֿון זיך אַ טיפֿן אָטעמצוג. און אַז ווילי האָט געזען, אַז די לופֿט־אָטעמונג העלפֿט — האָט ער נאָך אַ מאָל אָנגענומען אירע ליפּן. דאָס מאָל זענען שוין אירע ליפּן נישט געווען אַזוי קאַלט און פֿאַרטריקנט ווי פֿריִער. ער האָט נאָך שטאַרקער אַריינגעאָטעמט מיט זיינע געזונטע לונגען אין איר מויל אַריין.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר. די מוטער מיט אַ כאָפּטע פּויערים זענען אַריין אינעם קליינעם שטיבל, ווילי האָט דאָס אַפֿילו נישט באַמערקט און נישט געהערט. ערשט ווען אַ געזונטער פּויער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים קאַרק און אַ שלעפּ געטאָן אויף צוריק פֿון בעטל, האָט ער געזען ווי די שטוב איז פֿול מיט מענטשן.

ס׳ערשטע איז צוגעלאָפֿן צום בעט די מוטער. זי האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס געבלימטע טיכל פֿון איר קאָפּ און באַדעקט קיטיס נאַקעטע ברוסטן. זי האָט געשריגן און גוואַלדעוועט. די מוטערס קול האָט איבערגעוועקט דאָס פֿאַרחלשטע מיידל און זי האָט געעפֿנט די אויגן.

ווילים ביקס האָט מער נישט געשראָקן די אויפֿגערעגטע פּויערים, און זיינע טענות, אַז ער האָט זי געפֿונען אין וואַלד, געטראָגן אויף די פּלייצעס און געבראַכט אַהער — האָבן זיי נישט איבערצייגט. די פּויערים

האָבן געלאָזט די מוטער זיך מטפל זיין מיט דער טאָכטער, און אַליין האָבן זיי זיך גענומען צו ווילין.

צו ערשט האָט ווילי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. ער האָט דערלאַנגט קלעפּ אין אַלע זייטן, פאַרפאַרן גלייך אין די ציינער אַריין, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין גלייכער קאַמף פון איינעם קעגן איינעם. דאָ האָבן זיך אַלע געוואָרפן אויף איינעם און אים באַזיגט. זיי האָבן צוגענומען די ביקס. אַרויסגעוואָרפן דעם פאַרוווּנדעטן הונט אין הויף אַריין. קלעפּ זענען געפאַלן אויף ווילים קאָפּ און גוף. די פּויערים האָבן אים געבונדן די הענט און פיס מיט גראָבע שטריק און אים אַריינגעשטופּט אין ווינקל אַריין, וווּ דער הונט איז פריער געלעגן.

— וואַרט, וואַרט, דיין סוף וועט באַלד קומען! די פּאָליציי איז שוין אויפן וועג אַהער.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און ס׳האָט זיך געהערט אַן אַלאַרמירנ־דיקע סירענע. אַ פּאָליציי־קעטשל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז.

— מיר האָבן אים געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט — האָבן די פּויערים איבערגעגעבן דעם פּאָליציי־פּאַטראָל — ער איז געווען אַן אַ העמד. דאָס מיידל האָט ער אויסגעטאָן נאַקעט, און ער איז אַזוי פעסט געלעגן אויף איר, אַז מ׳האָט אים קוים געקאָנט אָוועקרייסן...

— מער דאַרף מען נישט — האָט דער פּאָליציי־סערזשאַנט געזאָגט.

דערהערנדיק די ווערטער האָבן די פּויערים אויפגעברויזט, געהויבן די פויסטן קעגנאיבער ווילים פּנים.

— אפשר וועט זיין אַ ביסל שטילער — האָט איינער פון די פּאָלי־ציסטן אַ געשריי געטאָן.

אָבער די פּויערים האָבן אים נישט געהערט. זיי זענען אַריין אין אַ ווילדער פּוריע:

— דאָס הויז אין וואַלד איז אַן אומגליק פאַר אונדז!

— לינטשן, לינטשן אויפן אָרט!

זיי האָבן געטראָטן אויף ווילין מיט די פיס. איינער פון זיי האָט אים אַ קאָפּע געטאָן אין רוקנביין און דער יונג האָט אַ ווילדן געשריי געטאָן.

— אַלע אַרויס פון צימער! — האָט דער פּאָליציי־סערזשאַנט שטרענג באַפוילן. ביים בעט בלייבט נאָר די מוטער.

ער איז צוגעגאַנגען צו ווילין אויפגעשניטן די שטריק מיט וועלכע ער איז געווען געבונדן. געהייסן אים אויפשטעלן זיך. אַ מינוט האָט ער דעם יונג באַטראַכט, און באַלד אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן לינקן אַקסל:

— אין נאָמען פון געזעץ אַרעסטיר איך דיך! — און ער האָט אים אָנגעטאָן ניקלענע קייטעלעך אויף די הענט.

דערנאָך האָבן די פּאָליציי־לייט אַ בליק געטאָן אויפן מיידל. זי איז נאָך אַלץ נישט געווען ביים באַוווסטזיין. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי הערט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ, אָבער קען זיך נישט אויפכאַפּן.

די מוטער האָט געציטערט און דער פּאָליציסט האָט זי באַרויִקט:

— זי וועט זיך באַלד אויפוועקן. אויב נישט, וועלן מיר זי גלייך מיטנעמען אין פּאָליציי־קעטשל אין שפּיטאָל אַריין.

דער סערזשאַנט איז אַרויס אויפן הויף צו די פּויערים און באַפוילן דעם צווייטן צו בלייבן ביים בעטל. ער האָט אויך געהייסן די מוטער מיטגיין.

— כ׳וועל נאָר פאַרשרייבן די נעמען און אַדרעסן פון די עדות — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום צווייטן.

יעדער געניטער פּאָליציי־אויספאָרשער ווייסט, אַז עס זענען פאַראַן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס עדות: ס׳זענען פאַראַן פּאַסיווע עדות, וואָס מ׳מוז ביי זיי אַרויסשלעפּן אַ וואָרט פון מויל. ס׳זענען אויך פאַראַן באַרייטעווודיקע עדות, וואָס האָבן ליב צו רעדן אַ סך, אָבער צום סאַמע עיקר הענין קומט עס נישט — און עס זענען פאַראַן פאַרביסענע עדות, וואָס יעדעס וואָרט זייערס האָט אין זיך אַ שלאַנגען־ביס פאַרן פאַרדעכטיקן.

אָבער מיט אַזאַ פאַרביסנקייט ווי ס׳האָבן גערעדט די מענטשן פון דאָרף קעגן ווילין, טרעפט זעלטן.

לויט זייערע רייד איז אויסגעקומען, אַז קיטי איז גאָר בכלל נישט געווען דריי טעג אין וואַלד. זי האָט גאָרנישט פאַרבלאָנדזשעט, נאָר ווילי האָט זי פאַרכאַפּט, פאַרשלעפּערט מיט אַזאַ סם, זי זאָל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך מיט איר. ער האָט זי געהאַלטן פאַרבאָרגן אינעם הויז אין

וואַלד און געשטילט מיט איר זיין בחור־הונגער. ווען נאָר ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט ער זי אַריינגענומען אין שטוב, אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט און אָפּגעטאָן מיט איר מיאוסע מעשים, ווי אַ שטייגער אַזאַ סצענע, ביי וועלכער מ׳האָט אים געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט.

פאַול, דער עלטסטער פויער פון דאָרף, איז געווען דער ראש המדברים:

— איך האָב באַלד חושד געווען און געזאָגט, אַז דאָס איז ווילים אַ שטיקל אַרבעט. עפּעס האָבן זיינע אייגעלעך צו פיל געגלאַנצט, ווען מ׳האָט אים געפרעגט וועגן מיידל. וואָס, אַ וווּנדער? אַ געזונטער יונג ליגט אין וואַלד אָן אַ ווייב. וואָס קען פון דעם אַרויסקומען? וואָס קען פון אַזאַ איינעם אַרויסוואַקסן?

— אפשר איז ער גאָר נישט אַזוי ווייט שולדיק, ווי ער האָט נישט געקענט צוימען זיין תאווה — האָט אַ צווייטער דאָרפסמאַן אַריינגערעדט.

— מיר דאַרפן נאָר פאַקטן, און נויטיקן זיך נישט אין אייערע קאָמענ־טאַרן — האָט דער אויספאָרשער אים איבערגעריסן.

— אָבער די מעשה איז דאָך אָפּגעטאָן געוואָרן דורך אַ רעגירונגס־באַאַמטן. דער וואַלד געהערט צו דער מדינה. די רעגירונג איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר זיינע מעשים!

— דאָס איז נישט אייער עסק.

אָבער קיטיס מוטער האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן:

— סערזשאַנט — איך גלויב נאָך אַלץ נישט, אַז דער גוטמוטיקער ווילי זאָלן האָבן אָנגערירט די ערע פון מיין קינד...

— איר הערט דאָך וואָס מ׳דערציילט — האָט ער, אַ בייזער, אַ וואָרטשע געטאָן — און איז צוריק אַריין אין שטוב.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט דער צווייטער פּאָליציסט געפרעגט.

— אויב דער קרבן אַליין זאָל אים נישט ראַטעווען, איז דער יונג אַ פאַרלוירענער — האָט דער סערזשאַנט אים איינגערוימט אין אויער, און באַלד האָט ער זיך געווענדט צום אַרעסטירטן:

— ס׳איז בעסער פאַר דיר — האָט דער סערזשאַנט געזאָגט — זאָלסט זיך באַלד אויפן אָרט מודה זיין. נישט נאָר די שטראָף איז אַ קלענערע, נאָר דער ריכטער קאָן געפונען מילדערע אומשטענדן און אַפילו דיר געבן באַדינגלעכן אַרעסט.

ווילי האָט כמעט זיינע ווערטער נישט געהערט. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פון אָנהייב ביזן סוף.

דער אויספאָרשער האָט אים נישט איבערגעריסן, געלאָזט אים אַלץ אויסרעדן. דערנאָך האָט ער ווילין באַשאָטן מיט פראַגן:

— פון דעם אַלעם וואָס דו האָסט מיר דערציילט, לייגט זיך נישט קיין וואָרט אויפן שכל. וואָס מיינט דאָס „דו האָסט זי געזוכט אין אַ פאַר־בלאָנדזשעטן אָדער פאַרכישופטן קרייז״? ווער ווייסט פון דעם? צי מיינסטו, אַז מיר גלייבן אין שדים און כישופמאַכעריי? און צוליב וואָס האָסטו דערשאָסן דעם הונט? וואָס האָט ער דיר געשטערט? ווער האָט דיך גע־בעטן דו זאָלסט דאָס מיידל אויסטאָן נאַקעט? פאַר וואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט די מענטשן פון דאָרף, אַז זי געפינט זיך ביי דיר?

ער האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט. געוואַרט דער אַרעסטירטער זאָל ענטפערן, עפּעס זאָגן, און ווען ווילי האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, האָט ער געמיטלעך צוגעגעבן:

— איך ראָט דיר אַוועקצוואַרפן אַלע דיינע נאַרישע פאַנטאַזיעס, מיט וועלכע דו ווילסט אונדז פירן אין באָד אַריין, און אָנהייבן מיטן אמת, אויב נאַטירלעך דו האָסט נישט קיין חשק אָנצוקומען פאַר דער צייט אין גן־עדן אַריין...

ווילי, דער שטאַרקער ווילי, וואָס האָט זיך נישט דערשראָקן, ווען ער האָט זיך באַגעגענט פּנים אל פּנים מיט אַ ווילדער חיה אין וואַלד — איז אַצינד געבליבן אָנמעכטיק און פאַרלוירן. ער האָט פון מויל קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. ער האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, שרייען, אָבער אַלץ איז אים געבליבן שטעקן אין דער קעל, ווי ס׳וואָלט ווער מיט אַ פעסטער האַנט צוגעדריקט זיין גאָרגל.

דער סערזשאַנט האָט נאָך געוואַרט עטלעכע סעקונדן, און ווען ער האָט געזען, אַז דער אַרעסטירטער איז פאַרעקשנט און ענטפערט נישט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום צווייטן:

— ביי אונדז אין אָפּיס זענען פאַראַן בעסערע אויספאָרשער. דאָרט וועט ער שוין רעדן... קום, מיר גייען!

ווילי האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב. ער האָט זיך אַ ריר געטאָן צוויי טריט פאָרויס און געבליבן שטיין. ער האָט זיך נישט געקענט

קיין עצה געבן מיט די געשלאָסענע הענט. זיי זענען פאַר אים געוואָרן אַ באַלאַסט. ווי נאָר ער האָט זיי געהאַלטן — אַרויף אָדער אַראָפּגעלאָזט — האָבן זיי אים געשטערט. האָט ער די הענט אויסגעשטרעקט פאָרויס, ווי איינער וואָס טאַפּט אין אַ פינצטערן קאָרידאָר. די קייטעלעך האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין הויט און ער האָט געביסן מיט די ציינער. אַנשטאָט צו גיין גלייך צו דער טיר, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן רעכטס און אויסגעקומען נאָענט צום בעט ווו קיטי איז געלעגן. ער האָט די געשלאָסענע הענט אַרויסגערוקט וויפל נאָר ער האָט געקאָנט און אַ ביסל זיי אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט וועלן ווייזן דעם מיידל: „נאַ, זע, צוליב דיר זענען מיינע הענט געשלאָסן". ער איז אָבער דערמיט נישט אויסן געווען איר צו מאַכן אַ פאָרוואורף, נאָר גיכער איר ווייזן אַ סימן פון ליבשאַפט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און אָנגעקוקט קיטין. געשטאַנען ווי אַ בוים, וואָס איז שוין האַלב אונטערגעזעגט, אָבער ער האַלט זיך נאָך פעסט... די פּאָליציסטן האָבן אים אונטערגעשטופּט, און ווילי האָט זיך צו זיי אויסגעדרייט מיטן פּנים:

— לאָזט מיך וואַרטן ביז זי וועט אויפקומען — האָט ער צו זיי געזאָגט.

— ג ע ג אַ נ ג ע ן! — האָט דער סערזשאַנט אַ מעכטיקן געשריי געטאָן און אים אַ שטופּ געטאָן פאָרויס.

אומרו

אַ ציגיינערין אין דער זעמליאַנקע

נאָך חצות האָט זיך אויפגעהויבן אַ זילבער־הימל איבער די צעוואָרפענע דאָרפישע כאַטעס און זיך אַראָפּגעלאָזט צו מערב־צו, איבער די שוואַרצע סאָסנעקעפּ פון אַלטן פוילישן וואַלד. אַ פרישער טוי האָט געקילט די טרוקענע ערדבייטן, צעשפּאָלטענע פון היץ, און זיך אויסגע־שפּרייט איבער די פעלדער, וואָס זענען געלעגן באַדעקט מיט זייער פּרוכט — די בינטלעך פרישן ווייץ.

די אָפּגעגאָלטע פעלדערקעפּ האָבן געשטאָכן די פיס פון אַ מידן וואַנדערער, וואָס האָט אין מיטן דער נאַכט געשפּאַנט איינער אַליין, באַ־גלייט פון אַ געבילערײַ פון די הינט אין נאָענטן דאָרף.

אין לבנה־זילבער האָט זיך געשניטן אַ מענטשן־שאָטן. די קאָנטורן האָבן זיך וואָס אַ מאָל בולטער געצייכנט, געוואָרן נענטער.

מיט אַ וואַכעדיקער אָנגעשפּיצטקייט בין איך געשטאַנען צווישן די סעדער־ביימלעך ביי אַן איינזאַמער כאַטע לעבן וואַלד. באַלד האָב איך דערזען ווי ס'געגענט אין מיין זייט אַ פאַרשלייערטע געשטאַלט, וואָס האָט פאַר־האַלטן די וואַקלדיקע טריט און געבליבן שטיין אין אַ נישט־דעצידירטער פּאָזע.

„צוציק", דער הונט, מיין איבערגעגעבענער פריינד, האָט זיך טיף־סאָפּענדיק אויסגעצויגן אויפן בויך און מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּעס געריסן די ערד. כ'האָב אים צוגעהאַלטן די מאָרדע, דאָס האָט געהייסן פאַר אים, ער זאָל שווייגן. כ'האָב זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעשלייכט פון הינטער אַ געדיכט־פאַרצווייגטן עפּלבוים און באַגעגנט זיך פּנים־אל־פּנים מיטן וואַנדערער.

— ווער ביסטו?

קיין ענטפער איז נישט געקומען.

כ׳האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס און דערזען פאַר זיך אַ פּרויען־געשטאַלט. כ׳האָב אָפּגעדעקט דאָס טיכל, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט איבער איר פּנים, און אין אָפּשיין פון דער לבנה האָבן אויפגעבליצט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן מיט אַ וועלפיש פייערל.

זי האָט אויפגעציטערט, און מיט אַ געבראָכן קול, אין אַ שלעכטן פּויליש, מיך געבעטן:

— נעמט־צו דעם הונט. לאָזט ווייטער גיין.

— שרעק זיך נישט פאַר מיר און קום אַראָפּ פון מיטן וועג. זעסט דאָך וואָס דאָרטן קומט פאָר.

זי איז מיר שטיל נאָכגעגאַנגען, נישט פרעגנדיק וווהין. מיר זענען אַדורך דעם גאָרטן און אָפּגעשטעלט זיך ביים קאַרטאָפל־קעלער לעבן שייער.

ס׳איז געווען אין דער צייט פון וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד. פייערן האָבן אָפט אויפגעלויכטן אין צפון־מזרח, און אין זייער שיין האָב איך דערזען איר יונג מיידלשן פּנים.

די ערד האָט געקרעכצט פון די שווערע דייטשע האַרמאַטן־זאַלפּן, וואָס זענען געפאַלן אויף וואַרשע.

— ביסט אַנטלאָפן פון דאָרט? — האָב איך איר געוויזן אויף מזרח.

— ניין, כ׳בין אין וואַרשע קיין מאָל נישט געווען.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אַ קליינעם רוקזאַק פון די אַקסלען און זיך אַנידערגעזעצט אויפן שוועל פונעם קעלער. אַ טעמפּע רויִקייט האָט אַרויס־געקוקט פון איר, ווי זי וואָלט געשטאַנען ביים ראַנד פון אַן אָפענעם קבר.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. „צוציק״ האָט זיך אויסגעלייגט ביי מיינע פיס און געבורטשעט אין אויפרעגונג אויף די פייערן פון מזרח.

— ביסט אַ ייִדישקע?

— ניין.

— ווי קומסטו אַהער? איינע אַליין ביי נאַכט?

— און ווער זענט איר? אפשר אַ ייִד?

— יאָ!

זי האָט צוגעבויגן צו מיר דעם קאָפּ און מיך דורכגענומען מיט איר בליק:

— אויב אַזוי, הייסט עס, בין איך נאָך נישט פֿאַרפֿאַלן.
— זײַ רויִק.
— זענען היינט אויך דאָ געווען רעוויזיעס פֿון די שוואַרצע?
— כ׳קום ערשט פֿון וואַלד.
— און וווּ וווינט איר?
— נישט ווייט פֿון דאַנען, אין טיפֿע קוסטעס.
— איז דאָרט זיכער?
— שוין צוויי חדשים נישט געווען קיין אַבלאַווע.
— און איך לויף אַרום ווי אַ האָז, כ׳האָב קיין מנוחה נישט.
— ביסט אַליין?
— מיט אַ ברודער.
— וווּ איז ער?
— כ׳דאַרף אים דאָ אין דער געגנט טרעפֿן.
— ביסט הונגעריק?
— איר האָט דען וואָס?
— סוכאַרעס, ווילסט עסן?

זי האָט מיט אַ ווילדער הנאה געגריזשעט די פֿאַרטריקנטע שטיקלעך שוואַרצע ברויט. כ׳האָב פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס פֿון די אָפּגעפּליקטע טאַבאַקבלעטער און פֿאַררויכערט. דורכן חוט־השדרה לויפֿט מיט אַ מאָל דורך אַ ציטער פֿון אַ פֿאַרקוועטשטער תאווה. דאָס איז געווען די ערשטע פֿרוי, זינט 20 חדשים, וואָס איז אַזוי נאָענט געזעסן לעבן מיר. די האַרט־קייט פֿון מײַן טרויעריק לעבן איז פֿאַרשוווּנדן. ס׳האָט מיך אַ טראָג־געטאָן צו די ביימלעך הינטערן שייער. ס׳זענען נאָך געווען איבערגע־בליבענע שפּעטע־קאַרשן. מיט ווילדער גיכקייט האָב איך אַ פּליק־געטאָן פֿון זיי אַ פֿול היטל און אויסגעשיט אויף איר שויס.

זי האָט געשלונגען די זאַפֿטיקע שוואַרצע קאַרשן. און באַלד האָב איך ווידער דערהערט איר שטים:

— האָט איר עפּעס אַ לייטיש באַהעלטעניש?
— אַן אייגענע זעמליאַנקע.
— און ווער נאָך איז מיט אײַך?
— כ׳בין איינער אַליין. אַ מאָל קומען חברים.

— פוילישע?

— ניין, באַהאַלטענע ייִדן.

—און איך בין אויסגעשטעלט אויפן חסד פון די פוילישע דאָרפס־יונגען... אָט אַזוי לויף איך פון שייער צו שייער, פון דאָרף צו דאָרף. אין די וועלדער האָב איך מורא אַריינצוגיין.

— שוין לאַנג ווי דו וואַנדערסט?

— זינט מען האָט גענומען ליקווידירן די געטאָס.

— ביסטו, הייסט עס, אַ ייִדישקע? זאָג, שרעק זיך נישט.

— ניין, אַ ציגיינערין בין איך!

— אַ ציגיינערין?

— יאָ, געבליבן בלויז אַ ברודער. די דייטשן שיסן אונדזערע, ברענען אויפן פייער. כ׳בין אַנטלאָפן פון טרעבלינקע.

— האָסט אַ מאָל געטראָפן אין וועג אַ ייִדן?

— פסח־צייט זענען זיי נאָך געווען אַ סך, אָבער שפּעטער זענען זיי געוואָרן אַלץ ווייניקער. ביי דער „ראַווקע" האָב איך באַגעגנט צוויי ייִדישע פרויען.

זי האָט שאַרף אָנגעשטעלט די אויגן אויף מיין פּנים, געוואָלט אָפּנעמען דעם איינדרוק פון אירע ווערטער אויף מיר.

ס׳איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. מיינע באַהאַלטענע חברים האָבן זיך נישט באַוויזן. כ׳האָב לענגער נישט געטאָרט בלייבן אויף דעם פּלאַץ, נאָך פאַר זונאויפגאַנג האָב איך געמוזט זיין אין מיין באַהעלטעניש. כ׳בין אויפגעשטאַנען און זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן פון שייער־אַרויס צו די פעלדער, וואָס זענען מיר געווען גוט־באַקאַנט פון מיינע וואַנדערונגען.

— שוין צייט, כ׳מוז גיין.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ טריט פאָרויס זיך דערנענטערט צו מיר.

— און איך בלייב ווידער אַליין אויפן פעלד — האָט זי, ווי צו זיך, גערעדט אַ רעזיגנירטע.

אַ באַהאַלטענער חשד איז אין מיר אויפגעשוווּמען: אַ פרוי... ווער

ווייסט?... אפשר האָט מען זי אונטערגעשיקט צו דערוויסן זיך ווו ס'איז מיין מלינה... יאָ, אַ סך אומגליקן האָבן שוין פּאַסירט צוליב מיידלעך.

— האָסט עפּעס אַ ווונטש? אפשר אַ פּאָר סוכאַרעס אין וועג אַריין?

זי האָט זיך איינגעבויגן, אַרויפגעוואָרפן דאָס זעקל אויף זיך, און נישט אויסגלייכנדיק דעם קאָפּ ברוגזלעך געענטפערט:

— דערווייל בין איך זאַט, און דעם טאָג וועל איך סיי ווי נישט איבערלעבן.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

— איר ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אין דער געגנט. די אַבלאַוועס הערן נישט אויף. אין דאָרף קאָן מען זיך נישט באַווייזן, די פּויערים טרייבן. צוויי זשאַנדאַרמען זענען דאָ נעכטן דערשאָסן געוואָרן, און די שוואַרצע לויפן־אַרום, שיסן אויף יעדן וואָס גייט מיט אַ פּעלדוועג. נעמט איר מיך נישט צו זיך, בין איך אַ פאַרפאַלענע. אָט דאָ וואַרט איך ביז זיי וועלן מיך דערשיסן.

פאַרשידענע געדאַנקען האָבן אויפגעבליצט און זיך געקרייצט: פאַר־דאַכט און ריזיקע. די זאַך שמעקט דאָ מיט טויט... אָבער אויפן לעבן האָב איך שוין פון לאַנג געשפּיגן און די איינזאַמקייט האָט מיך אויפגעפרעסן.

— קום!

ראַש בין איך אַוועק איבער די פעלדער. זי איז נאָכגעגאַנגען אַ שווייגנ־דיקע. מיינע בליקן אין דער ווייטקייט אַריין, פאַרויס און אַרום זיך, זענען איצט געווען שאַרפער, אָנגעשפּיצטער ווי אַלע מאָל.

נאָך אַ לעבן האָב איך איצט געטראָגן, מיטגעשלעפּט מיט זיך. אָפּט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך מיר דאָס מאָל, מער ווי תמיד, אויסגעדאַכט, אַז פון ווייטנס גייט אַ גרופּע. אָט זענען מיר שוין פאַרביי אַ טיפן טאָרף־גרובן, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס די לאַנקעס און געשטראָמט מיט אַ פרישן וואַסער. אָט שניידט זיך שוין אַרויס אין דער טונקלקייט דער סילועט פון יאַנס כאַטע. הינטערן וואַלד — אָן ביימער און אָן פלויטן אַרום, ווי אויסגעשטעלט אויף אַ טאַץ. כ'הייס מיין באַגלייטערין צוּוואַרטן. שטיל שלייך איך זיך צו צו דער שטאַל און בינד צו דעם הונט אויף דער קייט, ער זאָל דאָ שטיין איבערן טאָג. אין דרויסן הערט זיך דעם פּויערס כראָפּען פון בעט אַרויס.

יאַנען קען מען גוט. ער אַרבעט אין וואַלד, איז אָרעם און באַוואָרפן מיט קינדער. ער האָט געגרן אַ זייטיק פּאַרדינסטל פון אַ ייִדן. בלייבן ביי אים איז געפערלעך, ווייל די הייזלעך נאָענט ביים וואַלד ווערן כסדר באַפאַלן פון דער ברוינער זשאַנדאַרמעריע. אָבער אַן אָפּמאַך וועגן הונט האָט ער מיט מיר געמאַכט. כ׳האָב אים אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע ביסל וועש און אַ פּאָר גראָבע מטבעות, דערפאַר האַלט ער ביי טאָג מיין הונט ביי זיך. כ׳גיי צוריק און נעם די ציגיינערין מיט זיך. זי זעט אויס צו זיין אַ קרעפּטיקע. ביים אַריינגאַנג אין די קוסטעס צום וואַלד שפּאַנט זי מיר נאָך, נישט צו פאַרזוימען אַ טראָט.

ערשט ווען די ערשטע שטראַלן האָבן זיך דורך די מאָך־שפּאַלטן אַריינגעריסן אין דער זעמליאַנקע, האָב איך דערזען איר שוואַרצן קאָפּ האָר און פול פּנים. זי האָט קניִענדיק גענומען פלעכטן אירע צוויי שוואַרצע לאַנגע צעפּ.

— איר זענט ביי נאַכט ערגעץ געווען?

— ביים ראַנד פון וואַלד, געוואַרט אויף נאָך פאַרבלאָנדזשעטע ייִדן, קיינער איז אָבער נישט געקומען.

— און איר שרעקט זיך נישט אַרומצוקריכן ביי נאַכט?

— ביי נאַכט איז זיכערער, ווי ביי טאָג; די זשאַנדאַרמען האָבן מורא דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן.

די טאָג־שעהען, וואָס אַלע מאָל האָבן זיי זיך געצויגן מיט זייער לאַנגוויל און סכנה, זענען דאָס מאָל שנעלער פאַרלאָפן. זי האָט זיך גע־האַלטן פון מיר פרעמד. אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָב איך זי ווידער געלאָזט אַליין און אַוועק זוכן שפּייז און וואַסער. איצט האָב איך שוין געמוזט זאָרגן פאַר צוויי.

באַגינען, ווען כ׳בין צוריקגעקומען, האָב איך זי געטראָפן אַ גרייטע ווי צום אַוועקגיין. זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שטאַרער גלייכגילטיקייט, עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט מיך באַהערשט. כ׳האָב זיך גענומען שרעקן פאַר איר ווייבלעכקייט, און גלייכצייטיק זי געוואָלט פאַר זיך.

אויפן פערטן טאָג האָט זי זיך שוין געפילט מיט מיר היימיש. זי האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון איר לעבן. אַ גרויסע זאַך איז פון מיין זייט, האָט זי געזאָגט, אַז איך באַליידיק זי נישט. אַ סך, זייער אַ סך,

האָט זי דאָך געליטן פון די פויערים־שקאָצים. זיי אַלע ווילן זי אויסבאַ־האַלטן, נאָר בתנאַי... און זי אַנטלויפט פון זיי. זי וויל אויך נישט גיין צום „האַקער”, אַ פּאַרטיזאַנער. נאָך איידער יענער האָט זי צו זיך אין באַ־העלטעניש אַריינגענומען, האָט ער איר קלאָר געזאָגט: זי וועט ביי אים האָבן עסן און אויפהאַלט, אָבער זיין וועט זי מוזן — זיינע... איצטער האָט ער אפשר חרטה און זוכט זי אַרום, זי וועט אָבער צו אים קיין מאָל מער נישט גיין.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט באַ־שלאָסן צו גיין אויסזוכן איר ברודער און מאָרגן קומט זי צוריק. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז איר געוואָרן דערעסן. זי וויל מיך אויך אייביק פאַרלאָזן. דעם וועג פון וואַלד אַרויס האָט זי שוין גוט געקענט, און זי האָט נישט גערדאַרפט, איך זאָל זי באַגלייטן.

באַלד נאָך איר אַוועקגיין האָב איך דערפילט, אַז זי האָט מיר שלעכטס געטאָן. די איינזאַמקייט האָט מיך גענומען פרעסן נאָך מער ווי פריִער. כ׳האָב געזען, אַז זי פעלט מיר אין דער זעמליאַנקע, און גענומען טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון דאַנען. און אויך געדאַנקען וועגן אומצוטרוי האָבן געעגבערט. ווען זי איז נישט געקומען צו דער צייט, בין איך געווען זיכער, אַז זי וועט אַנווייזן ווו איך געפין זיך. דאָך האָב איך באַשלאָסן דאָ צו בלייבן.

נאָך אַ וואָך צייט האָב איך זי ווידער באַגעגנט אַרום יאַנס כאַטע. דאָס מאָל האָט זי זיך מיט פרייד אַ וואָרף געטאָן צו מיר.

— דאָס איז מיין ברודער. זעסט, וואַסיל, אָט דער מענטש האָט מיך אין יענע טעג געראַטעוועט — און זי ווענדט זיך צו מיר:

— כ׳וואָלט וועלן צו אייך צוריקקערן, אָבער מיט מיין ברודער. עסנוואַרג האָבן מיר מיט זיך אויף אַ וואָך צייט.

ס׳האָט זיך מיר שטאַרק נישט געוואָלט דעם פרעמדן ווייזן די הייל. זי האָט דאָס פאַרשטאַנען און זיך אָפּגערופן:

— מיר רעדן איצט אָפּ נאָר אויף פינף טעג, ביז ס׳וועט שטיל ווערן אין דער געגנט... נייך, מיר וועלן גיין ערגעץ אַנדערש, איר קאָנט נאָך צוליב אונדז ליידן, און אפשר אויך אַריינפאַלן.

זי האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט אַזוי פּשוט, אַז כ׳האָב שוין אַנדערש נישט געקאָנט. כ׳האָב זיך אָפּגערופן:

— קומט, מיר גייען.

— ניין, כ׳האָב זיך באַטראַכט.

— וואָס, כ׳דאַרף אייך נאָך בעטן?

— איר קאָנט דורך אונדז אַריינפאַלן, און איך וועל עס נישט איבערטראָגן.

— נו, זייט נישט קינדעריש, מיר גייען!

איצט, אַז מיר זענען געווען זאַלבעדריט, האָב איך זיך גאָר בעסער געפילט. כ׳בין געווען אַ סך פרייער און צופרידן, וואָס כ׳האָב דערפילט אַ צוים איבער מיינע אינסטינקטן. איר ברודער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן זולל וסובא. דאָס ברויט און די אומצייטיקע עפּל האָט ער אויפגעפרעסן פריִער פאַר דער צייט, ווי ס׳איז געווען אויסגערעכנט. ס׳האָט אָנגעהויבן אויספעלן עסן.

נאָך צוויי טעג זענען מיר שוין געווען צוזאַמענגעבונדן ווי געבוירענע אין איין חיה־נאָרע. דאָס מיידל האָט זיך צו מיר באַצויגן מער וואַרעמער. דאָס אָבער, וואָס זי האָט נאָך אַלץ דערמאָנט דעם „האַקער״, האָט מיר אַ ביסל וויי געטאָן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי מוז אים אַ ביסל ליב האָבן. כ׳האָב געזוכט, געטאָן אַלץ צו אימפּאָנירן איר.

ס׳האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז איך נעם זי אינטערעסירן. זי האָט זיך גענומען אויספרעגן וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט. זי וויל וויסן צי כ׳בין אַ בחור, אויב כ׳האָב געפירט ליבעס.

דער ברודער אירער איז געווען פון מיר שטאַרק נתפעל. ער איז די גאַנצע צייט געלעגן אין ווינקעלע, ווו דורך אַ שפּאַרע איז אַריין אַ בעזעם ליכטשיין. ער האָט מיר אויסגעלאַטעט די צעפליקטע הויזן און צוגעניי די נעט פון איינציקן העמד מיינעם פון גראָבע פּויערישע לייוונט.

איין מאָל ווען כ׳האָב איר געגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר און בלייפעדער, ז׳ זאָל מיר עפּעס אָנשרייבן, האָט זי אויפגעצייכנט אַ האַרץ און שעמעוודיק מיר געגעבן אין האַנט אַריין.

כ׳האָב איר דערציילט וועגן מיינע שטודיעס, וועגן מיינע רייזעס, וועגן

מיין טעטיקייט ביי געהיימע ראַדיאָ־סטאַציעס אין ענדע 39סטן יאָר. זי אָבער בלייבט גלייכגילטיק און קאַלט:

— כ׳קאָן אַלץ נישט וויסן ווער אייגנטלעך איר זענט — און זי רוקט זיך אָפּ פון מיר.

אין ווינקל האָט זיך דערהערט אַ כראָפּען. דער יונג איז איינגעשלאָפן, און ס׳איז געווען אַ מורא, ער זאָל נישט פאַרלירן די נאָדל אין שטרוי. איך צי זי אַרויס פון צווישן זיינע פינגער, און זעץ זיך אַוועק ביי דער ציגיינערין. ס׳גייט מיר שוין פּשוט אין לעבן, כ׳זאָל איר געפעלן ווערן.

מיר פלוידערן שוין פריי און וועגן אַלעם וואָס ס׳טוט זיך אַרום אונדז. זי פרעגט מיך, פאַר וואָס כ׳בין אַזוי אָרעם, און ווייזט מיר אויף וואָסילס אָפּיצערסקע שטיוועלעך פון א „ביינאַכטיקער אַרבעט״. זי דערציילט מיר אויך וועגן די חברה וואָס געפינט זיך אין די ליפּצער וועלדער און האַלטן זיך אויס פון גנבענען שעפּסן.

איך באַמערק, אַז זי איז גאָר פאַרכאַפּט פון די גניבות, וואָס קומען פאָר אין דער געגנט. כ׳לייג אָבער אויף דעם נישט קיין צו פיל אַכט. פלוצעם פאַלט מיר איין אַ פּלאַן. כ׳רוף זיך אָפּ צו איר:

— ווילסט וויסן ווער איך בין? אָבער געדענק, קיין פּיפּס נישט טאָן!

זי שטעלט אָן אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן, וואָס שפּיגלען נאָך מערער אין דעם שוואַכן ליכט, און אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף מיין האַלדז, בעט זי זיך:

— זאָג ליבער, זאָג טאַקע, ווער ביסטו און וואָס טוסטו?

— כ׳לאַך פון די אַלע קליינע גנבימלעך — נעם איך אָן אַ ווילערישן טאָן — וואָס גנבענען ביי די פּויערים אַ גאַנדז אָדער אַ פּאָר שטיוול. איך גיי זעלטן אויף אַזעלכע אַרבעטן. דערפאַר בין איך דער ערשטער ווו ס׳איז פאַראַן אַ פעטער ביסן. אָבער געדענק! שאַ! ש־אַ־אַ!!!... אָט יענע וואָך האָב איך אויסגעליידיקט אַ „קאַמאָרע״ ביי אַ רייכן קולאַק: העמדער, קליידער, שטיוול, סחורות און בראָנפן. דעם בראָנפן האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיך, און פאַרן איבעריקן „רעשטל״ האָב איך באַקומען פון דער האַנט־אַוועק אַ שאָק טויזנטער. וואָס אָן אמת האָט זיך דער פּויער אין מיטן דערינען אויפגעכאַפּט און אַריין אין דער קאַמער. נו, וואָס טוט מען מיינסטו? האָב איך אָנגעשטעלט דעם „שפּייער״ פאַר זיין נאָז און

געהייסן אים צוריקגיין צו דער באָבע אין בעט אַריין... זיי, אַט די חברה, מיטן „האַקער" בראש, זענען דען בעל־מלאכות? פּענטאַקעס, זענען דאָס, וואָס כ'וואָלט אַפילו אויף „צונג"* נישט געוואָלט אַוועקשטעלן! פאַרשטייסט ביי מיר איז פאַראַן פּראַקטיק. אַט וועל איך דיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן ביי אַ שטיקל אַרבעט. און אויב מען דאַרף „שלאָף־פּולווער", קען איך איינשלעפערן אויך. פינף הונדערט גאָלד־שטיקלעך האָב איך מיר שוין איינגעקויפט פון דער אַרבעט, אָבער אין קיין געגנבעט העמד וועל איך זיך נישט באַווייזן. קיין שפּור טאָר נישט זיין!...

די ציגיינערינס אויגן בליצן־אויף. זי רוקט זיך נאָענט צו צו מיר. און כ'דערפיל דעם לייכטן ציטער פון איר לייב.

— איצט רעכן איך — צי איך ווייטער — אויסצופירן אַ ניי שטיקל אַרבעט. אַט דאָרט, זאָג איך, ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט, וווינט דער רייכסטער פּויער פון דאָרף. דריי טעג פיר איך שוין דעם אויסשפּיר. ביי מיר גייט עס נישט אַזוי בחפזון, אָן אַ פּלאַן און נישט צוגעגרייט. אויף צו פאַרשטומען די הינט בין איך אַ קינסטלער, און דאָס איז דער עיקר. אַ בילנדיקער הונט איז אַ זיכערע מפּלה. די רייכע פּאַרמער, דאַרפסטו וויסן, האָבן די בייזסטע הינט. דערנאָך וועט מען דאַרפן איינשלעפערן די מוידן, וואָס שלאָפן אין דער קיך. אַט דאָס מאַך איך מיט דעם פלעשעלע — וויז איך איר אויף אַ פאַרקלעפּט פלעשל, וואָס ליגט צווישן שטרוי.

די ציגיינערין טוליעט זיך וואָס אַ מאָל מערער צו מיין ברוסט. אַט האַלט זי מיך שוין אַרומגענומען. פּלוצים שפּרינגט זי ראַש אויף:

— ווען גייסטו אויפן נייעם שטיקל אַרבעט?

— היינט ביי נאַכט.

— נעמסט מיך מיט? אָבער אויף אַ גלייך שותפות... קענסטו זיך אויף מיר פאַרלאָזן. וועסט זיין צופרידן; שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי כ'בין מיטגעגאַנגען. אַט זע!...

פון איר אויפגעקנעפּלטן בוזעם שלעפּט זי אַרויס אַ לייוונטן טאַרבעלע אָנגעפּאַקט מיט פּוילישע באַנקנאָטן.

---

* צונג — שמירה.

— דאָס איז מיין אייגן פאַרדינסט, און דער ברודער האָט אויך אַ פּעקל.

מער האָבן מיר צווישן זיך נישט גערעדט. ס'האָט מיך באַהערשט אַ פּוסטקייט. נישט בלויז האָב איך נישט געפילט קיין נצחון־פרייד, נאָר עס האָט מיר בכלל פאַרדראָסן פאַר וואָס מיין פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן און דאָס מיידל האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. כ'האָב זיך קוים דערוואַרט, אַז די נאַכט זאָל צופאַלן.

און אַז עס איז נאַכט געוואָרן בין איך שטיל און אומבאַמערקט אַרויס פון דער זעמליאַנקע.

צו דער זעמליאַנקע האָב איך זיך מער נישט צוריקגעקערט.

איך בין דאָ!

אויף דער זשאַנדאַרמען־סטאַציע, וואָס ביים טייך ראַווקע איז נאָר דער עלטסטער וואַכמייסטער געווען אַ רייכסדייטש. די איבעריקע ברוינקעלנערדיקע זשאַנדאַרמען זענען געווען פאָלקסדייטשן.

אַלע זענען זיי געווען פעטלייביקע מיט רויטפּליישיקע באַקן און תמיד שיכורע אויגן. זייערע דיקלעכע בייכער זענען געווען אַרומגענומען מיט ברייטע פּאַסקעס ווי רייפן אַרום פולע הערינג־פעסער. ביי דער רעכטער זייט האָבן אַראָפּגעהאָנגען לעדערנע פּיסטאָלעטן־שיידן.

דער ייִנגסטער פון זיי — פּראַנצל, אַ געל־האָריקער יונג, באַשאָטן מיט זומער־שפּרענקעלעך איבערן פּנים און האַלדז — איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין געטאָ. אַ סך ייִדן האָבן אים געקענט פון זיין דאָרף. די וואָס האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן זיך פאַר אים נאָך מער באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז פּראַנצל האָט נישט ליב, אַז מען קען אים פון דער היים, און ווי נאָר ער באַגעגנט אַ באַקאַנטן ייִדן, אַ דאָרפסגייער, צי אַ שניידער — לייגט ער אים אַוועק מיט אַ קויל פון זיין שוואַרצן פּיסטאָלעט.

נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פּראַנצל געווען אַ געהילף ביי אַ קאָוואַל אין זיין געבוירן־דאָרף קאָכאַנאָוו. גאַנצע טעג איז ער געלעגן אין דער קוזשניע, געשמידט אייזערנע רייפן צו וועגענער. דאָרפסייִדן פלעגן זיך ביי דער קוזשניע אָפּשטעלן און לאָזן קאָווען די פערד. פּראַנצל איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו קאָווען די ווילדסטע פערד. איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן עפּעס טאָן, האָט ער קודם כל דערלאַנגט מיט דער לאַנגער אייזערנער צוואַנג דעם פערד אַ זעץ אין בויך אַריין, אַזש דאָס פערד האָט אַ שפּרונג־געטאָן און מיט פּחד געקוקט אויפן קאָוואַל אין לעדערנעם פאַרטעך. אַז ער האָט אויפגעהויבן אַ פוס פון אַ פערד, האָט ער

אַ געשריי געטאָן און אַזוי אויסגעקרימט דעם פּוס, אַז דאָס פּערד איז געשפּרונגען פאַר ווייטיק. אַז אַ ייִד איז צוגעפאָרן צו דער קוזשניע, איז פראַנצל דער ערשטער אַרויסגעלאָפן צו דער אַרבעט; ער האָט געוווּסט, אַז ייִדן פאָרן נישט אַוועק אָן טרינקגעלט.

אין געטאָ אַריין איז פראַנצל געקומען אָן אויסגעפּוצטער מיט זיין „וואָלף" ביי דער זייט. זיינע געלע באַנאָגלטע שטיוול האָבן געקלאַפּט, ווי פּערדישע פּאָדקאָוועס, און זיינע ווייס־פּאַרלאָפענע אויגן האָבן תמיד עפּעס געזוכט פון דער ווייטנס.

זיינע טריט האָבן אָנגעוואָרפן אַזאַ מורא, אַז די געטאָ־געסלעך זענען באַלד ליידיק געוואָרן. אָבער פראַנצלס הונט איז תמיד געווען פלינקער צו כאַפּן אַ קרבן.

מיטן געכאַפּטן ייִד פלעגט זיך פראַנצל לאַנג שפּילן. ער האָט דעם געפאַנגענעם אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט אונטער דער וואַך פון זיין הונט און אויסגעשאָסן איבער זיין קאָפּ, כדי דעם ייִדס האַרץ זאָל אַנטפאַלן פאַר שרעק. דערנאָך האָט ער אַ פּייף־געטאָן און זיך געשטעלט פון ווייטנס צוקוקן צום ספּעקטאַקל. צו ערשט האָט פראַנצל דעם הונט אונטערגעטריבן מיט געשרייען: „נעם דעם יודע"! ווען דער הונט האָט דערזען די ערשטע בלוט־שנירלעך, איז ער אַריין אין אַזאַ ווילדער צע־רייצטקייט, אַז ער האָט זיך מיט די ציין טיף איינגעשניטן אינעם קערפּער און אַרויסגעריסן שטיקער פלייש. אַז פראַנצל איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, האָט ער דעם הונט ווידער צוריקגעשיקט:

— נאָך מאָל! נאָך מאָל!

אַז דער קרבן האָט הויך געשריגן, איז פראַנצל אַריין אין אַ פּוריע און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות. דאָס רעווען פון דייטש האָט זיך אויסגעמישט מיטן הונטס בילן. ביידע האָבן געזאָטן מיט בלוטדאָרשט. דער ברוינער זשאַנדאַר האָט געריטשעט:

— נאָך מאָל צום יודע! נאָך מ—אָ—אָ—ל!...

ערשט ווען דער קרבן בלייבט ליגן אָן אומבאַוועגלעכער, דער הונט דרייט זיך אַרום און באַשמעקט אים פון אַלע זייטן — דעמאָלט גייט פראַנצל אַוועק מיט אַן אַפּעטיט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. ס'ציט אים צו בראָנפן.

פראַנצל גייט אין יודענראַט אַריין. ווי וועט זיין צו זיי — שמייכלט פראַנצל אונטער די וואָנצעס — אויב זיי וועלן נישט אָנגרייטן פאַר אים אַ פלאַש בראָנפן מיט איבערבייס.

— דער יודענראַט שאַצט אָפּ מיין אַרבעט — זאָגט פראַנצל גלייך ביים אַריינקומען, דערזעענדיק די גרויסע פלאַש בראָנפן.

נאָכן אַריינגיסן אין זיך עטלעכע גלעזלעך ווערט ער באַרעדעוודיק:

— מיכאַל! ווי פרעך דיינע יודען פירן זיך אויף — זאָגט פראַנצל צום עלטסטן — זיי געוואַלדעווען אין מיטן גאַס, ווען מיין הונט באַשמעקט זיי... אַזעלכע נידערטרעכטיקע...

— אַזוי?... — נו, איך וועל זיי שוין אָנזאָגן... טרינק פראַנצל, האָסט זיך אַוודאי גוט אָנגעאַרבעט...

— מענטשנס קינד — רעגט זיך אויף דער זשאַנדאַרם — אַז איך מאַך מיין דינסטלעכן מאַרגנשפּאַציר, מוז איך דאָך זען עס זאָל אָרדענונג זיין... ניכט וואַר?

— געוויס! געוויס, הער וואַכמייסטער. ווער האָט דען עפּעס צו דיר...

מיכאל ווייסט שוין וועמען פראַנצל האָט צו רעכט געמאַכט... עס גייט אין אים אויף אַ ביטער געוויין. ער קוקט זיך איין אין זשאַנדאַרמס שיכּורע אויגן, און אַ געדאַנק בליצט ביי אים אויף: צו וואָס זיך צו דעם אַלעם צוקוקן? אַרויפּציִען אויף זיך אַ צופרידענעם שמייכל, בעת אין האַרצן רייסט אַ וויי־טאָג? אַנשטאָט אָנשפּייען דעם בלוטדאַרשטיקן קאַניבאַל אין פּרצוף אַריין — מאַך איך אים גאָר קאָמפּלימענטן? דער רוצח איז אַצינד אין אַ גוטער שטימונג, וועט ער אים זאָגן: „פראַנצל, דו ביסט דאָך אַ פיינער קערל, ווייסט וואָס — קום מיט מיר אַרויס אויפן הויף, אָט דאָרט ביי די ביימלעך — דערשיס מיך!”. פראַנצל וועט אים די „טובה” נישט אָפּזאָגן...

אָבער נישט אַלע מאָל האָט פראַנצל באַוויזן „אָרדענונגסמעסיק” צו פאַרענדיקן זיין מאַרגנשפּאַציר. טייל מאָל האָט דער קרבן נישט געוואָלט אויסהאַלטן די עינויים און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים פון דער וואַנט. דעמאָלט איז פראַנצל אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און אָן אויפהער געדע־וועט, ווי ער וואָלט פאַרטייטשט פאַרן הונט: — געזען אַ חוצפּה! אַ יודע זאָל וואַגן צו ברעכן דעם באַפעל פון דער זשאַנדאַרמעריע? ער האָט פאַ־

מעלעך אַרויסגעצויגן דעם לאַנגן פּיסטאָלעט פון דער געלער שייד און אויסגעשאָסן.

מיט אַ מאָל איז פראַנצלען מיאוס געוואָרן דאָס גאַנצע עסק. ער איז געקומען אין יודענראַט אַריין און פראַסט פּשוט געזאָגט:

— איך קאָן נישט עסן קיין פרישטיק ביז איך דערשיס קיין ייִד, ערשט דערנאָך קען איך נאָרמאַל אָפּעסן.

דער יודענעלטעסטער האָט אים גענומען אויספרעגן: אפשר דאַרף ער האָבן אַ גוטע פלאַש קאָניאַק, אַ גוט שטיקל שינקע, אָדער אַ געפּרעגלט גענדזל צום פרישטיק — ער האָט דעם זשאַנדאַרם פאַררעדט און דער־ווייל אַ ווונק געטאָן, מען זאָל אַלץ באַזאָרגן. באַלד איז דער טיש געווען געדעקט מיט כל־טוב, ווי פאַר אַן אָנגעלייגטן גאַסט. פראַנצל האָט זיך צוגעבויגן צום טיש, אַלץ באַשמעקט, געפּרוווט נעמען אין מויל אַריין, אָבער באַלד צוריק אַוועקגעלייגט און געקרומט מיטן נאָז:

— איך פיל נישט קיין טעם! עס גייט נישט אַריין אין האַלדז!

— עס שמעקט גוט, הער וואַכמייסטער!

— איך קאָן נישט! איך מוז צוערשט שיסן אַ יודע!

די יודענראַטלער האָבן נאָך געפּרוווט מיטן זשאַנדאַרם איינטענהן, אפשר דאָס, אפשר יענץ... אָבער דער פאָלקסדייטש האָט זיך אָנגעצונדן מיט כעס:

— ווילסטו, פאַרפלוכטער דרעקיקער יודע, אַז איך זאָל קיין פרישטיק נישט עסן?!

אין געטאָ איז מען שוין צוגעוווינט געוואָרן, אַז יעדן טאָג מוז פאַלן אַ קרבן פון פראַנצלס הענט.

אין איינעם אַ טאָג, ווען קינד און קייט האָט זיך באַהאַלטן ביז מען וועט הערן פראַנצלס „מאָרגנשאָס", גייט זיך גאָר דער דייטש רויִק אַדורך די געטאָ־געסלעך און טשעפּעט קיינעם נישט. ער גייט אַריין ניכטער אין יודענראַט און זאָגט צום יודענעלסטן:

— אייער ראַבינער מוז איך היינט דערשיסן פאַרן פרישטיק!

דער יודענעלטסטער איז געווען אַ גריבענער יונג. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט וואָס דער דייטש איז אויסן:

— פּראַנצל, וואָס איז מיט דיר? וואָס ווערסטו האָבן פון אַן אַלטן ייִדן, אַ צעבראָכענער שאַרבן, אונדזער ראַבינער?...

פּראַנצלס פּנים איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ רויטקייט און ער האָט אַ בריקע געטאָן מיטן פוס:

— שוין זאָלסטו מיר ברענגען דעם ראַבינער!

דער ייִד האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שאָד יעדעס וואָרט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די פּאָליציסטן פון דער געטאָ־„אָרדנונגס־דינסט".

— גייט, ברענגט דעם רב!

ווי נאָר די אָרדנונגס־דינער זענען אַרויס, האָט ער געעפנט דאָס פענצטער און זיי הויך נאָכגעשריגן, פּראַנצל זאָל הערן:

— מאַכט דאָס שנעל, דער הער וואַכמייסטער אײַלט זיך!

און מיט דער האַנט, וואָס איז געווען אַריבערגעבויגן אויף יענער זייט פענצטערברעט, האָט ער געוואָרפן אַהין און צוריק — אַ צייכן אויף „ניין".

פּראַנצל זיצט אין יודענראַט און וואַרט אויפן אַלטן רב. ס'איז שוין אַ שפּאָר שטיקל צייט, און דעם רב זעט מען נישט. דער יודענראַטלער וויל דעם דייטש מיט עפּעס מפּייס זײַן, אָבער פּראַנצל לאָזט נישט צו זיך רעדן. ער רויכערט אָן אויפהער און וואַרפט האַלב־ברענענדיקע סיגאַרעטן די באַאַמטע אין פּנים אַרײַן. דער יודענראַטלער גיט אַ ווונק, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין, און ער הייבט ווידער אָן:

— וואָס פאַרא פייערטאָג איז ביי דיר היינט, וואָס דו דאַרפסט אַ ראַבינער דערשיסן? ווייסט וואָס? זאָל מען אָננעמען, אַז דער ראַבינער איז שוין דיינער. אפשר ווילסטו מיר אים פאַרקויפן אַ לעבעדיקן?

— דאָנערוועטער! — שפּרינגט דער זשאַנדאַר אויף ווי אַן אָפּגע־בריטער.

— וואַכמייסטער, ווייסט וואָס? נאַ דיר פאַר אים אַ האַלבן קילאָ גאָלד!

— האַלט די פּרעסע!

— אַ קילאָ!

— דעם ראַבינער דאַרף איך, פאַרשטאַנען?

— נו מען זוכט דאָך אים! האָסט דאָך אַליין געהערט, ווי כ'האָב זיי נאָכגעשריגן „שנעלער, דער וואַכמייסטער האָט קיין צייט נישט!".

איך בין דאָ!

— איך שיס די יונגען אויס, אויב זיי ברענגען מיר נישט זאָפאָרט דעם ראַבינער.

— פראַנצל, מען זוכט דאָך אים אין אַלע לעכער! גוט, כ'וועל שיקן נאָך אַ פּאָר יונגען, זיי זאָלן זוכן דעם ראַבינער.

דער זשאַנדאַר ענטפערט נישט. ער שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס שטייף און פאַרקנעפּלט אַלע קנעפּלעך פונעם גרינעם רעקל ביז אונטערן ברוינעם קאָלנער. ער נעמט אַרויס דעם טאַשן־זייגער און שטופּט צו דעם ציפערבלאַט האַרט צום יודענעלטעסטנס נאָז:

— אין אַ האַלבער שעה אַרום קום איך ווידער אַהער מיט אַ מאַשין־ביקס. אויב דער ראַבינער וועט נישט דאָ וואַרטן אויף מיר, שיס איך היינט אויס הונדערט יידן, געדענק, הונדערט יידן! קיין איינעם נישט ווייניקער! דו אַליין וועסט מיטגיין און ציילן!

דער יודענעלטעסטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ פאַרמשפטער וואָס נעמט אויף דעם גזר־דין. פאַרפאַלן! הונדערט קרבנות — מסכים! אָבער דעם רב גיב איך נישט! — האָט ער מיט זיך אָפּגעמאַכט.

ער האָט שוין געוווּסט, אַז דער רב איז באַהאַלטן אויף אַ זיכער אָרט. אַפילו ווען מען זאָל שיסן אין געטאָ, וועט מען דאָרטן נישט צוקומען. ער איז געווען זיכער, אַז פראַנצל וועט האַלטן וואָרט און באַלד צוריקקומען, אָבער זיין באַשלוס קלערט ער אַפילו נישט צו ענדערן.

דער רב ליגט נאָך אַלץ באַהאַלטן אין אַ קעלער ביי אַ שוסטער. דאָס אַלטע הייזל זעט מען קוים אַרויס. עס איז שטיל אין גאַס. ער הערט נישט מער ווי דאָס טיקען פון זיין האַרצן און דאָס קלאַפּן פונעם שוסטערס העמערל אויבן, אויף דער פּאָדלאָגע פון קעלער. פּלוצעם דערהערט דער רב, ווי פון גאַס דערטראָגט זיך אַ געוויין. עס דערנענטערן זיך ביטערע יללות. וויי, וויי! אפשר מיינט מען דאָס אים? זיינע ליפּן נעמען ציטערן. אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך צוגעגרייט צו אַ נסיון פון מקדש־השם זיין, און אַז עס איז געקומען דערצו, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער געפינט זיך נאָך בבחינת פון אַ חלוש, אַ שרעקעוודיקער, וואָס קאָן נישט אַריינקוקן אין זשאַנדאַרמס אויגן. און ווי לאַנג וועט ער דען דאַרפן אָנקוקן דעם דייטש? אין גאַנצן איין מינוט ביז פראַנצל וועט אַרויסציען דעם רעוואָלווער פון דער שייד. תפילה בזמנה האָט ער זיין גאַנץ לעבן אָפּגעע־

היטן, און פון קידוש־השם אַנטלויפט ער? ער וויל לויפן, אַרויסלויפן פון קעלער, אָבער ער דערפילט, ווי די פיס וואַלטן אין גאַנצן מורד געווען אין זיין ווילן, און שאַרן זיך קוים. מיט אַלע כוחות נעמט ער זיך דראַפּען אַרויף אויפן לייטערל. דער קאַרק וויל זיך נישט איינבייגן, און ער פילט אַפילו נישט, ווי דער פליושענער קאַפּעליוש קנייטשט זיך אין גאַנצן איין, בעת זיין שפּיץ קאָפּ הייבט פּאַמעלעך אונטער דאָס צודעקל פון קעלער.

מיט איין אויג דערזעט דער רב שעיהלען דעם שוסטער, ווי ער זיצט אויפן שוסטער־בענקעלע מיט אַ זאַק איבער די קניען און קלאַפּט טשוועקלעך אין אַלטע קאַפּטשעס אַריין. דער רב הייבט וואָס אַ מאָל מער אונטער דאָס צודעקברעט. שעיהלע רייסט אָפּ די אויגן פון דער קאַפּיטע און דערזעט, ווי די קופּע אַלטע שיך נעמט זיך אַראָפּשיטן פון פּאַרדעקטן ברעט און דעם רבס שפּיץ קאָפּ שטעקט אַרויס. דעם רבס אויגן גליִען, און באַלד דערהערט ער זיין קול:

— זאָג, וואָס טוט זיך אין געטאָ?

— רבי, דערבאַרעמט איך, קריכט צוריק אַריין אין קעלער!

— זאָג, שעיהלע, וואָס איז געשען?

— רבי, ר—ב—י — וואַרפט זיך שעיהלע אַנידער אויף דער פּאָד־לאָגע, כאַפּט דעם רב אָן ביי די קניען און וויל אים צוריק אַריינשטופּן אין קעלער אַריין.

אָבער דער רב שטויסט אים אָפּ פון זיך.

— שעיהלע, כ׳בין גוזר אויף דיר — שוין זאָלסטו מיר זאָגן דעם אמת!

דער שוסטער בלייבט צעטומלט. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, אָבער אין דעם מאָמענט לויפט אַריין דעם שוסטערס ווייב מיט אַ ביטער געוויין:

— אוי ווי, אַ בראָך האָט אונדז געטראָפן! הונדערט ייִדן וויל דאָך פּראַנצל פאַרן רב! מיכאל אַליין וועט מוזן ציילן די דערשאָסענע.

שעיהלע דרייט אויס דעם קאָפּ צום ווייב. ער וויל איר עפּעס זאָגן, פילט ער, ווי זיינע ליפּן האָבן זיך אים צוגעקלעפּט. וויל ער איר וואַרפן אַ קאַפּיטע, רירן זיך נישט זיינע הענט. ער זעט נאָר, ווי דעם רבס פּנים איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן, דערנאָך האָט עס ווידער אויפגעלעבט. דער רב שטייט נאָך אַלץ אויפן לייטערל און האַלט זיך אָן אין אים מיטביידע

הענט. אָבער באַלד איז ער אַזש אָפּגעשפּרונגען. דער רב האָט אַ שטעק אַרויסגעגעבן דעם קאָפּ ביז צו דער גאַרטל. אַלע קאַפּטשעס האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט פון צודעקל. דער רב דראַפּעט זיך אַרויף פון קעלער און שוין שטייט ער אין מיטן שטוב. ער גלעט אויס זיין ווייסע באָרד און זאָגט:

— שעיהלע, כ'האָב אונטן פאַרגעסן דאָס טלית־זעקל, גיי ברענג עס מיר אַרויף!

— רבי, גייט צוריק אַראָפּ אין קעלער! — בעט זיך דער שוסטער.

— גיי ברענג מיר דעם טלית, זאָג איך דיר!

דאָס שוסטערל קריכט אַראָפּ אין קעלער און דערלאַנגט דעם רב דאָס טלית־זעקל. שעיהלע באַמערקט, ווי דער רב זעט איצט אויס רויִקער. ער גיט אַ ווינק די אשה זאָל אַרויסגיין. און דער רב נעמט זיך אָנטוען. צו ערשט טוט ער אָן אַ לאַנגן ווייסן קיטל. דערנאָך ציט ער אַרויף דעם טלית־קטן און די אַטלאַסענע קאַפּאָטע. אויבן טוט ער אָן דעם טלית, פאַרלייגט אים ווי אַ שאַליק אויפן האַלדז. אַזוי ווי דעמאָלט, ווען ער גייט אַהיים שבת פון דאַווענען. שעיהלע קוקט זיך צו דעם אַלעם צו, ווי ער וואָלט געווען געליימט. דערנאָך זעט דער שוסטער, ווי דער רב גייט צו צום קיבל וואַסער און וואַשט זיך די הענט מיט דער שעפּ, וואָס הענגט אין ווינקל. ער גיסט דריי מאָל אָפּ די הענט אוןווישט זיי אָפּ. שעהילע פאַרשטייט, אַז דער רב גרייט זיך צו עפּעס און ווידער רייסט זיך אַרויס פון זיין האַלדז:

— רבי, גייט אַראָפּ אין קעלער! מ'קאָן אייך נאָך דערזען!...

אָבער דאָ דערפילט שעיהלע פון דער נאָענט דעם רבס שטעכנדיקן בליק, אַז ער גיט אַזש אַ ציטער. זינט ער קען דעם רב, האָט ער נאָך נישט געזען ביי אים אַזעלכע אויגן. דער רב וואַרפט אַוועק דאָס האַנטעך און דערנענטערט זיך צו אים פנים אל פנים:

— מיט מיר ווילן זיי שפּעקולירן? — בייסט דער רב די ליפּן — הונדערט ייִדישע קרבנות וויל דער רוצח פאַר מיין לעבן? און דו הייסט מיך צוריק אַריינגיין אין קעלער?

דער רב פאַרלאָזט דעם שוסטערס הויז און גייט אַרויס אין מיטן גאַס. ער גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיכערע טריט.

ייִדן, וואָס האָבן אים געזען גיין אין גאַס, האָבן זיך געריסן די האָר, ווייבער האָבן געכליפּעט אויפן קול, אָבער דער רב האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט און צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט נישט וועלן מפסיק זיין אין מיטן אַ תפילה. און אָט איז ער שוין נאָענט ביים יודענראַט, ביים הויז פון דער ייִדישער גמינע. מ׳האָט אים שוין געהאַט דערזען, אָבער אַפילו די פּאָליציסטן פון יודענראַט וואָגן נישט צו זאָגן פראַנצלען, אַז דער רב גייט. אפשר, טראַכטן זיי, וועט דער רב די געפאַר אַליין דערפילן און פאַרקירעווען אין אַ זייטיק הויז.

אינעווייניק שטייט פראַנצל מיט דער נייער מאַשין־ביקס. ער שטייט מיטן זייגער אין האַנט. נאָך צוויי מינוט, און ער וועט אָנהייבן...

— נאָך איין מינוט!

אָבער דאָ פראַלט פּלוצעם אויף די טיר און עס באַווייזט זיך דער אַלטער רב.

דער רב הייבט אויף די האַנט צו דער מזוזה פון דער טיר און בלייבט שטיין, ווי ער וואָלט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ טויט־שטילקייט. דער ערשטער שפּרינגט אויף דער זשאַנדאַר.

— איסט דאָס דער ראַבינער? — בליצט ער אויף מיט וועלפישע אויגן.

אין דער רגע דערנענטערט זיך דער רב מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צום זשאַנדאַר און זאָגט מיט אַ פעסטער שטימע:

— דאָס בין איך! א י ך ב י ן ד אָ!

אַ בערלינער

דער עלטסטער וואַכמייסטער איז געווען אַ רויִקער העלהאָריקער דייטש, אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ לענגלעך גלאַט־אויסראַזירט פּנים. ער פלעגט זיך גרויסן מיט זיין „עכט־בערלינער" אָפּשטאַמונג און מיט דער דייטשער קולטור. אַז ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשן־טיכל, איז עס געווען פריש געפּרעסט און ווייס ווי שניי. ער האָט געטראָגן פיינע לעדער־הענטשקעס און אַ מאָל אויך אַ בוך אונטערן אָרעם. שטענדיק אַ שטילער מיט אַ גוטן הומאָר. מיט זיינע קאָלעגן, די פאָלקסדייטשן, האָט ער זיך געחברט נאָר אויף וויפל די דינסט האָט דאָס געפאָדערט, אָבער אין דער אמתן האָט ער נישט ליב געהאַט די פוילישע פאָלקסדייטשן. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר עמי הארצים און „נישט דערצויגענע". צו קיין בערלינער קומען זיי נישט! בערלין האָבן זיי פאַר די אויגן נישט געזען, און פון בערלינער קולטור איז ביי זיי קיין שפּור נישט פאַראַן.

אין געטאָ איז ער זעלטן אַריינגעקומען. ביי טאָג האָט ער געהאַט גענוג צו טאָן. ער איז געווען דער פירער פון דער זשאַנדאַרמען־סטאַנציע און אַלץ איז געלעגן אויף זיין קאָפּ: רעקוויזיציעס, אַרעסטירטע, און דער עיקר — דאָס געטאָ. דערפאַר אַז ס'איז געקומען אין אָוונט, איז ער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען „אויף פרישער לופט". ער האָט ליב געהאַט זיך אַרומצודרייען ביז שפּעט ביי נאַכט, און צומיינסט אַרום דעם שטעכל־דראָטענעם געטאָפּלויט.

געגאַנגען איז ער אַליין. ער האָט נישט פאַרטראָגן, ווי אַנדערע זשאַנדאַרמען צו זיין באַגלייט מיט אַ וואָלפהונט. ער האָט בכלל, ווייזט אויס, פיינט געהאַט הינט. אַז אַ זשאַנדאַרמען־הונט האָט זיך צו אים געלאַשטשעט, האָט ער אים פון זיך אָפּגעשטויסן, און אַ פרעמדן הונט האָט ער גלייך דערשאָסן. זיינע טריט זענען אויך געווען ווייכערע, ווי ביי

אַנדערע זשאַנדאַרמען. ער האָט נישט געטראָגן קיין אייזנדלעך אין די קלע־צער פון ברוינע שטיוול, איז נישט געגאַנגען מיט איילדיקע טריט, ווי די דייטשן; ער האָט זיך אַרומגעדרייט רויִק, און געקענט גיין אַזוי שטיל אויף שטיינער, ווי ער וואָלט געטראָטן אויף אַ טעפּעך.

טייל מאָל האָט ער זיך גאָר אָוועקגעשטעלט ביים געטאָפּלויט פאַר־שטעלט אונטער אַ ביימל אָדער עלעקטרישן סלופּ, און אַזוי איז ער שטעהן לאַנג אָפּגעשטאַנען אויף איין אָרט, נישט גערירט זיך, נישט גערויכערט, ביז ער האָט געהאָט מיט וואָס אָוועקצוגיין.

אַז ער האָט געכאַפּט אַ ייִד בעתן אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ, האָט ער זיך נישט געבייזערט, זיך נישט אויפגעקאָכט, ווי ס׳פלעגן טאָן די באַוואָפנטע דייטשן, נישט געשריגן און נישט געשלאָגן, נישט געהייסן אים אַנידערלייגן אויף דער ערד און געטראָטן מיט די שטיוול, ווי ס׳פלעגן זיך נוהג זיין אַנדערע זשאַנדאַרמען. ער האָט דעם געכאַפּטן פאַר־האַלטן און אַפילו אים נישט געפרעגט ווי ער הייסט, קיין וואָרט צו אים נישט אַרויסגערעדט, ווי ס׳וואָלט אים געווען אַ שאָד צו שטערן די רו פון די געטאָ־מענטשן, וואָס זענען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. ער האָט דעם אַרעסטירטן צוגעפירט צום פאַרקאַן פון דער קירכע, וואָס גרענעצט זיך מיטן געטאָ, געהייסן אים זיך אויסדרייען מיטן פנים צום פלויט, און פון הינטן אים אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. מער ווי איין קויל איז ביי אים קיין ייִד נישט ווערט געווען.

אין געטאָ האָט מען געוווּסט, אַז זונטיק ביי נאַכט איז צום זיכערסטן זיך אַרויסצוכאַפּן אויף דער אַרישער זייט און ברענגען ברויט און קאַרטאָפּל. די דייטשע זשאַנדאַרמען האָבן אין די פּוילישע פּראָווינץ־שטעט געלעבט אַ גוטן טאָג. בשעת ס׳זענען פאַרגעקומען די שלאַכטן ביי סטאַלינגראַד און טויזנטער לאַסט־אויטאָס האָבן געפירט דייטשע פוס־גייער־דיוויזיעס אויפן רוסישן פראָנט, האָבן די דייטשע זשאַנדאַרמען געלעבט אין וואַרעמע און שיינע דירות, רעקווירירטע ביי דער פּוילישער אינטעליגענץ. זיי האָבן ביי זיך געהאַלטן אויסגעפּאַשעטע יונגע פּוילישע שיקסעס, וואָס האָבן זיי באַדינט, געקאָכט זאַטע מאָלצייטן און נאָכגעגעבן זייערע פאַרלאַנגען. זונטיק — האָט מען געוווּסט — נעמען די זשאַנדאַר־

מען אַריין זייערע שיקסעס אין איין וווינונג, טוישן זיך מיט זיי און פּראַווען אָרגיעס ביזן העלן טאָג אַריין.

זונטיק ביי נאַכט האָט חנהלע רעזיקירט אַרויסצוגיין אויף דער אַרי־שער זייט און ברענגען ברויט אין שטוב אַריין. חנהלע האָט אין גאַנצן אויסגעזען ווי אַ פּויליש מיידל, און גערעדט פּויליש האָט זי — נישט צו דערקענען, אַז זי איז אַ ייִדישע. זי איז געווען אַ דרייסטע, אַן אויסגעספּאַר־טעוועטע; דאָס אַריבערוואַרפן זיך איבערן געטאָפּלויט איז איר לייכט אָנגעקומען.

אַלע מאָל, ווען זי האָט אַריינגעבראַכט ברויט, קאַרטאָפל, האָט זי זיך געטיילט מיט די שכנים, און אַז מ׳האָט איר געוואָלט באַצאָלן „ווי ס׳קאָסט אין געטאָ״, האָט זי זיך באַליידיקט.

חנהלע האָט געוווּסט, ווי זיך אויפצופירן אויף דער אַרישער זייט. זי האָט געדענקט, אַז אויף איר פּנים טאָר זי נישט מיטנעמען דעם געטאָ־חושך. אַליין האָט זי זיך אונטערגעזאָגט, אַז אַ שפּור פון פּחד קאָן זי פאַרראַטן. אויף די טראָטואַרן אין די אַרישע גאַסן איז זי געגאַנגען מיט פעסטע טריט. און אַז זי האָט געזען דייטשן קומען איר אַקעגן, האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין שרעק, איר פּנים איז נישט געוואָרן ווייס. זי האָט נישט אַראָפּגעדרייט זיך אין אַ זייט, נאָר געגאַנגען אַ שמייכלענדיקע אין מיטן טראָטואַר, ווי זי וואָלט אַקעגנגעגאַנגען אָנגעלייגטע געסט.

ערגער איז אָבער געווען מיט די פּאָליאַקן. חנהלעס אויגן האָבן גע־זוכט פון ווייטנס, אויב עס זען זי נישט באַקאַנטע גויים, אַמאָליקע שול־חברים. פאַר זיי האָט זי געציטערט. ביי די פּוילישע שקצים — האָט זי געוווּסט — וועט איר אַרויפגעצויגענער שמייכל נישט העלפן. זיי וועלן זי פאַרראַטן, נאָכשרייען אין גאַס „זשידוווקאַ״, אָדער גאָר זי איבערגעבן די דייטשן אין די הענט. דעמאָלט איז זי פאַרלוירן.

איצט, ווען זי איז צוריקגעגאַנגען, איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט.

די טריט האָבן געבריט אונטער אירע פּיס. דאָס געפּערלעכע שטיקל וועג איז געווען נאָענטביים געטאָפּלויט. זי האָט געוווּסט ווו די שטעכל־דראָטן זענען אַ ביסל אָוועקגעבויגן און מ׳קאָן זיך אַדורכשטופּן ליגנדי־קערהייט, קיינער זאָל פון ווייטנס נישט באַמערקן. צו ערשט איז זי פאַר־בייגעגאַנגען פאַר דעם אָרט און זיך נישט אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך נאָר

אַרומגעקוקט, אויב ס׳זעט נישט ווער. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעקערט און האַסטיק צוגעפאַלן צום פּלויט, אַנידערגעלייגט זיך אויף דער ערד, אַריינגעשטופּט דאָס קוישל, פאָרזיכטיק גענומען אַדורכשלייכן דעם קאָפּ הינטער די שטעכלדראָטן און זיך געדרוקט אינעווייניק אַריין.

ווען איר גוף איז שוין באַלד אינעווייניק געווען, האָט זי פּלוצעם דערשפּירט, ווי ס׳האָט איר ווער אַ קיצל געטאָן אין די היפּטן. איר קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ שלאַנג וואָלט איר איינגעביסן. באַלד דערפילט זי, ווי ס׳האָט ווער אָנגעכאַפּט איר לינקן פוס און ציט זי מיט כוח אַרויס פון הינטערן פּלויט. אירע צעפּ האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די שטעכלדראָטן. מ׳ציט זי אַזוי שטאַרק, אַז מ׳רייסט איר מיט די הויט פון קאָפּ. פלאָכטשעס האָר בלייבן הענגען צווישן די שטעכלדראָטן, אָבער קיין וואָרט הערט זי נישט. שרייען האָט זי מורא. עס באַפאַלט איר אַ טויטשרעק, אָבער אויף אַזוי פיל איז זי נאָך ביי די געדאַנקען, אַז זי לאָזט נישט אָפּ דאָס קוישל מיט שפּייז און ציט עס מיט זיך. ערשט ווען זי האָט אָפּגעפּלאָנטערט דעם קאָפּ פון די שטעכלדראָטן, האָט זי אַ ציטער געטאָן. חנהלע האָט דערזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין „בערלינערס" הענט.

אין ערשטן מאָמענט האָבן דעם זשאַנדאַרמס אויגן זי אין גאַנצן פאַראַליזירט. דער האַלדז איז איר טרוקן געוואָרן און די קעל האָט זיך אין גאַנצן פאַרלייגט. דאָס קוישל פול מיט ברויט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט. אָט וועט ער זי שלאָגן, זידלען מיט די געמיינסטע ווערטער, קאָפּען מיט די פיס און דערנאָך... אָבער דער זשאַנדאַרם פירט זיך גאָר אַנדערש אויף. ער הייבט אָן צו איר רעדן אַזוי העפלעך, ווי אַ דרייסטער בחור, וואָס פלעגט פאַרפירן מיט איר אַ פלירט אין גאַס.

— שטעל זיך אויף, מיידל, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, מיידל?

די גאַסן־לאָמטער, וואָס איז אָנגעשטעלט אויפן געטאָפּלויט, באַלייכט זיין פּנים, און חנהלע זעט, ווי דעם זשאַנדאַרמס פּנים איז אויסגעגאָסן ווי אַ שטיק פאַרגליווערטער מאַרמאָר. קיין שום אויפברויז, קיין שום כעס זעט זי נישט אין זיינע גרינע אויגן. זי קוקט אַליך, אויב ער כאַפּט זיך נישט צום פּיסטאָלעט. זי זעט דאָס שוואַרצע הענטל, וואָס קוקט אַרויס פון דער שייד, אָבער דער זשאַנדאַרם רירט אַפילו נישט אָן דעם לעדערנעם גאַרטל. חנהלע שטרעקט אויס דעם קאָפּ צום הימל, אָבער די גאַסן־

אַ בערלינער

לאַמטער גיט איר אַ בלענד אין פּנים אַריין און ס׳דאַכט זיך איר, אַז אַ ליכט ברענט ביי איר צו קאָפּנס. דער מאַגיסטראַט־זייגער צעקלינגט זיך מיט זיין מאָנאָטאָניקן ברומעריי. נאָך אַ פינצטערער געדאַנק שווימט אויף און זאָגט איר אונטער — „צייל די מינוטן פון דיין לעצטער שעה״. צוועלף שווערע קלעפּ האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן. נאָך יעדן קלאַפּ שלעפּט זיך נאָך אַ טרויעריקער עכאָ. אין אַ רגע אַרום — טראַכט חנהלע — וועט זיך אָנהייבן אַ נייע דאַטע. אַ נייער טאָג וועט אַריינגיין אין לעבן. וואָס פאַר אַ פאַרב וועט האָבן דער זונאויפגאַנג פונעם מאָרגענדיקן טאָג — רויט אָדער שוואַרץ ?...

דער בערלינער הייסט זי צוזאַמענעמען די ברויטלעך און אַריינ־לייגן אין קוישל אַריין.

— מאַך צו רעכט דיינע האָר! מ׳קאָן דאָך נאָך מיינען, אַז דו ביסט מיין „גרעטכיען״ געווען — שפּאַסט ער אין אַזאַ עכט־בערלינער דיאַלעקט, אַז חנהלע קען קוים פאַרשטיין.

— קום מיט!

זיי גייען אַרויס פון די שמאָלע געסלעך, וואָס גרענעצן זיך מיטן געטאָ, אין גרויסן מאַרק אַריין. דער מאַרקפּלאַץ איז ליידיק, דער מאַגיס־טראַט־זייגער איז שטום, נאָר אין חנהלעס אויערן רוישט נאָך דאָס זשומען פון זיינע אויסגעשלאָגענע קלעפּ. אַצינד פילט זי, ווי אירע ברוסטן וואַרפן זיך, ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אין זיי אַריינגעריסן... ווּ פירט ער זי, וואָס וויל ער מיט איר טאָן ?

דער „בערלינער״ איילט זיך נישט. ער גייט פּאַמעלעך, האַרט לעבן איר, און אַז זיין אָרעם רירט אָן איר אַקסל, גיט ער אַ בליק אויף איר לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, וואָס הענגט אַראָפּ איבער איר לינקער ברוסט. זייערע אויגן טרעפן זיך דעמאָלט צונויף און חנהלע וויל ביי דער לבנה־שיין לייענען דעם בערלינערס מחשבות. זי ציטערט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, אָבער דער זשאַנדאַרם רייסט איבער די שטילקייט:

— וואָס האָסטו אַזוי אַנגסט, פאַר וואָס ציטערסטו אַזוי, פאַר טראָגן אַ קוישל ברויט ?... כאַ־כאַ־כאַ!...

— נישט פאַר מיר, הער וואַכמייסטער — קען זי קוים אַרויסרייסן פון זיך די ווערטער — מיין מוטער ליגט קראַנק און הונגעריק...

— נאַרישקייטן — שמייכלט דער בערלינער. אַזאַ שיין מיידל ווי דו
— הייבט ער איר אויף די געמבקע — ווי אַלט ביסטו אייגנטלעך, מיידל?
— אַכצן יאָר, הער וואַכמייסטער!
— ווונדערבאַר! קענסט דאָס לידל אונדזערס, „שיין סינט די מעד־כיען פון זיבצן, אַכצן יאַר". נו, וויז מיר ווו דו וווינסט, וועל איך דיך אָפּפירן אַהיים.
— אָבער צו וואָס, הער וואַכמייסטער דאַרפט איר זיך באַמיען... לאָזט מיך אַליין אַהיימגיין!
— מענטשנס קינד! — דו קאָנסט דאָך ווידער אַריינפאַלן...
— אָט, דאָרט אין שולגעסל ווין איך, הער וואַכמייסטער. פונקט קעגן איבער דער שול. אָט־אָ, דאָ אַרום קאָן מען אַריינגיין.
— אָבער צו וואָס, נאַריש מיידל, זיך שטופּן דורך צעריסענע שטעכל־דראָטן? דו גייסט דאָך מיט מיר. מיר קענען דאָך אַריינגיין דורכן הויפּט־טויער פון געטאָ. די פּאָליציסטן וועלן אונדז אַריינלאָזן. ניכט וואָר?...
די וואַך ביים טויער סאַלוטירט. דער זשאַנדאַרם גיט אַפּ דעם מיידל „דאַמע־ערע" און לאָזט זי פּריִער אַריינגיין דורכן שמאָלן טירל. חנהלע קומט צו זיך. זי איז שוין צוריק אין געטאָ. די געסלעך זענען ליידיק. וואָלט נאָר דער ברוין־קאָלנערדיקער זשאַנדאַרם זי נישט באַגלייט, ווי זי וואָלט איצט אַהיימגעפלויגן אין איר שטוב אַריין.
גייענדיק אין געטאָ ווערט דער בערלינער נאָך מער באַרעדעוודיקער. ער רעדט אויפן קול און וויצלט זיך אויפן חשבון פון די שוואַרצע קעץ, וואָס לויפן אַדורך דעם וועג.
— אַזוי פיל קעץ דרייען זיך אַרום אין געטאָ און די יודען זאָגן, אַז זיי האָבן נישט וואָס צו עסן... „קאַצן־בראַטן" שמעקט גוט! ניכט וואָר, מיידל?...
אפשר האָט ער דאָך אַ מענטשלעך האַרץ — טראַכט חנהלע. אפשר האָבן גאָר אויף אים געווירקט אירע אויגן. וויניק האָט זי זיך אָנגעהערט פון בחורים וועגן כישוף פון אירע אויגן... אמת, איצט זענען אין געטאָ אַלע הונגעריק און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף שיינע אויגן, אָבער אַ מאָל? אַ מאָל, ווען זיי זענען געווען פריי און זאַט. דעמאָלט פלעגט מען איר זאָגן, אַז אירע אויגן פארכישופן. נישט איין בחור פון דער גימנאַזיע־

אַ בערלינער

באַנק איז געווען גרייט אַלץ צו טאָן, אַבי זי זאָל נאָר אַ מילדן קוק טאָן אויף אים מיט אירע שיינע אויגן. און וואָס איז דער מער מיט אים? ער איז דאָך נאָך יונג און לעבנסלוסטיק... וואָלט ער אויסן געווען איר שלעכטס צו טאָן, וואָלט ער דאָך דאָס גלייך אָפּגעטאָן ביים פלויט, ווי עס טוען אַנדערע זשאַנדאַרמען, און נישט געווען אַזוי באַרעדעוודיק, הומאָרפול און העפלעך זי אַהיימצופירן.

אָנו אָט דערזעט זי שוין איר הייזל. אינעם פענצטער איז נאָך ליכטיק. די מוטער שלאָפט נישט און דערוואַרט זי מיט שפּאַנונג. נאָך אַ טריט, און זי שטעלט זיך אָפּ.

— דאָ איז מיין היים, הער וואַכמייסטער.

— אַזוי נאָענט וווינסטו — ווינצלט זיך דער זשאַנדאַרם. זע נאָר, ווי שנעל דער וועג איז דורכגעלאָפן. מיט אַ שיין מעדכיען לויפט די צייט שנעל. נו, שיינעס מעדכיען האַלט נישט אויף דיין מוטער. זי קאָן זיך נאָך באַאומרויִקן, וואַרום דו האָסט זיך פאַרשפּעטיקט... צוליב איר ביסטו דאָך אַרויס פון געטאָ, ניכט וואַר?

— ריכטיק, הער וואַכמייסטער. מיין מוטער קאָן זיך גאָרנישט העלפן. זי איז קראַנק און הונגעריק. אַ גוטע נאַכט, הער וואַכמייסטער!

— נו, גיי שוין אַריין! באַפעלט דער בערלינער.

— מאַמע עפן! — שרייט חנהלע נאָך פון ווייטנס — און יעדע רגע איז אַן אייביקייט.

— אַריין! — האָב איך געזאָגט.

— הער וואַכ — — —

— דאָנער־וועטער! — זיך נישט אומקוקן — גיט אַ ריטשע דער זשאַנדאַרם.

בשעת זי האָט זיך אומגעקוקט האָט חנהלען אַ ציק געטאָן אין האַרצן. זי האָט געזען ווי דער זשאַנדאַרם שטייט נאָר איין טריט הינטער איר און זיינע אויגן בליצן ווי ביי אַ וואָלף. אַזעלכע אַכזריותדיקע אויגן האָט זי נאָך אין איר לעבן נישט געזען. ס׳איז איר הייס געוואָרן. ווי דערלעבט זי שוין אַריינצוקומען אין שטוב אַריין.

— עפן שנעלער, עפן מאַמע!

— חנהלע, כ׳גיי שוין!

חנהלע הערט די מאַמעס טריט, ווי זי דערגראַבלט זיך צו דער טיר. עס וואַרפט איר אַ צאָן אין אַ צאָן. פון הינטן, פילט זי, בריִען דעם בער־לינערס אויגן. ווי קומט צו אַ מענטשן אַזעלכע שרעקלעכע, וועלפישע אויגן ?

דער שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן און חנהלה שטייט שוין ביי דער האַלב־געעפנטער טיר. אָבער פונקט אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אָנגע־נומען די קלאַמקע, האָבן אָפגעהילכט עטלעכע פּיסטאָלעט־שאָסן.

דער מאַמעס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. חנהלע איז געפאַלן אויף דער שוועל, איר קערפער האָט ברייט אויפגעפראַלט די טיר. איר קאָפּ איז געלעגן אינעווייניק און דער גוף אויף יענער זייט שוועל. פון הינטער חנהלעס קאָפּ האָט גענומען שלענגלען אַ שנירל וואַרעם בלוט, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער איר בלאָנדן צאָפּ און אים איינגעווייקט. דאָס קוישל איז אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט און אַ ראַזאָווע ברויטל האָט זיך אַריינגעקאָלערט אין שטוב אַריין.

פערנוואַלד*

א

פאַרנאַכט־צו האָט זיך דער מיליטערישער לאַסטאויטאָ מיט פּליטים אָפּגעשטעלט פאַרן שטאַטישן מוזיי אין מינכען. די מענטשן זענען געווען מיד און אויסגעמאַטערט, זייערע פּנימער זענען געווען פאַרחושכט, און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַפּאַטיע צו אַלץ און אַלעמען.

אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט איז געשיקט אַרויסגעשפּרונגען פון פאָ־דערשטן טירל. ער האָט געעפנט די קלאַפּע פון אויטאָ און געהייסן דעם עולם אַראָפּשטייגן.

ברוך לעדערמאַן האָט גענומען זיין קליין טלומיקל אין האַנט, איז אַריין אינעם גרויסן הויף און געבליבן שטיין צווישן אַ ריי אומגעהייערע געביידעס. ער האָט נאַכלעסיק זיך אַרומגעקוקט אויף די מאַסיווע מויערן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט, און ער איז אַריין אין איינעם פון די זאַלן.

די הויפּטזאַלן זענען געווען אויסגעליידיקט. אויף די פּוסטע ווענט זענען איבערגעבליבן נאָר סימנים, ווו ס׳זענען געהאָנגען די בילדער. אין די ווינקלען פון זאַל זענען געווען אָנגעוואָרפן פעלדבעטלעך מיט אָפּגעַ־נוצטע זעלנערישע קאָצן, פון וועלכע ס׳האָט זיך געפילט אַ טוכלע ריח.

— מאַך זיך באַקוועם! — זאָגט צו אים אַן אויפזעער, וואָס איז אַרויס־געקומען פון אַ הינטערטיר. נעם אַ בעטל און גרייט זיך צו אַ געלעגער.

לעדערמאַנען איז דאָס באַפעלערישע קול אויסגעקומען באַקאַנט. ווו האָט ער עס געהערט? אפשר אין געטאָ? ס׳איז אים פאָרגעקומען, ווי מ׳וואָלט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרמאַכטן לאַגער.

— ווו זענען מיר דאָ? — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

---

* פערנוואַלד — אַ לאַגער פון יידישע פּליטים אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד (1945—1953).

— איר זענט דאָ אונטער דער שוץ פון „אונראַ" — האָט דער אויפזעער געענטפערט. דאָ איז דער „זאַמלפונקט". לאַנג בלייבט מען דאָ נישט. פון דאַנען צעשיקט מען אין די די־פּי־לאַגערס איבער גאַנץ בייערן.

ברוכן איז געוואָרן שווער אויף דער נשמה. שוין ווידער אין אַ לאַגער? איז דאָך שוין צעלענדאָרף אין מערב־בערלין געווען אַ גן־עדן אקעגן אָט די פּוסטע מויערן דאָ.

ער האָט אַ שליידער־געטאָן דאָס טלומיקל אין איינעם פון די ווינקלען און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דאַנען. ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און גענומען שפּאַצירן לענג־אויס דעם טייך איסאַר, וואָס פליסט שטיל ביי דער מערב־זייט פון מוזיי. אויפן הויף האָבן די קליינע לעמפּלעך געוואָרפן אַ מאַטן שיין און איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום אין עפּעס אַ פאַרהוילנקייט. לעדערמאַנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען היט אים ער זאָל נישט אַנטלויפן.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין זאַל אַריין, זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אַ סך בעטלעך. וואָס אַ מאָל האָט אָנגעהויבן צו ווערן ענגער. ס'האָט געווימלט מיט מענער און פרויען. לעדערמאַן האָט גלייך באַמערקט, אַז קיין קינד זעט מען דאָ נישט. טראָץ דעם שוואַכן ליכט, וואָס האָט געצאַנקט אין זאַל, האָט קיינער נישט געטראַכט פון מאַכן נאַכט. די מענטשן האָט נישט גענומען דער שלאָף, און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אויפן קול:

— מאָרגן פרי שיקט מען שוין אַוועק די ערשטע פּאַרטיע.

— ווו אַהין?

— אונדז שיקט מען קיין פערנוואַלד.

לעדערמאַנס בעטל איז אויסגעקומען אַנטקעגן אַ יונג פּאָרל פון נאָך דער מלחמה.

— פון וואַנעט קומט איר?

— פון אוישוויץ.

— כ'מיין פון וואַנעט שטאַמט איר אָפּ?

— פון פּאַביאַניץ.

— און ווו איז דאָס פערנוואַלד?

— מיר הערן אויך דעם נאָמען צום ערשטן מאָל — האָט זיך אָנגעע־

רופן די פרוי פון געלעגער אַרויס. מיר ווייסן נאָר, אַז דאָס איז אַ לאַגער פון בלויז ייִדן.

אין זאַל איז געוואָרן פינצטער. צוזאַמען מיט דער פינצטערניש איז ביסלעכווייז שטילער געוואָרן. באַלד האָט זיך געהערט אַ כראָפּען.

לעדערמאַן האָט געלעכצט נאָך אַ ביסל שלאָף, אָבער ער האָט נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג. ער האָט געפּרוווט אָוועקטרייבן פון זיך די טרויעריקע מחשבות, און געוואָלט זיך דערמאָנען אין עפּעס פון זיין אַמאָליקן לעבן, אָבער קיין שום בילד האָט זיך נישט געזען קלאָר. אַלץ האָט זיך אים באַוויזן ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל. ענדלעך האָט ער זיך דערזען ווי אַ ־קינד און אויך דאָס מיידעלע מיט די שוואַרצע אויגן, מיט וועמען ער האָט זיך געשפּילט אין זאַמד, אַרומגעלאָפן אויף די לאָנקעס פון שטעטל. זי האָט געריסן פעלד־בלימלעך און געפלאָכטן פון זיי אַ קראַנץ פאַר אים. ער האָט שוין דאָס בילד נישט אָפּגעלאָזט און ביסלעכווייז איז ער איצט מיטגעשוווּמען מיט די דמיונות. אין מיטן דערינען האָט אים איבערגעוועקט אַ פאַרדישעט קול. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט אויפן בעטל און קלאָר דערהערט אַ געוויין. אַ יונגע פרוי איז געלעגן אין אַ ווינקל און געהעשעט.

לעדערמאַן האָט זיך צוריק אַנידערגעלייגט. נישט קיין נייעס — האָט ער ביי זיך געטראַכט. ווינציק קלעמענישן און פאַרדראָסן ליגן אין האַרצן ביי אָט די מענטשן, וואָס וואַרפן זיך דאָ אויף די בעטלעך. ס׳איז אים אַ שאָד געוועזן דער איבערגעריסענער חלום, און ער האָט ווידער געוואָלט איינשלאָפן.

— הער וואַכמייסטער, שיסט נישט! האָט ווער געשריגן פון שלאָף.

ער האָט אויפגעריסן די אויגן־וויִעס. ס׳איז פאַר אים געוועזן קלאָר, אַז מער וועט ער שוין די נאַכט נישט קאָנען אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט אונטערגעשפּאַרט די לינקע האַנט אונטערן קאָפּ, אַזוי אַרום האָט ער בעסער געקאָנט זען דאָס געלעגער פון דער העשנדיקער פרוי.

— אַוודאי געבליבן איינע אַליין. אָדער אפשר זעט זי אין דער האַלב־פינצטערניש דאָס קעפּל פון קינד, וואָס מ׳האָט איר פון די אָרעמס אַרויס־געריסן? צי גאָר אַן אַנדער גריזשעניש? ווער ווייס? אַזאַ געוויין קאָן מען נישט איינהאַלטן.

ער האָט געוואָלט דערגיין ווער זי איז. ער דערמאָנט זיך: בעת ער איז צוריקגעקומען אין זאַל אַריין, האָט ער אויף דעם בעטל ביים פּענצטער נישט מער געזען ווי אַן איבערגעדעקטן מענטשן. ער איז דאָרט געלעגן שטיל און האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

מיט אַ מאָל זעט ער ווי פון יענעם בעטל פאַלט אַראָפּ דער קאָץ און ס׳הייבט זיך אויף אַ יונגע פרוי. מיטביידע הענט האַלט זי צו דעם קאָפּ אירן. ער זעט, ווי איר שאָטן שליכט זיך פּאַמעלעך ביי דער וואַנט. לעדער־מאַנען דאַכט זיך אויס, אַז זי גייט צו צו זיין בעטל. ער האַלט איין דעם אָטעם. אפשר קען זי אים? — קומט אים אויפן געדאַנק — אפשר וויל זי, ער זאָל זי טרייסטן... זי גייט פאַרביי נאָענט פון אים. אָט באַלד וועט זי זיך אַנידערזעצן אויפן ראַנד פון זיין בעטל און אַרויפלייגן די האַנט אויף זיין קאָפּ... ער וויל זיך אויפזעצן, אָבער איידער ער באַוויזט זיך אַ ריר צו טאָן, שטייט זי שוין ביי דער האַלב־געעפנטער טיר און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש.

— גאָט! זי גייט זיך דאָך אַ מעשה אָנטאָן — ציטערט ער אויף.

ער האָט געוואָלט איר נאָכלויפן, אָבער עפּעס אַ טערפּקע געפיל האָט אים באַהערשט: ווער האָט אַ רעכט אָנצוואָרפן, זי זאָל טראָגן אירע צרות? אפשר איז אַזוי בעסער?

לויט דער פיגור, וואָס ער האָט געזען אַדורכשלייכן צווישן די בעטלעך, האָט זיין דמיון זי אויסגעמאָלן אין די שענסטע פאַרבן. נאָר אַזאַ פרוי, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל ליידן — האָט ער געטראַכט — וואָלט געקענט זיין פאַר אים אַ טרייסט. מיט אַזאַ איינער וואָלט ער געקאָנט אָנהייבן אַ ניי לעבן. ער האָט אַ זעץ־געטאָן זיך מיט דער פויסט אין שטערן: „פאַר וואָס בין איך איר נישט נאָכגעלאָפן?"

— אָבער ער האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. אַ טעמפּער געפיל האָט אים צוגענאָגלט צום בעטל. „ס׳האָט נישט געלוינט דער גאַנצער עסק" — האָט ער זיך געיאַדעט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אַ ריס־געטאָן און געוואָלט איר נאָכלויפן, האָט דאָס טריבע געפיל אים אָפּגעהאַלטן:

— צו וואָס? צו וואָס אָנהייבן אויף ס׳ניי? ווידער אויפשטעלן אַ נייעם דור און אויסהאָדעווען יידישע קינדער צו דער שחיטה? ס׳וועט דויערן 25 צי 40 יאָר, און ס׳וועט אויסברעכן אַ דריטע וועלט־מלחמה. ווער וועט

דעמאָלט זיין דער קרבן? ווידער דער ייִד! אַזוי שטייט זי איצט אין דרויסן, ביים ברעג פון טייך. בלויז אַ פּליעסקע אין וואַסער וועט זיך דערהערן אין דער שטילער נאַכט... קיינעם וועט עס נישט אָנגיין.

ברוך לעדערמאַן האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט אירע טריט. אין דער פינצטערניש וועט זיך באַלד באַווייזן אַ העלער פלעק פון אַ ווייסן נאַכט־העמד, זי וועט צוריקקומען. דעמאָלט וועט ער זי שוין מער נישט אָפּלאָזן. ער וועט וואַרטן ביז עס וו׳עט טאָג ווערן. ער וועט צוגיין צו איר בעטל, און איר זאָגן, אַז ער איז געוועזן וואַך. ער האָט אַלץ געהערט. געהערט איר פאַרשטיקט געוויין און געפיבערט, ווען זי איז אַרויס צום איסאַר... זי וועט אים פאַרשטיין.

ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט בעטל מיטן פּנים צו דער וואַנט. דאָס געלעגער איז געווען האַרט און די זייטן האָבן אים ווי געטאָן פון ליגן. ער האָט געפּרוווט צוטאָן מיט אַן אויג, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט געשוועבט אין אַ וועלט פון קאָשמאַרן, פון גרימענישן און צאַפּלענישן, וואָס האָבן געדריקט אויף זיין נשמה. און פּלוצעם נעמט אים עגבערן אַ פראַגע: צי קאָן אַזאַ פרוי, וואָס האָט אַלץ מיטגעמאַכט, נאָך האָבן דעם מינדסטן געפיל פאַר ליבע? זענען דאָך געוויס אַלע מילדע געפילן ביי איר אָפּגעטויט, די ווייבלעכקייט און צערטלעכקייט — אויסגעוועפּט. וואָלט זי געהאַט אַן איידעלע נאַטור, וואָלט זי דאָך פון דעם טרעבלינקע־גיהנום נישט אַרויס אַ לעבעדיקע.

די דאָזיקע גריבלענישן האָבן אים נישט נאָכגעלאָזן, ביז דער טאָג האָט זיך אַריינגעבראָכן אינעם זאַל און די פּליטים האָבן זיך גענומען וועקן.

— נו, מען דאַרף אויפשטיין — האָט ער געהערט ווי דאָס יונגע פּאָרל וואָס לעבן אים, וועקט זיך — וואָס שלאָפט איר? אין אַ שעה אַרום גייט אָפּ דער טראַנספּאָרט קיין פערנוואַלד.

לעדערמאַן האָט איבערגעריסן דעם שמועס מיט זיך.

— ס׳איז געקומען ווי פון הימל אַראָפּ — האָט ער געזאָגט. גוט, וואָס מ׳שיקט אונדז פון דאַנען אַוועק, אַנדערש וואָלט איך אַליין אַנטלאָפן.

ער איז אַראָפּ פון געלעגער. „אַז מען שטייט נאָר אויף די פיס, הערט אויף צו שלעפערן״ — האָט ער געמורמלט צו זיך. ער האָט אַריבערגעצויגן

דעם צעפליקטן סוועטער איבערן קאָפּ. אים איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען, אַז ער איז אַ געפאַנגענער, בלויז די סיטואַציע האָט זיך געענדערט: קיין באַוואָפנטע שומרים שטייען מער נישט ביי אים, אָבער דאָס לעבן אַליין האָט אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט. יעדן טאָג קומען פאַר געשעענישן, און ער אַליין איז נאָר אַ פּאַסיווער צושויער, אָן כוח און אָן ווילן עפּעס צו ענדערן. און אַזוי וועט עס זיך מסתמא ווייטער פירן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן זאַל און נאָך אַלץ אַריינגעטראַכט: „אַ פרעמדע פרוי"? איז זי טאַקע פאַר אים אין גאַנצן פרעמד? ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי שטייט הינטער די טיר און וואַרט מען זאָל זי צוריק פאַרבעטן אין זאַל אַריין. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין לאַנגן קאָרידאָר אַריין: אפשר וועט ער זי דערזען.

— עי! וועמען זוכט איר דאָרט? — שרייט ווער פון זאַל.

— איר האָט אפשר געזען די פרוי, וואָס איז אַרויס אין מיטן נאַכט?

— וואָס פאַר אַ פרוי? וואָס האָט זיך אים דאָרט געחלומט?

— אָבער עס שטייט דאָך ליידיק אַ בעטל ביי דער וואַנט.

— ווער קאָן וויסן וועמענס בעטל דאָס איז? איילט זיך בעסער צו, פעטער, טוט זיך אָן, ווייל איר וועט פאַרשפּעטיקן דעם טראַנספּאָרט, קיין פערנוואַלד.

לעדערמאַן האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דאָס יונגע פּאָרל. אין זייער גליק האָט ער געזען אַ האָפענונג, אַז אויך פאַר אים וועט צוריק אויפשיינען די זון. די מלחמה האָט אים צעטרענצלט אַ שיין ביסל יאָרן. פאַר וואָס זאָל ער נישט אָנהייבן זוכן אַ יונגע פרוי, ווי לאַנג ס'איז נאָך צייט.

ער איז געזעסן פון די ערשטע אויפן גרויסן לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען גרייט זיי אַוועקפירן קיין פערנוואַלד. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט, אפשר קומט זי צוריק פון טייך? זיינע אויגן זענען געווען פאַרווירט צום איסאַר, אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי דער אויטאָ איז אַרויסגעפאָרן פון מוזיי־הויף און פאַרקירעוועט צום וועג, וואָס פירט צו די טיראָלער בערג.

וואָס שנעלער דער אויטאָ האָט גענומען פאָרן, אַלץ מער האָבן זיך צעוויגט זיינע מחשבות: וווהין דערנענטערט ער זיך? צום גליק, אָדער צום אומגליק? פּלוצעם האָט ער זיך אַ האַסטיקן באַוועג געטאָן. ער האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט ווי ער וואָלט אָפּגעשטופּט וועמען.

מיט ביידע הענט האָט ער באַדעקט זיין פּנים. עס האָט זיך אים

אויסגעדאַכט װי אַ מחנה פּרעסע־פאָטאָגראַפֿן װילן אויפכאַפּן זיין פּנים צוזאַמען מיט זיינע מחשבות און אים פאַרשטעלן פאַר דער גאָרער װעלט:

— אָט אַזוי זעט אויס אַ די־פּי, אַ ייִד פון דער שארית־הפליטה.

— שלאָפט נישט, שכן — האָט דאָס יונגע פּאָרל איבערגעריסן זיינע פינצטערע געדאַנקען — נעמט עפּעס אין מויל אַריין.

לעדערמאַן האָט אַ קוק־געטאָן אויף דעם מאַן און אים מקנא געװען װאָס ער האָט שוין באַװיזן צו באַקומען אַזאַ שיינע יונגע פרוי.

— איך האָב דאָך איר געקאָנט נאָכגיין ביזן סאַמען ברעג פון טייך און ביי דער קלענסטער באַװעגונג זי אָנכאַפּן פאַר די הענט און זי צוריק אַריינפירן אין זאַל. אפשר איז זי טאַקע געװען מיין באַשערטע?

אונטער װאָלפראַטסהאַוזען איז דער אויטאָ אַראָפּגעפאָרן פון אַ שטאַרק־משופּעדיקן באַרג. דער זעלנער װאָס איז געזעסן ביים רעדל האָט זיך געװאָלט אַ רייץ־טאָן מיט די פּליטים און ער איז הפקרדיק אַראָפּ דעם באַרג ביזן טאָל אַריין. אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט אין איין קופּע. לעדערמאַן איז געװען אַריינגעפּרעסט צװישן יונגן פּאָרל. ער האָט זיך פאַרשעמט װען ער האָט דערזען, אַז ער ליגט צופוסנס ביי יענעמס פרוי.

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט — האָט זי געלאַכט לעדערמאַנען אין פּנים אַריין.

אונטן אין טאָל איז געפלאָסן אַ שאַרף־שטראָמענדיק װאַסערל. אין דעם װינקל זעט די נאַטור אויס קאַפּריזנע און װילד, װי זי װאָלט נישט װעלן דעם מענטשן דורכלאָזן איבער איר לייב.

אויף לעדערמאַנען האָט דער װאַסער־שטראָם געװירקט דערקװיקנ־דיק. זיינע מחשבות זענען געװאָרן אָפּגעקילט און אָפּגעפרישט. ער האָט געזען װי דער װעג שלענגלט זיך צװישן יונגע סאָסנעװעלדלעך. פון פאָרנט הייבט זיך אויף אַ הויכער טומאַן.

— מיר דערנענטערן זיך צום לאַגער — האָט דער „אונרא״־באַאַמטער, װאָס איז געזעסן אין דער שאָפער־קאַבינע אַריינגעשריגן אינעװייניק.

לעדערמאַן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן.

צװישן משופּעדיקע אַלט־ביירישע בערג, באַװאַקסענע מיט גרינע ביימער־קעפּ קוקן־אַרויס נידעריקע הייזלעך מיט רויטע דעכער און ברוינע װענט — פ ע ר נ װ אַ ל ד.

עס דערזעט זיך אַ ריזיק־פייערדיק אויג וואָס הייבט זיך שפּעט אויף פון הינטער די טיראָלער בערג. דאָס קאָלירטע אויג הייבט אָן אַ שפּיל אויף די שויבן פון די נידעריקע הייזלעך, דערנאָך לויפט עס אַרום איבער די לאַנגע שורות הייזער, ביז עס צעהעלט זיך אויפן גאַנצן אַרום.

ווי נאָר ברוך לעדערמאַן האָט איבערגעטראָטן דעם טויער פון לאַגער האָט ער דערזען אַ גרויס ווונדער — אַ ייִדיש זויגקינד.

פערנוואַלד איז אַרום און אַרום פאַרצוימט מיט אַ הויכן פּלויט שטעכלדראָטן. דער לאַגער איז גרויס אין פאַרנעם און גרענעצט זיך מיט פעלדער און אַ וואַלד. אויף יענער זייט פּלויט פּאַשעט זיך אַ סטאַדע קי. נאָענט ביים פּלויט זענען די גראָזן העכער און זאַפטיקער. די קי שטעקן אַריין די קעפּ צווישן די שטעכלדראָטן. דער פּאַסטעך מיט דער אָפּגע־האַקטער האַנט טרייבט זיי פון דאָרטן:

— העי, העי! אַוועק, אַוועק פון די דראָטן!

דער פּאַסטעך מיט דער אָפּגעהאַקטער האַנט קוקט אַ גאַנצן טאָג אַריין אין לאַגער, ער וויל זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן, וואָס טאָן די ייִדן אין לאַגער?

— זיי איז גוט! זיי פּאַשעט די „אונראַ”, קאַפע און סיגאַרעטן פעלט זיי נישט.

שוין עטלעכע חדשים ווי דער בייערישער פּאַסטעך דרייט זיך אַרום דעם לאַגער און ער קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז די שול פון דער היטלער־יוגנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פון באַפרייטע ייִדן. אַז ער דערזעט דאָס איינציקע וועגעלע מיטן קינד, גייט ער עס נאָך אַרום דעם פּלויט און ער ברעכט זיך דעם קאָפּ: פון וואַנעט קומט שוין ווידער צו ייִדן אַ זויגלינג? ס'האָט דאָך געהייסן, אַז אַלע ייִדישע פרויען זאָלן סטעריליזירט ווערן, טאָ ווער האָט עס אַרויס־געלאָזט איינע, וואָס זאָל קאָנען ווערן אַ מאַמע? ווער האָט דעם באַפעל נישט אויסגעפירט?

ער, דער בייער, ווייסט נישט, וואָס אַזוינס דאָס הייסט נישט אויס־פירן קיין באַפעל. אים אַליין האָט דאָס געקאָסט אַן אָפּגעשאָסענע האַנט, אָבער ער באַדויערט עס נישט: „באַפעל איז באַפעל”! נישט אויספירן קיין באַפעל קאָן פּאַסירן ביי אַלע פעלקער, אָבער נישט ביי דייטשן!

אַלע טאָג פירט אַרום די מאַמע אין לאַגער איר קליין קינד. אַלע טאָג גייט זי דעם זעלבן וועג ביז זי קומט צו צום טויער פון לאַגער. שטענדיק ברומט זי דעם קינד דאָס זעלבע שטילע לידל, ביז עס שלאָפט איין אויף דער פרייער לופט. אַזוי האָט דער דאָקטאָר געהייסן. אַ קינד דאַרף האָבן אַ סך פרישע לופט. און אַז די מאַמע קומט צו צום טויער, הייבט זי אויף די אויגן אויף דעם זייגער. יעדעס מאָל ווען זי גיט אַ קוק אויף די גרויסע ווייזערס, דערשרעקט זי זיך פאַר דער צייט, און איר בליק פאַלט אויפן קינד. איר דאַכט זיך אויס, אַז דער דייטש מיט דער אָפגעהאַקטער האַנט קריכט איר נאָך, ווי אַ שאָטן, און אַז ער וויל איר קינד שלעכטס טאָן. זי דרייט האַסטיק אויס דאָס וועגעלע און פאַרט צוריק אַריין טיפער אין לאַגער אַריין.

ב

ברוך לעדערמאַן האָט זיך דאָס גאַר נישט פאַרגעשטעלט. פון שטאַטישן מוזיי ביז דאַ אַהער איז דאָך אַן אונטערשיד, ווי פון נאַכט ביז טאָג. ער זעט, ווי אין פערנוואַלד קלאַפּט שוין אַ ניי לעבן. גלייך פון וואָגן אַראָפּ האָט מען אים אַריינגעפירט אין איינע פון די הייזקעס, אויפגעשלאָסן אַ שטוב און אים איבערגעגעבן אַ צימער. אין צימער איז געווען: אַ טיש, צוויי שטולן און אַ שענקל אויף וועש. אויפן בעטל — צוויי וואַרעמע קאָצן, אָפּגעשטעמפּלטע מיט צייכנס פון „אונראַ".

אין הייזל זענען געווען דריי צימערן: צוויי אונטן און איין גרויס צימער אויבן, און אַ בשותפותדיקער וואַשצימער פאַר אַלע. ער איז אַרויף אויף די שטיגן און געעפנט אַ טיר. עס איז געווען אַ גרויס ליידיק צימער מיט צוויי קליינע דאַך־פענצטער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געוואָלט פאַרמאַכן די טיר, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך פון אַ ווינקל ווער אָפּגערופן: „ווער איז דאָרט"?

אַ ברייטפּלייציקער מאַן איז צוגעקומען צו דער טיר. ברוך האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

— אַוודאי אַ נייער? — האָט יענער געפרעגט.

— כ׳בין נאָר וואָס אַריין אין לאַגער. איך קוק זיך אַרום אין הייזל. איר וווינט דאָ?

— יאָ, דאָס איז עס...

— איינער אַליין אין אַזאַ גרויסן רוים?

— דערווייַלע איז נאָך דאָ קנאַפּ פאַמיליעס און ס׳איז נישטאָ וועמען אַוועקצוגעבן די גרויסע צימערן. ווו האָט מען אייך אַריינגעזעצט?

— אָט דאָ אונטן, אין צימער מיטן פענצטער צום וואַלד־אַרויס.

— אַ שכן?

— יאָ אַ שכן.

— איר האָט מיך דאָ צופעליק געטראָפן. ווייַנשטיין איז מיין נאָמען. איך בין אַריין אויף אַ ווייַלע איבערוואַשן דאָס קעסעלע צום מיטאָג. אָט אַזוי שטייט עס נאָך פון נעכטן אָן. וואַרט אַ ווייַלע, איך גיי באַלד אַראָפּ און כ׳וועל אייך מיטנעמען אין דער קיך.

ברוך האָט נישט געפילט קיין הונגער, אָבער ער איז מיט אים מיט־געגאַנגען. פון דער ווייטנס האָט ער דערזען אַ גרויסע שילד, אויסגעזעצט מיט עלעקטרישע לעמפלעך „ב מ ד ב ר״. די שילד איז געהאָנגען אויף אַ לאַנגער געביידע. אינעווייניק איז געווען די קיך.

— פון וואַנען קומט דאָ אַהער דער „במדבר״? — פרעגט דער נייער.

— אַזוי רופן מיר דעם לאַגער, זאָגט ווייַנשטיין און דרייט מיטן ליידיקן קעסעלע.

— ווער האָט דעם נאָמען אויסגעטראַכט?

— עפּעס אַ שרייבערל, וואָס וווינט דאָ אין אַ בוידעם־שטיבל און שרייבט אין דער לאַגער־צייטונג מיטן זעלבן נאָמען: „במדבר״.

ווייַנשטיין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי מיטן קעסעלע אין דער האַנט, און לעדערמאַן איז געשטאַנען לעבן אים, ווי אַ פרעמדער. ער האָט גענומען אויספרעגן יעדן פון וואַנען ער איז, ווו ער האָט איבער־געלעבט און ווער פון זיינע האָט זיך געראַטעוועט.

— איינער פון אַ משפחה און צוויי פון אַ שטאָט — האָט ער גע־שאָקלט מיט קאָפּ.

לעדערמאַנען איז פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט צום פאַרעדיקן עסן. די ריי איז געווען אַ לאַנגע און די מענטשן דענערווירטע.

— ס׳מזל אויף זיי, ווי זיי פּאַשען אונדז.

— נישט איינער דערכאַפּט זיך גוט ס׳האַרץ...

— ווער דאַרף אַ קיך? זיי קענען דען נישט אַהיימגעבן די פּראָ־דוקטן, מען זאָל אַליין אָפּקאָכן?

— טאָ פון וואָס וועלן די קאָמיטעטניקעס „נעמען חלה״?...

— מ׳האָט נעכטן ביי נאַכט געכאַפּט פּאָגעלן אַרויסשלעפּן אַ זאַק צוקער פון מאַגאַזין!

— נו, האָט מען אים אָפּגעשמיסן? אַז דער „דזשוינט־מאַכער״ איז אַוודאי אַ שותף, טאָ פאַר וועמען האָט פּאָגעל מורא?

— די קאָמיטעטניקעס וועלן זיך גוט באַפּעדערן...

— זיי האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער ירושה: איינער האָט צוקער, איינער אַ מאַגאַזין מיט סיגאַרעטן, און איינער מלבושים...

— זיי קומט אַלע מאָל אַריין די ברכה. זיי נעמען פאַר 500 מענטשן מער, און פאַרקויפן די קאַפע און סיגאַרעטן צו די דייטשן.

לעדערמאַן האָט נישט געקאָנט מער צוהערן. ער איז אַוועק פון דער קיך, דערווייטערט זיך פון דער ריי און זיך אַרומגעדרייט איבערן לאַגער. ער האָט איבערגעלייענט יעדן אויפשריפט אויף די ווענט. די גאַסן האָבן דאָ געטראָגן נעמען פון אַמעריקאַנער מדינות: אָהיאָ־גאַס, מיטשיגען, קאַליפאָרניע, ניו־יאָרק. דער רוב הייזלעך זענען נאָך געשטאַנען ליידיק.

אויף וויסקאָנסין־גאַס, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון לאַגער, האַרט צום וואַלד צו, האָט ער אָנגעטראָפן אויף עטלעכע משפחות פון אונגאַרן. זיי האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען. די מענער זענען געווען באַ־וואַקסן מיט פאות און קליינע בערדלעך און די יונגע ווייבלעך האָבן גע־טראָגן טיכלעך אויף די קעפּ. אַ סך האָבן געלערנט אין דער ישיבה. לעדערמאַן האָט זיך מיט זיי דערפרייט. פאַרט היימישע מענטשן, לעבע־דיקע עדות ווי אַזוי יִידן האָבן אַ מאָל אויסגעזעען... ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און מיט זיי פאַרפירט אַ שמועס.

— יִידן האָבן דעם גזר־דין אָנגענומען?

— וואָס מיינט איר ר׳ ייִד, האַ?

— כ׳מיין — זאָגט לעדערמאַן — אַז ס׳איז היינט מער נישטאָ קיין בערדיטשעווער, וואָס זאָל לאָדענען דעם רבונו של עולם צו אַ דין־תורה?

— וואָס, איר זענט געקומען קיין פערנוואַלד, זיך קריגן מיט גאָט?

— וואָס זשע דען ווילט איר? איך זאָל ווייטער אָפּהיטן זיין תורה און זיינע מצוות, כדי ער זאָל ווידער מאַכן אַ מבול פון יידיש בלוט?

די אונגאַרישע יידן האָבן עפּעס געערעדט צווישן זיך, וואָס לעדערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען. באַלד זענען זיי, אַן אַ זיי געזונט אַוועק פון אים.

ווי נאָר ס׳האָט אין דרויסן אָנגעהויבן טונקל ווערן, איז לעדערמאַנען באַפאַלן אַ מידקייט און אַ טיפער שלאָף האָט אים אַרומגענומען אויף זיין געלעגער. ווינשטיין האָט געמוזט לאַנג קלאַפּן ביז ער האָט אים אויפגעוועקט.

— אַזוי פרי שלאָפט איר שוין?

לעדערמאַן האָט זיך נאָכלעסיק אַוועקגעזעצטביים טיש און געפרעגט:

— איר ווילט עפּעס זאָגן?

— צו זאָגן האָב איך אַ סך. ס׳איז נאָר נישטאָ ווער ס׳זאָל מיך אויסהערן. אָ, ווען מען זאָל מיך לאָזן אַריינרעדן אין ראַדיאָ, וואָלט איך מיין רוף געלאָזט הערן איבער דער גאַנצער וועלט. ווי איר הערט האָב איך אַ געזונטן באַס, און מוסקולן — אָ, זעט! איך אַרבעט ביי אַן עלעקטרישער זעגמאַשין. איך זעג פרישע קלעצער, וואָס מ׳ברענגט פון וואַלד. איר מיינט אפשר, אַז איך האָב נישט געקאָנט טאָן אַן אַנדער אַרבעט? מ׳האָט מיך געוואָלט נעמען אין דער פאַרוואַלטונג אַריין; כ׳האָב געקאָנט האַנדלען מיט סיגאַרעטן און קאַפּע אויף שוואַרץ און מאַכן אַ קאַפּיקע... אָבער דאָס אַלץ גייט מיך מער נישט אָן. וואָס האָבן יידן אויפגעטאָן ווען זיי האָבן צוואַנציק דורות־צייט געמסחרט אין פוילן? ווער האָט געירשנט מיינע זיידעס? וואָס פאַראַ פאַרמעג האָבן מיר איבערגעלאָזט מיינע עלטערן? אפשר די חזקה צו מעגן שטיין מיט אַ קעסעלע ביי דער פערנוואַלדער קיך? האָט איר שוין פאַרזוכט פון די קעסט? מיט האָבערפלאָקן פאַשעט מען דאָך אונדז דאָ, גלייך ווי די וועלט איז אויסן צו פאַרקלעפּן מיט דער געדיכטער פאַפּקע אונדזערע וווּנדן. ווער האָט געוווּנען, און ווער פאַרשפּילט? — אַלע פעלקער האָבן געווונען, נאָר מיר, יידן, האָבן פאַרשפּילט אַלץ, טאַקע אַלץ! איך זע, ווי דער בייער מיט דער אָפּגעהאַקטער האַנט לאַכט ווידער אין די פויסטן אַריין.

אין שטוב איז געוואָרן קאַלטלעך. לעדערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דערשלאָגענער און געוואָלט אַריינגיין צוריק אין בעט אַריין.

— ניין, איר טאָרט איצט נישט שלאָפן — זאָגט וויינשטיין. קומט מיט מיר אַרויס אין גאַס. אין דרויסן איז וואַרעמער ווי דאָ.

דער הימל איז געווען אַן אויסגעשטערנטער און די נאַכט אַ וואַרעמע. ביים טויער פון לאַגער זענען געזעסן דריי דייטשע מיידלעך, געוואַרט, מסתמא, אויף וועמען. זיי זענען געווען שמאָל אין די טאַליעס און הויך געוויקסיק. זיי האָבן געטראָגן קורצע קליידלעך מיט ווייסע בלוזקעס און גערויכערט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן.

— זיי וואַרטן אויף אַ פאַרדינסטל — זאָגט וויינשטיין.

פון דער וויטנס זענען אָנגעקומען עטלעכע קצבים־יונגען, וואָס האָבן זיך געמאַכט געהיימע יאַטקעס אין די קעלערן. די מיידלעך זענען זיי אַקעגנגעלאָפן.

— האָסט געבראַכט סיגאַרעטן ?

— אויך שאָקאָלאַד — האָט אַ קצב־יונג אַרויסגענומען אַ פעקל שאָקאָלאַד פון דער טאַש און געפּאַכעט איר פאַר דער נאָז.

— קומט — האָט איינער פון די יונגען אַ זאָג געטאָן — ווי לאַנג משהלע פּאָליציסט שטייט אויף דער וואַך, קאָן מען זיי אַריינפירן.

די מיידלעך זענען אַדורכגעגאַנגען דורכן לאַגער־טויער אָנהאַלטנדיק זיך אונטער די אָרעמס פון די יונגען. זיי זענען געגאַנגען מיט שנעלע טריט און געאיילט אין די שטובן אַריין.

— אָט דאָס זענען זיי — זאָגט וויינשטיין. פאַר אַ פעקל שאָקאָלאַד שמעקן זיי אַ גאַנצע נאַכט אויס דעם טוכלע ריח פון אַ קצב־יונג, און ביי טאָג טראָגן זיי זיך אַרום מיט שילערס ביכער אונטערן אָרעם. און דו מיינסט, אַז נאָר די וויבער זייערע זענען אַזוי ? קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך האָב מיט אייגענע אויגן געזען, ווי געסטאַפּאָ־לייט אין שוואַרצע מונדירן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, האָבן געקניט פאַר אונדזערע פיס און געבעטלט מען זאָל זיי שענקען דאָס לעבן, גע־בעטלט אויף אַזאַ נעבעכדיקן אופן, נאָך ערגער ווי די־אָ מיידלעך בעטלען סיגאַרעטן ביי די קצבים־יונגען.

— אַזעלכע יונגע קינדער, און שוין... שאָקלט לעדערמאַן מיטן קאָפּ.

— איך האָב דאָך דיר ערשט אויפגעקלערט ווער זיי זענען, און דו באַדויערסט זיי?

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון שמאָלן וועגל, וואָס האָט געפירט פון לאַגער־אַרויס צום הויפטשאָסיי. שפּאָגל־נייע אַמעריקאַנער מאַשינען זענען אַדורכגעלאָפן מיט אַ ווילדער שנעלקייט. אין די שאָפערקעס זענען געזעסן דייטשקעס.

— זעסט, זאָגט ווײַנשטיין — אַבי מען זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער האָבן באַזעצט מערב־דייטשלאַנד. אין דער ווירקלעכקייט האָבן די דייטשקעס באַזעצט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן...

לעדערמאַן איז געגאַנגען ווי אַ נישט־דאַ־קער, פאַרזונקען אין שווערע געדאַנקען. פּלוצעם האָט ער באַמערקט אין די ראָוועס בערגלעך ערד. די בערגלעך זענען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער לענג פון שאָסיי.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין אין דער געגנט באַפרייט געוואָרן — ענטפערט ווײַנשטיין שטיל. דאָ איז פאַרגעקומען דער „מאַרש אויף טיראָל". ווען גאַנץ פרייסן איז שוין געווען פאַרנומען און די רוסישע אַרטילעריע האָט געקלאַפּט אויף בערלין, האָבן זיי דאָ אַהער געטריבן די קאַצעטלער. מען האָט געטריבן און געשאָסן. ווער ס'איז געבליבן הינטערשטעליק, האָבן זיי צוגעשטופּט צום ראַוו און פון הינטן אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. אַפילו ווען דער מענטש האָט נאָך געצאַפּלט, האָבן זיי אים נישט געוואָלט געבן קיין „רחמנות־קויל", געלאָזט ליגן און ווייטער געגאַנגען. איך אַליין בין דערגאַנגען ביז באַד־קיסינגען. אַז כ'האָב דערפילט, אַז די כוחות גייען מיר אויס און כ'קאָן מער נישט אָנהאַלטן דעם מאַרש, האָב איך זיך אַוועקגעשאַרט אין וואַלד אַרײַן. ביז די טיראָלער בערג איז דער גאַנצער וועג אויסגעלייגט מיט קברים.

אַ שפּאַר שטיקל וועגס זענען זיי ביידע געגאַנגען. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אין שטילשווייגן. זייערע אויגן האָבן זיך אײַנגעגראָבן ביי יעדן קבר, ווי זיי וואָלטן וועלן דערזעען דאָס פּנים פון דעם מענטשן, וואָס ליגט דאָרט. באַרג־אַראָפּ זענען די קברים געווען שיטערער, ווייט איינער פון צווייטן.

לעדערמאַן האָט אַ זיפץ־אָפּ געטאָן און מיט אַ טערפּקע קול געזאָגט ווי פאַר זיך:

— מען מוז פאַרגעסן!

— וואָס האָסטו געזאָגט? — שפּרינגט וויינשטיין אויף צעררייצט — פאַרגעסן? ווילסט אפשר, כ׳זאָל פאַרגעסן מיין ברודער וואָס ליגט דאָ אין איינעם פון די בערגלעך? פאַרגעסן מיין חרוב־געוואָרן שטעטל, מיינע נאָענטע וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, פאַרגעסן זיך אַליין?

— איך האָב דעריין אַ סך אַריינגעטראַכט — זאָגט לעדערמאַן צע־קלעמט. אויב מיר ווילן אָנהייבן אַ ניי לעבן, מוזן מיר פאַרגעסן, וואָס ס׳האָט מיט אונדז פּאַסירט אין די לעצטע זיבן יאָר, און שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיר זענען ערשט איצט געבוירן געוואָרן. איך אַליין רעד מיר איין, אַז כ׳בין געבוירן געוואָרן אין פערנוואַלד. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז אונדזער גורל איז אַ ביסל אַנדערש מיט דעם, וואָס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט בן־ארבעים־דיקע... ווילסט נעמען נקמה? — נעם! ווילסט דווקא „עין תחת עין, שן תחת שן”? דאָס וואָלט מעגלעך געווען, ווען דו האָסט צו טאָן מיט איין מערדער, מיט צען, אָדער אַפילו הונדערט. אָבער ווען אַ גאַנץ פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מערדער, טאָ ווי אַזוי וועסטו דאָס קענען אָנווענדן? אַפילו ווען דו זאָלסט נאָר יעדן צענטן געבן די שטראָף, וואָס עס קומט אים, מוזטו דיינע הענט אַזוי איינטונקען אין בלוט, אַז דיין נשמה וועט זיך פאַרקלעפּן און די חיה וועט איבער דיר געוועלטיקן.

וויינשטיין איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּוריע. ער איז פאַרלאָפן לעדער־מאַנען דעם וועג און זיך געשטעלט פּנים אל פּנים.

— זאָג מיר — האָט ער אים גענומען טרייסלען פאַר די אַקסלען — ווי אַזוי קאָן איך פאַרגעסן?

דאָס פּנים פון שארית־הפליטה־ייִד האָט זיך פאַרכמאַרעט:

— אַלע צהנען מיר כ׳זאָל פאַרגעסן. אָבער ווי אַזוי קאָן איך פאַר־געסן, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען? צי האָסטו געהערט, אַז פרויען פון אַן איינראָפּעיִשער מדינה האָבן אָנגענומען ווי מתנות פון זייערע יונגען העטשקעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון דער הויט פון ייִדישע

פרויען? צי באַנעמסטו דעם פאַקט, אַז מיליאָנען דייטשן האָבן זיך גע־וואַשן מיט ר.י.פ.־זייף? * ווי אַזוי האָבן די „קולטורעלע דייטשן״ געקאָנט שלאָפן אויף מאַטראַצן מיט אויסגעבעטע האָר פון דערמאָרדעטע פרויען פון אוישוויץ און טרעבלינקע?

אויף אַ מינוט האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און באַלד ממשיך געווען:

— צי ווייסטו, אַז ביי יעדן ביסן, וואָס כ׳נעם אין מויל אַריין, דערמאָן איך זיך אין אַ בילד, וואָס כ׳האָב אַ מאָל געזען אויפן פעלד: ווינטער־צייט איז עס געווען. איבער די פעלדער ליגט אַ דינער שניי. פון אונטערן שניי קוקן אַרויס די שפּיצן פון קאָרן־גרעזלעך. עס גייען מענטשן מיט יעגער־ביקסן. אַ געוויינלעכע יאַגד אויף פעלד־חיהלעך. און אָט טרעפן די יעגער אַ געזינדל פון עטלעכע האָזן. פון זייערע קוילן האָט זיך נאָר איין האָז געראַטעוועט. אָבער באַלד נאָך דער שיסעריי, ווי נאָר די יעגער זענען אַוועק מיט די דערשאָסענע האָזן, שטייט ער אַזוי דער ניצול־געוואָרענער האָז אין מיטן פעלד און ציפּט ווידער די גרעזלעך פון אונטערן שניי־אַרויס...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געפונען אַ ברייטן שטיין, וואָס איז געליגן לעבן וועג. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און ס׳האָט זיך אויף ס׳ביי געעפנט ביי אים אַ קוואַל פון רייד:

— ערשט נעכטן איז דאָס געווען. פאָרנדיק אין טראַמוויי אין מינכען, קומט אַריין אַ בלאָנדע דאַמע, אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פעלץ־מאַנטל. מיט פיינע הענטשקעס און ברילי‌אַנטענע אוירינגען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער מיר. קוק איך אַזוי אויף דער דייטשקע, און ווי נאָר זי האָט אויסגעטאָן איין הענטשקע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון איר האַנט שפּירט זיך נאָך דער ריח פון „יודען־פעטס־זייף״. און די אוירינגלעך? אַזעלכע אוירינגלעך האָט דאָך געטראָגן מיין מאַמע. מיין מאַמע האָט זיי קיין מאָל נישט אויסגעטאָן.

לעדערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און טיף אָפּגעזיפצט:

— די וועלט וועט זיי דערפאַר נישט באַשטראָפן. איך האָב דיר גע־ראָטן ווי אַ פריינד — האָט ער ווייַנשטיינען דערלאַנגט אַ האַנט ער זאָל

R.J.F. — Rein Juden Fetz *

זיך אויפשטעלן — די וואָס הייסן אונדז פאַרגעסן, זענען דערמיט עפּעס אַנדערש אויסן... איך אָבער זע איין, אַז די ברירה שטייט־איין ביי דיר: אָדער געדענקען, כסדר זיך גריזשען, כסדר גרימענישן און גראַבלענישן אין דער אייגענער נשמה ביז משוגע ווערן, אָדער פאַרגעסן און אָנהייבן אַ ניי לעבן! ביידע זאַכן קענען נישט הויזן צוזאַמען!

ג

באַלד אין דער פרי איז לעדערמאַן אַרויס אין גאַס און זיך אַוועק־געשטעלט פאַרן קאָמיטעט־בנין צו הערן די נייעס פון טאָג. דער ערשטער נירנבערגער „גרויסער פּראָצעס" פון די נאַצי־פאַרברעכער פאַר דעם מילי־טערישן טריבונאַל פון די אַלייִרטע איז געווען אין פולן גאַנג. אַרום איז געשטאַנען אַ געזעמל מענטשן.

— מען דאַרף זיי צעשניידן אויף שטיקער!

— צעשניידן איז ווייניק פאַר זיי — שרייט אויס אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן — מען דאַרף טאָן אַזוי, ווי זיי האָבן מיט אונדז געטאָן: ברענגען זייערע קינדער און זיי אומברענגען פאַר זייערע אייגענע אויגן. זאָלן זיי פילן דעם טעם, וואָס איך האָב געפילט.

— טאַקע נאָר אַזוי! זייערע ווייבער אויך. ווי איך האָב געמוזט צו־קוקן, ווי מען פאַרפייניקט מיין ווייב! — ווייזט אַן עלטערער ייִד מיטן פינגער אויף דער ערד, ווי ער וואָלט די סצענע נאָך אַ מאָל געזען, אפשר דעמאָלט וואָלט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין זייערע שטיינערנע הערצער.

— הערסט? זיי שטייען דאָך פאַרן נירנבערגער טריבונאַל, ווי שטילע־לעמעלעך, און טענהן, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט צו זאָגן — האָט ווער זיך געוואָנדן צו לעדערמאַנען.

לעדערמאַן האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז אַוועק פון געזעמל אַ פאַראומערטער. ביי אים האָט ווידער אויפגעטויכט אַ געדאַנק:

— „און איך?... איך פרעדיק מען זאָל פאַרגעסן... ווען איך גיב נאָר דאָ אַ פּיפּס דערוועגן, וואָלט מען מיך צעריסן אויף שטיקער. און ווער וואָלט געזאָגט, אַז זיי זענען נישט גערעכט"?

מיטאָגצייט איז ער אַפילו אין שטוב נישט אַריינגעגאַנגען. דאָס קעסטעלע איז געבליבן פאַרשעמט הענגען אויף דער וואַנט, קיינער האָט עס נישט אָנגערירט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון

לאַגער. ער האָט קיינעם נישט געזען און אין קיינעמס פענצטער נישט אַריינגעקוקט. ס'האָט זיך אים גערדאַכט, אַז נאָר שאָטנס לויפן פאַר אים פאַרביי. גאַנץ פערנוואַלד האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַ צונויפטרעף פון טויזנטער שאָטנס...

שפעט ביי נאַכט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין שטוב אַריין, ווי ער וואָלט זיך אַריינגעגנבעט אויף אַ פרעמדנס געלעגער.

אין דער פרי האָט ער נישט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ פון בעטל. וויינשטיין האָט צוויי מאָל געהאַט אָנגעקלאַפּט און איז אַוועק פון דער טיר. ערשט מיטאָגצייט איז דער שכן אַריין אין צימער.

— דו הערסט, לאַנדסבערג איז אַרומגערינגלט און מען לאָזט קיינעם נישט אַרויס פון לאַגער.

— וואָס איז געשען?

— צוליב נאַצי־פאַרברעכער וואָס זיצן אין דער לאַנדסבערגער תפיסה. די דייטשן מאַכן ווילדע דעמאָנסטראַציעס, רייסן זיך צו דער טורמע און שלאָגן אויפן וועג ייִדן. אָבער וואָס איז מיט אייך, לעדערמאַן? איר גליט דאָך אין גאַנצן. איר האָט היץ! איך וועל אייך אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין!

דאָס שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל פון לאַגער, טיף אין וואַלד. ס'איז געווען אַ ראַיאָן־שפּיטאָל פאַר די די־פּי־מענטשן.* אין קאָרידאָר האָבן געוואַרט קראַנקע אויפגענומען צו ווערן. ער האָט געוואַרט אויף זיין ריי. אין קאָפּ האָט זיך אים אַ ביסל געדרייט און אין מויל האָט ער געפילט טריקעניש. ער האָט געפילט, אַז די קניען ברעכן אים און אַז ער וועט לאַנג נישט קאָנען איינזיצן אויף דער שטול.

אַ יונג מיידל אין אַ ווייסן פאַרטעך איז אַדורכגעלאָפן. לעדערמאַן האָט איר נאָכגעקוקט. זי איז אַריין אין רענטגען־צימער און דאָרט פאַרזוימט. ווען זי איז צוריק אַרויס האָט ער זי אָפּגעשטעלט:

— איך וואַרט שוין דאָ אַ האַלבע שעה און קיינער נעמט מיך נישט אויף.

— וואָס איז אייך? — האָט זי אים געקוקט אין די אויגן אַריין.

* אויסגעוואָרצלטע מענטשן. אין ענגליש: Displaced Persones

— דער קאָפּ רוישט און די פּיס טראָגן מיך קוים.

— קומט מיט מיר — האָט זי געזאָגט און אים אָנגענומען ביים אָרעם.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער און זיך אַוועקגע־זעצט ביי אַ ווייסן שרייבטיש.

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַגער?

— אַ חודש צייט.

— טוט אייך אויס ביזן גאַרטל.

פאַר לעדערמאַנען איז די זאַך געווען נישט קלאָר; ווי קומט דאָס, וואָס אַ קראַנקן־שוועסטער נעמט אים אונטערזוכן? באַלד האָט ער דער־פילט ווי אירע פינגער קלאַפּן אויף זיין פּלייצע.

— אָטעמען, טיפער, אָט אַזוי! נישט אָטעמען!

— איר זייט מיט אַ פרוי? — האָט זי געפרעגט.

— כ'בין אַליין.

— אויב אַזוי וועל איך אייך אויפנעמען אין שפּיטאָל.

— זי האָט אים געהאָלפן אָנטאָן און עפּעס אויפגעשריבן אויף אַ צעטעלע. מער געדענקט ער נישט, וואָס ס'איז מיט אים פאָרגעקומען.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך געפונען אין אַ פּאַלאַטע מיט אַ סך קראַנקע. ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, איז אים אויפן גע־דאַנק געקומען די קראַנקן־שוועסטער וואָס האָט אים אויפגענומען. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסטייטשן די זיכערקייט מיט וועלכער זי האָט גערעדט: „אויב אַזוי, וועל איך אייך אויפנעמען אין שפּיטאָל". אַ שטיי־גער, ווי דער שפּיטאָל וואָלט געווען אירער. פון גרויס נייגער האָט ער איבערגעפרעגט דעם קראַנקן שכן:

— ווער איז זי דאָס, די קראַנקן־שוועסטער?

— ווי זעט זי אויס, אַ בלאָנדע מיט אַ ברייט פּנים?

— ניין, אַ ברונעטקע מיט ברוינע אויגן.

— איך ווייס נישט וועמען דו מיינסט.

לעדערמאַן איז ווידער אַנדרימלט געוואָרן. די איינשפּריצן, וואָס ער האָט באַקומען, האָבן נאָך געווירקט און אים איינגעשלעפערט. אין מיטן דרימל האָט ער דערפילט אַ לייכטן באַריר אויף זיין האַנט. ער האָט אויפ־געריסן די אויגן, וואָס האָבן נאָך געקלעפּט מיט שלאָף, און דערזען, אַז

דער לעצטער פון באַשאַף

לעבן זיין בעטל שטייט די זעלבע קראַנקן־שוועסטער און האַלט אירע פינגער אויף זיין פולס.

— נו, ווי פילט איר זיך?

— אַ ביסל בעסער — האָט ער פאַרשעמט געענטפערט.

— אָט אָ די, די מיין איך — האָט ער געזאָגט צום קראַנקן ביי זיין בעטל, ווען זי איז שוין געווען ביי דער טיר.

יענער האָט זיך צעלאַכט:

— זי איז ביי דיר גאָר אַ קראַנקן־שוועסטער? ס'איז דאָך מאַיאָר גאָרן, די הויפּט־דאָקטערין פון שפּיטאָל.

ווען לעדערמאַן איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער געוואַרט אין קאָ־רידאָר ער זאָל זיך געזעגענען מיט איר. ער האָט איר געוואָלט זאָגן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער פאַר איר גוטער באַציִונג צו אים. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדיש מיידל פון ברוקלין, אַ דאָקטער, וואָס דינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דער ראַנג פון אַ מאַיאָר. דורך דער צייט האָט ער זי נאָך איין מאָל געזען אין איר מיליטערישן מונדיר מיט אַ גרויסן שטערן אויפן היטל. אים איז זי אָבער געווען ליבער אינעם ווייסן פאַרטעך מיט די טרייבלעך אין טאַש. ער וואָלט נישט מיד געוואָרן איינצוקוקן זיך אין איר איידעלען פּנים און אין אירע לאַנג־געשניטענע אויגן. ער האָט זיך נישט געאיילט צוריק אַהיימצוגיין אין זיין קאַלטן פוסטן שטיבל.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. אַ מיליטערישער דזשיפּ איז צוגע־פאָרן צום שפּיטאָל און די דאָקטערין איז פון אים געשיקט אויסגעשטיגן.

— איך דאַנק אייך, מאַיאָר פאַר אייער הילף — האָט ער געדריקט איר קליין איידל הענטל.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים נענטער און מיט ביידע הענט געעפנט די וויעס פון זיינע אויגן.

— איר זענט געווען דערשעפּט, און אַ ביסל זענט איר אויך בלוט־אָרעם, אָבער דאָס וועט מיט דער צייט פאַרבייגיין — האָט זי אים באַ־רויִקט.

— די צייט, די צייט דאַרף היילן אונדזערע ווונדן? — האָט ער איבערגעחזרט.

ער האָט דאָס געזאָגט הויך און די דאָקטערין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן:

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איר, איר מאַיאָר — האָט ער געשטאַמלט — איר וועט מיך נישט קענען פאַרשטיין. איר קומט... איר קומט פון אַ גרויס פריי לאַנד... און אין טרעבלינקע זענט איר נישט געווען...

— איך האָב זיך שוין דאָ אַזוי פיל פון טרעבלינקע אָנגעהערט...

— איר רעדט אַזאַ גוטן יידיש. אייערע עלטערן שטאַמען געוויס פון ווילנער געגנט... זאָגט איר, הייסט עס, אַז די צייט, דאַרף מיך היילן...

זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף אים. פאַר איר האָט אַ שוועב־געטאָן די רענטגען־אויפנאַמע פון זיינע לונגען. זעלטן צו טרעפן ביי די־פּי־מענטשן אַזעלכע ריינע לונגען.

— נו, מיר וועלן זיך נאָך זען — האָט זי אַ דיסקרעטן שמייכל געטאָן.

— איך וועל אייך נישט פאַרגעסן! — האָט ער דערפילט אַ נאָענט־קייט צו איר — איר זעט דאָך אויס, ווי מיין ייִנגסטע שוועסטער, יאַנינאַ, אַ סטודענטין געווען. זי האָט געשטרעבט צו זיין אַ פּעדיאַטער. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער. זי איז אַוועק מיט אַ פּאַרטיע קינ־דער קיין טרעבלינקע... אַזוי... נו, צום ווידערזען, מאַיאָר!

ווען ברוך לעדערמאַן האָט געעפנט די טיר פון זיין צימערל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל איז ער שוין נישט אַליין. ער האָט זיך געוווּנדערט אויף זיין מאָדנע געפיל. אַזאַ געפיל — האָט ער געטראַכט — קאָן האָבן נאָר אַ פרוי, ווען זי גייט אַוועק פון דער היים אַליין און קערט זיך צוריק פון קליניק מיט נאָך אַ נפש, צו וועמען איר האַרץ איז צוגעבונדן...

אים, לעדערמאַנען, איז פאַרגעקומען, אַז אין צימערל זענען זיי אַריין זאַלבעצווייט.

ביי יעדן קער און ווענד, האָט ער זי געפילט לעבן זיך. אַז ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און אויסגעטאָן דאָס העמד, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אירע פינגער קלאַפּן־אויס זיינע פלייצעס, ווי זי עפנט זיינע אויגן־וויעס און קוקט אַריין טיף אין זיין נשמה. ער האָט אָנגעהויבן מאַכן אָרדענונג אין צימערל, און אַריינגעטראַכט פון וואַנען צו נעמען נאָך אַ ביסל זאַכן אין שטוב אַריין: אַ וואַזע אויף בלומען, אַ בילד אויף

דער וואַנט, נאָך אַ בענקל און אַ טישטעך אויפן טיש. ער האָט אין גע־דאַנק אויסגעשטעלט יעדע זאַך אויף זיין אָרט. דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר און זיך העפלעך פאַרנייגט:

— ביטע, קומט אַריין! ס׳מאַכט נישט אויס, אַז איר זענט געקומען אומגעריכט. מאַכט אייך באַקוועם! נעמט אַראָפּ דעם מאַנטל. גלייבט מיר, אַז דער מיליטערישער מאַנטל מאַכט נאָר קאַליע אייער פיגור... שענער וואָלט איר אויסגעזען אין ציווילע פרויען־קליידער, אַ שטייגער, אין אַ ווייס בלוזקעלע, מיט אַ ראָזע בלום אויף דער ברוסט. ביטע, זיצט! אפשר מאַכן אַ גלעזל טיי?...

ער האָט אַריינגעקוקט אין ליידיקן קאָרידאָרל. קיינער איז דאָרט נישט געווען. אַ פאַרשעמטער האָט ער צוריק פאַרמאַכט די טיר.

— ס׳מאַכט נישט — האָט ברוך לעדערמאַן גערעדט צו זיך — אַ מענטש איז געלעגן אַזוי לאַנג אין די קאַצעטן, צווישן חיהשער ווילדקייט, האָט פאַרלוירן די גוטע זיטן און פיינע מאַניערן. מען מוז זיך אַ ביסל צוריק איינגעווינען. ס׳וועט צו נוץ קומען...

ד

מיט אַ מאָל איז דער לאַגער פאַרפילט געוואָרן מיט נייע פליטים. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן יציאת־פוילן. די ניצול־געוואָרענע האָבן פאַרלאָזט די פוילישע ערד און געשטראָמט אין די „אונרא״־לאַגערן, וואָס אין מערב־דייטשלאַנד. דאָס ליידיקע צימערל אין הייזל איז אַוועקגעגעבן געוואָרן. וויינשטיין האָט געמוזט אַראָפּגיין פון דעם גרויסן צימער אין פאַרטער, און אויפן אויבערשטן שטאָק האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פּאָרל, וואָס איז געקומען פון פוילן. מ׳האָט שוין געהערט מער קלאַפּן אין וואַש־רוים, האַקן האָלץ. די פרוי איז געווען אַ יונגע און ליב געהאַט ריינקייט. זי האָט געוואַשן דאָס פאָדערהייזל און דעם וואַשרוים — דאָס הייזל האָט אויפגעלעבט.

— מאַנספערשוינען גייט אַ סך אָן ריינקייט? — האָט זי געזאָגט צום מאַן — ווען ס׳וואָלט געווען נאָך אַ פרוי אין הייזל, וואָלט זי מיר צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט, אַזוי מוז איך אַלץ טאָן אַליין און אַפילו וואַשן די טרעפּ, פון דעסטוועגן האָב איך צו קיינעם קיין טענות נישט.

אין פערנוואַלד האָט צו ביסלעך גענומען אויפגיין אַ ניי לעבן, אַ

ייִדיש לעבן: שולן, מנינים צום דאַווענען, קיבוצים, מ׳האָט אָנגעהויבן שפּילן ייִדיש טעאַטער און עס איז דערשינען אַ ייִדישע צייטונג מיט לאַטייִנישע אותיות „במדבר״.

אין שפּיטאָל זענען געבוירן געוואָרן די ערשטע קינדער פון שארית הפליטה־דור.

אין אָוונט איז ווײַנשטיין אַרײַן צו לעדערמאַנען.

— איר ווייסט? מאָרגן גייען מיר נישט צו דער אַרבעט. ס׳וועט זײַן הימלעך אין שטעטל. ס׳קומט צו פאָרן די ענגליש־אַמעריקאַנישע ארץ־ישראל־קאָמיסיע.

פון באַלד אין דער פרי אָן איז שוין געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג אין די גאַסן. אַ צעברויזטע מענטשן־מאַסע האָט זיך פאַרזאַמלט פאַר דער געבײַדע פון לאַגער־קאָמיטעט.

די קיבוצים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען מיט זייערע פענער און טראַנספּאַרענטן:

— עפנט די טויערן פון פּאַלעסטינע!

מיסטער באַרטלי קראָם איז אַרײַן אין די ביוראָען פון לאַגער־קאָמי־טעט און אויסגעהערט צענדליקער עדות.

— וווהין ווילט איר גיין? — האָט ער יעדן איינעם געפרעגט.

אַלע ווי איינער האָבן געענטפערט קורץ:

— קיין ארץ ישראל!

מיטאָגצייט האָט די קאָמיסיע געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן לאַגער. זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין די שטובן, גערעדט מיט ווײַבער און געזוכט אַ גרעסער קינד, וואָס פאַרשטייט שוין עפּעס.

צוריקגייענדיק צו די דזשיפּן האָבן זיי באַגעגנט אַ מיידעלע. זיי האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג און געפרעגט:

— מיידעלע זאָג, ווילסט דאָ בלײַבן?

— ניין!

— ווילסט אפשר וווינען אין מינכען און זיך שפּילן מיט קינדער?

— איך האָב מורא פאַר דײַטשן.

— טאָ וווּ ווילסטו פאָרן?

— אין מײַן לאַנד, אין ארץ־ישראל!

מיסטער באַרטלי קראַם האָט אַ שמייכל געטאָן, נאָר ביי איינעם אַ שלאַנקן מאַן, אַן ענגלישער מיטגליד פון דער קאָמיסיע, איז דאָס פּנים געוואָרן פאַרכמאַרעט.

לעדערמאַן מיט וויינשטיינען האָבן זיך איבערגעוווּנקען:

— זעסט ווער די ענגלענדער זענען? — זאָגט וויינשטיין.

— ס'וועט זיי גאָרנישט העלפן — ענטפערט לעדערמאַן. מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפער פון דעם קליינעם מיידעלע וועט מער ווירקן אויף דער קאָמיסיע ווי דאָס עדות־זאָגן פון הונדערט דערוואַקסענע מענטשן.

— די ענגלענדער וועלן איבעררעדן די אַמעריקאַנער.

— אויב זיי וועלן נישט אַרויס מיטן גוטן, וועלן זיי פון דאָרט אַנט־לויפן מיט חרפּה.

ה

מאַיאָר גאָרן האָט געהאַט פאַרצייכנט אין איר נאָטיץ־ביכל לעדער־מאַנס אַדרעס און אַהינגעשיקט די עלטסטע קראַנקן־שוועסטער אים באַזוכן.

ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די דאָקטערין געפרעגט:

— האָט ער זיך אויף עפּעס באַקלאָגט?

— ניין; ער איז פולשטענדיק געזונט.

— איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז איר זאָלט אים צורעדן ער זאָל גיין אַרבעטן. די Displaced Persones טאָר מען נישט לאָזן אַרומ־דרייען ליידיק.

— איך האָב מיט אים דערוועגן גערעדט, אָבער ווי ס'ווייזט אויס איז ער באַשעפטיקט. איך האָב אים געטראָפן זיצן ביי אַ פּאַק פּאַפּירן. ער שרייבט, מסתמא, אַ בוך. ער צייכנט אויך און מאָלט. ווען איר זאָלט זען, דאָקטער! דאָס גאַנצע צימער איז אויסגעהאַנגען מיט געמעלן. איך האָב אייך באַלד דערקענט... איין מאָל קוקט איר אַראָפּ פון דער וואַנט ווי אַ שטרענגער אָפיצער, און איין מאָל ווי אַ יונג חנעוודיק מיידל. צום שענסטן זענט איר אָבער אַרויסגעקומען אין אַ ווייס בלוזקעלע מיט אַ ראָזע בלום אויף דער ברוסט... ער האָט טאַלאַנט, דער בחור!

די שעף־אַרצטין האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— איך דאַנק אייך! האָט זי געזאָגט אַריינקוקנדיק אין די קראַנקן־

קאַרטן אויפן טיש. יאָ, באַשטעלט פאַר מיר דעם שאָפער. איך דאַרף פאָרן אין דער הויפּט־קוואַרטיר.

דער דזשיפּ איז געלאָפן מיט אַ נישט־דערלויבטער שנעלקייט. דער וועג איז געווען נאָך פול מיט גריבער פון די טאַנק־קייטן, וואָס זענען דאָ דורכגעלאָפן. און מאַיאָר גאָרנס דזשיפּ איז כסדר אונטערגעשפרינגען.

פון דער ווייטנס האָט זיך שוין געזען די שטאָט. מינכען, האָט זי געטראַכט, איז די שטאָט פון מאָלער, און ביי איר קוקט גאָרנישט אויס די לאַנדשאַפט צו זיין אַזוי שיין. אַמעריקע איז אַ סך שענער!

ווען זי איז צוריקגעקומען פון שטאָט האָט זי באַלד געלאָזט רופן לעדערמאַנען צו זיך אין ביוראָ.

— איך האָב וועגן אייך געטראַכט. איר דאַרפט גיין אַרבעטן. אַזעלכע מענטשן ווי איר טאָרן נישט אַרומגיין ליידיק. איך האָב אייך באַזאָרגט אַ פּאָסטן אַלס מאַגאַזינער פון שפּיטאָל. זענט איר צופרידן?

לעדערמאַן איז געווען צעטומלט.

— דאָ ביי אייך?

— נו, יאָ, אין די מאַגאַזינען אין קעלער. קומט, וועל איך אייך אַריינפירן.

מאַיאָר גאָרן האָט נישט ליב געהאַט אויסצובאַהאַלטן אירע געפילן. אַרויפגייענדיק פון קעלער, האָט זי אָנגענומען לעדערמאַנען אונטערן אָרעם און אים געוויזן:

— אָט דאָ איז מיין פּריוואַטער צימער. איר קאָנט אַריינקומען ווען איר ווילט...

דעם גאַנצן ווינטער איז ד״ר גאָרן זעלטן ווען אַרויסגעפאָרן פון שפּיטאָל. די אָוונטן האָט זי פאַרבראַכט מיט לעדערמאַנען. מען האָט גע־הערט זיי רעדן ביז שפּעט אין דער נאַכט. טייל מאָל זענען זיי אַרויס אויף אַ שפּאַציר אַרום דעם לאַגער.

דער ווינטער איז פאַר לעדערמאַנען אַנטלאָפן, ווי ער וואָלט געווען איין גרויסער טאָג. ער האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן און שוין האָבן די שנייען זיך גענומען טייען. די בערג האָבן גענומען אַראָפּוואַרפן די ווייסע קאַפּלען פון די קעפּ. אויף זייערע שפּיצן האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע פלעקן. די ערד האָט גענומען שפּראָצן מיט אַ פרישער גרינקייט. אויך

דער טומאַן אויף די קעגנאיבערדיקע טיראָלער בערג איז געוואָרן דורכ־זיכטיקער, ליכטיקער. לעדערמאַן האָט ליב באַקומען דעם דאָזיקן פרילינג.

יעדער זונאויפגאַנג האָט אים אָנגעגאָסן מיט פרישע פרייד. אין יעדן נאַקעטן פעלד האָט ער געזען ווי מען וואַרפט איבער די ערדבייטן צו אַ ניי לעבן. ער האָט געפילט, ווי אויך ביי אים קומט דאָס זעלבע פּאַר. די קאַפּריזן פון גורל וואַרפן אים, כדי ס'זאָל פון אים אָנהייבן שפּראָצן אַ ניי לעבן. דער שווערער אומעט מיט וועלכן ער איז ביז איצט געווען גע־הילט, האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע פון זיין האַרצן. דער וועלט־קיילעך האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער ליכטיקער זייט. די וועלט האָט צוריק באַקומען דעם פריִערדיקן חן און איז געוואָרן זיינע. ער האָט געפילט, ווי ער קאָן די גאַנצע וועלט אַרומנעמען מיט זיינע הענט.

אין יענע טעג, ווען וויינשטיין האָט אָנגעקלאַפּט אין לעדערמאַנס טיר, האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. אַז ער האָט העכער געקלאַפּט, האָט פון דער זייטיקער טיר אַ פרוי אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ:

— ער איז נישטאָ, שכן.

— מ'זעט דאָך אים גאָרנישט — האָט וויינשטיין געזאָגט.

— ער ליגט דאָרט ביי דער דאָקטערין. טייל מאָל קומט ער פאַר טאָגס.

שבת האָט וויינשטיין אים אָפּגעהיטן.

— ווו ביסטו עפּעס פאַרפאַלן געוואָרן?

לעדערמאַן האָט אים וואַרעם אויפגענומען.

— ס'איז פאַר מיר אויך ליכטיק געוואָרן.

וויינשטיין האָט אים געדריקט די האַנט.

— עס קומט דיר, נאָך אַזוי פיל פּיין. איך פאַרגין דיר פון גאַנצן האַרצן!...

ו

פערנוואַלד האָט שוין געהאַט אַ טראַדיציע אויפצונעמען גרויסע געסט. דער ערשטער איז געווען גענעראַל אייזנהאַוער, דער דעמאָלטיקער שעף פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ס'איז גראָד געווען יום־כיפּור, און ער איז געגאַנגען באַזוכן די שול ווו יִידן דאַווענען. עס זענען געקומען גענעראַלן און אַנדערע גרויסע לייט. מאַנכע האָבן באַזוכט דעם לאַגער צו באַקענען

זיך מיט דער גויט פון דער שארית־הפליטה, אַנדערע ווידער — פון נייגע־ריקייט, ווי אַזוי עס זעען אויס מענטשן פון דער שארית הפליטה.

אין איינעם אַ טאָג זענען די גאַסן פון לאַגער געווען איבערפולט מיט מענטשן. אין די וואַרשטאַטן האָט מען נישט געאַרבעט צוליבן גרויסן גאַסט. מ׳האָט דערוואַרט פיאָרעלאָ לאַ גוואַרדיאַ. דעם שעף פון דער „אונראַ״. זיין נאָמען איז געגאַנגען פאַר אים פאָרויס און מען האָט דערציילט אַ סך גוטע מעשות וועגן ניו־יאָרקער בירגערמייסטער.

לעדערמאַן מיט וויינשטיינען האָבן זיך געפונען אין די פאָדערשטע רייען ביים קבלת־פנים. דער גאַסט איז אָנגעקומען אונטער אַ גרויסער וואַך פון באַוואָפנטע מיליטער־לייט, אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין לאַגער אַריין, האָט ער געהייסן די וואַך זאָל אָפּטרעטן.

מאַיאָר גאָרן איז געשטאַנען אין אַ זייט, אויסגעפּוצט אין איר מיליטערישן מונדיר. מיט אַ מאָל האָט זי געזען ווי לעדערמאַן דערנענטערט זיך צום גאַסט. וואָס וויל ער דאָרט טאָן? — איז זי געוואָרן אומרויִק.

לאַ גוואַרדיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט.

— נעמט אַוועק די מיליטער־פּאָליציי פון דעם לאַגער. מיר זענען שוין גענוג געווען אונטער אַ וואַך. זיי היטן אונדז מיר זאָלן נישט אַרויסגיין פון לאַגער און פאָרן קיין פּאַלעסטינע. צו דעם האָט מען געדאַרפט באַ־פרייט ווערן?

לאַ גוואַרדיאַ האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע שוואַרצע אויגן.

— קומט אַריין אין ביוראָ, מיר וועלן זיך אַדורכרעדן.

ווען לעדערמאַן איז צוריק אַרויסגעקומען האָט אים אָפּגעוואַרט אַ גרויסער עולם.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט? ווען פאָרן מיר פון דאַנען אַוועק?

— ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז נאָך היינט וועט די מיליטער־פּאָליציי אָפּטרעטן פון לאַגער. אַזאַ מענטש האָב איך נאָך נישט געזען. ער איז דער גרעסטער פון די חסידי אומות העולם!

ז

דער טאָג איז געווען אַ לינדער. ער האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן ס׳זאָל נאַכט ווערן און ער זאָל זיך טרעפן מיטן ברוקלינער מיידל. אין

זכרון האָט ער געדענקט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט מיט לאַ־גוואַרדיאַ, און ער האָט עס געוואָלט איר דערציילן.

אַ האָפערדיקער האָט ער אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון איר צימער. אָבער ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי אים אַ ווייז־געטאָן מיט דער האַנט און געהייסן וואַרטן אין דרויסן.

לעדערמאַנען האָט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. עפּעס אַ טערפּקע פאַרגעפיל האָט אים גענומען נאָגן. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? דאָס האָט אים נאָך נישט פּאַסירט. פון יענעם מאָמענט אָן ווי זי האָט אים געזאָגט „דאָס איז מיין צימער און ווען דו ווילסט קאָנסטו אַריינקומען" האָט זי איר וואָרט געהאַלטן. און איצט, מיט איין מאָל?... ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל ער אין גאַנצן אַוועקגיין און ערשט קומען מאָרגן? אפשר וועט זי זיך פילן געטראָפן? פאָרט אַ שעף־אַרצטין פון אַ שפּיטאָל, אפשר האָט זי געהאַט וויכטיקע ענינים אויפן טיש?

אַ דערנערוווירטער האָט ער זיך געדרייט איבערן לאַנגן קאָרידאָר אַהין און צוריק. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז יעדע קראַנקן־שוועסטער וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען באַגעגנט אים מיט אַ שמייכל, גלייך ווי זי וואָלט אים וועלן זאָגן: איך ווייס... איך ווייס... ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ ווינקל, אונטערגעשפּאַרט מיטביידע הענט דעם קאָפּ. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז צום ערשטן מאָל אַריין אין שפּיטאָל נאָך הילף פאַר זיך...

קיין סך צייט האָט עס נישט געדויערט, אָבער ביי לעדערמאַנען האָט עס אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. ענדלעך איז זי אַרויסגעקומען און אים אַריינגעפירט צו זיך.

אַלע ייִאושדיקע געדאַנקען זענען פון לעדערמאַנען מיט אַ מאָל פאַר־פאַרשוווּנדן. נישט לאַנג דערנאָך זענען זיי אַרויס פון שפּיטאָל. לעדערמאַן האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם און איר אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין גע־שפּרעך מיט לאַ־גוואַרדיאַן. ער האָט זיך געפילט דערהויבן, זיין שטימע האָט זיך דערוואָרעמט און ער האָט צו איר גערעדט:

— ווי גוט וואָלט דאָס געווען ווען מיר ביידע שפּאַצירן אַזויביים ים־ברעג פון תל־אביב. דו וואָלסט געגאַנגען אַרבעטן אין שפּיטאָל, און איך — אין דער אַרמיי. הערסט? אַ ייִדישע אַרמיי וועלן מיר האָבן! און

מעגלעך איך זאָל זיך דערדינען צום ראַנג פון אַ מאַיאָר און דעמאָלט וועלן מיר ביידע זיין גלייך...

ער האָט זי אַרומגענומען, אָבער זי האָט אים לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך.

— איך וועל באַפרייט פון דער אַרמיי און מוז אַהיימפאָרן — האָט זי צו אים געזאָגט מיט אַ קאַלטער רויִקייט.

אירע ווערטער האָבן אים אַ שניט געטאָן אין האַרצן.

— וואָס, דו ווילסט מיך פאַרלאָזן? — האָט ער ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן.

— כ'האָב דיר נישט געוואָלט ווי טאָן, אָבער אַזוי וויל דער גורל.

מער האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט. אין שטילשווייגן האָט ער זי באַגלייט צוריק אין שפּיטאָל אַריין.

ס'איז נאָך געווען פאַר ניין אַ זייגער. דער גרויסער זאַל „במדבר" איז געווען העל באַלויכטן. דאָרטן איז פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג פון דראַמאַטישן וואַנדער־קרייז. לעדערמאַן איז שנעל פאַרביי דעם אָרט. ער האָט נישט געוואָלט צוזאַמענקומען זיך מיט מענטשן. די ליכט האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן און ס'האָט אים געצויגן צו דער פינצטערניש פון זיין צימערל. ער האָט שטיל געעפנט די טיר, ווייַנשטיין זאָל נישט דערהערן. געוואָלט זיין מיט זיך אַליין. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער און אַריבערגעצויגן דעם קאָץ איבערן קאָפּ.

ווי נאָר ער האָט גענומען אַנטשלאָפן ווערן, איז ער אויפגעשפּרונגען מיט שרעק. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ קאַץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן בעטל און האָט זיך אים אַרויפגעלייגט אויפן האַלדז.

ער האָט געשפּאַנט איבערן צימערל, געריכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און טריב געטראַכט: ווי שווער ס'איז אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. יענע דאָרטן אין שטאַטישן מוזיי איז פאַרשווונדן ביי נאַכט. ביי די ברעגעס פון איסאַר, נאָך איידער כ'האָב צייט געהאַט מיט איר אַ וואָרט אַרויסצו־רעדן, און די דאָקטעריין גאָרן וואָרפט אַראָפּ דעם מיליטערישן מונדיר און פאָרט צוריק קיין ברוקלין. טאָ צו וואָס האָט זי מיך אַריינגעפירט אין איר צימער?... באַלד אָבער האָט ער זי גענומען פאַרטיידיקן. זי איז נאָך גענוג

יונג, יעדן פֿאַלס אַ סך ייִנגער פֿון מיר. זי האָט ווידער אַ שוועב געטאָן פֿאַר זיינע אויגן. ער האָט דערפֿילט די זאַפֿטיקייט פֿון איר קערפּער און די גוטסקייט פֿון איר נשמה. אין אים איז אויפֿגעגאַנגען אַ דאַנקבאַרקייט צו איר.

ער איז מער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די מאַגאַזינען פֿון שפּיטאָל. ס׳פֿעלן נישט קיין מענטשן אין פֿערנוואַלד. ער קאָן מער נישט פֿאַרבייגיין איר צימערל...

פֿינצטערע געדאַנקען זענען אים געקראָכן אין קאָפּ: ער וועט זי אָנכאַפּן ביים האַלדז און ווערגן... ער האָט אַראָפּגעריסן פֿון די ווענט אַלע בילדער, וואָס ער האָט געצייכנט פֿון איר און צעריסן זיי אויף שטיקער. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפֿן — וואָס מער ער האָט געצאָרנט אויף איר, אַלץ מער האָט ער זי ליב באַקומען.

— ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ מיידל פֿאַרגעסן?

ערשט איצט האָט ער דערפֿילט די עוולה, וואָס ער האָט געטאָן וויינשטיינען. אַ צעבראָכן האַרץ לאָזט זיך נישט אַרומבאַנדאַזשירן. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפֿן און אָנקלאַפּן אין זיין טיר. אויסזאָגן אים דעם סוד, אַז אין דער אמתן האָט ער זיך נאָר מיט אים גערייצט, ווען ער האָט געזאָגט „וויינשטיין פֿאַרגעס!״. ער האָט געפּרוווט אים אַראָפּפֿירן פֿון גלייכן וועג, אָבער ער אַליין, וויינשטיין, ווייסט נישט, אַז זיין שטאַרקער ווידערשטאַנד האָט אים דערנענטערט צו אים. ער האָט געפֿילט, ווי ער שרייט מיט מיט וויינשטיינס געזונטע שטימע:

— ווי אַזוי קאָן איך פֿאַרגעסן?!

פֿון איצט אָן, ווען נאָר וויינשטיין איז צו אים אַריינגעקומען, האָט ער אים אויפֿגענומען מיט אַ סך וואַרעמקייט. ער האָט געוואָלט ער זאָל בלייבן וואָס לענגער זיצן און דער וויכוח זאָל אָנהאַלטן.

— דער וועלט קאָן מען נישט דערציילן וועגן אַלע רויע רציחות, ווי זיי זענען פֿאָרגעקומען — האָט ער אים אויסגעטייטשט, — מען טאָר נישט אויסמאָלן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ ים בלוט פֿון זעקס מיליאָן מענטשן. די וועלט וועט זיך דערשרעקן און אַנטלויפֿן. אַנטלויפֿן נישט פֿון די מערדער, נאָר פֿון די, וואָס האַלטן אין איין דערציילן, ווי אַזוי דער מאַסן־מאָרד האָט אויסגעזען. פֿאַר דער וועלט מוז מען ברענגען נאָר

קאָנטורן, שאַרף־געצייכנטע שטריכן פון דער טראַגעדיע. מען מוז זיך קענען פאַרטיפן אין דער טראַגעדיע פון איין מענטש, אַ דערוואַקסענעם אָדער אַ קינד.

וויינשטיין האָט נישט מסכים געווען.

— נו, אויב איר האָט מורא, אַז די וועלט וועט זיך דערשרעקן, טאָ זאָגט איר, אַז מען האָט נאָר אומגעבראַכט איין מענטש, איין ייִד. ווי מיינט איר, וועט זי זיך דערפון אפשר מער איבערנעמען?

— ס'טויג נישט אַזוי און ס'טויג נישט אַנדערש. אַ שאָד די מי — האָט ער רעזיגנירט אַ זאָג געטאָן — די וועלט וועט אונדז סיי ווי נישט פאַרשטיין, פונקט ווי ס'האָט מיך נישט פאַרשטאַנען יהודית גאָרן און זי איז אַוועק קיין ברוקלין.

די לעצטע ווערטער האָבן זיך אַ גליטש אַרויסגעגעבן אין וויינשטיינס אַנוועזנהייט און ער האָט זיי שוין נישט געקאָנט צוריקציִען.

ווען לעדערמאַן איז נאָך האַלבער נאַכט אַריין אין זיין צימער, האָט ער פאַרשלאָסן די טיר און גלייך צוגעלאָפן צום שענקל. אין אונטערשטן שופלאָד האָט ער געהאַט געמאַכט אַ טאָפּלטע דעק און דאָרט געהאַלטן עפּעס אַ טייערן חפץ. איידער ער האָט דאָס שופלאָד אַרויסגענומען האָט ער פאַרהאָנגען מיטן קאָץ דאָס פענצטערל און אַרויפגעלייגט אַ האַנטעך אויף דער קליאַמקע.

ער האָט גענומען אויפוויקלען פון אַ טיכל עטלעכע זאַכן. אַ מינוט איז ער געשטאַנען אויף די קניִען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און דאָס טיכל מיט די זאַכן אַרויפגעלייגט אויפן טיש. ער האָט דאָס פאָרזיכטיק אויפגעוויקלט, ווי ס'וואָלט דערין געווען גלעזערנע כלים.

— ביי מיר ליגט עס אין שופלאָד — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ — און זיי דאַרפן האָבן נישט מיט וואָס צו קעמפן.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַר וואָס ער קאָן זי נישט פיינט האָבן. פאַר וואָס זיינע הענט ווערן לויז ווען ער טראַכט אַהינצולויפן צו איר און זי ווערגן. זינט מאַיאָר גאָרן האָט אים די צוויי אויטאָמאַטישע פּיסטאָ־לעטן איבערגעגעבן פאַר דער הגנה, האָט ער געפילט, ווי זי האָט אים געקויפט פאַר איר אייביקן קנעכט. ווען נאָר זי האָט אים באַגעגנט, האָט

זי אים אונטערגערוקט עטלעכע מאַגאַזינדלעך קוילן. „שיק זיי דאָס. אָן געווער קאָן מען דעם מענטשלעכן כבוד נישט אָפּהיטן".

אָבער ניין! ער וועט דאָס מער נישט שיקן. ער וועט דאָס מיטנעמען מיט זיך! מיט אַ רעוואָלווער פון יהודית גאָרן וועט ער זיין שטאַרק. קיינער וועט אים נישט באַצווינגען!

ער האָט אויסגעשיט אויפן טיש אַ גאַנצן באַרג פּאַפּירן. ביי איינעם אַ פּאַפּיר מיט שאַרפע טוש־שטעמפּלען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט עס נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט. ריכטיק! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיין ניו־יאָרקער קוזין געדענקט גוט אַלע מיינע פּערסאָנאַליען, אַפילו ווי די מאַמע האָט געהייסן פון דער היים, און ער האָט דעם „אַפידייוויט" גוט אויסגעשטעלט. אָבער פאָרן צו אים וועל איך נישט! קיין טרייסט וועט ער מיר נישט קענען זיין. איך וועל בעסער זיך פּילן מיט יהודית גאָרנס רעוואָלווערן אין די הענט... און ער האָט צעריסן די פּאַפּירן.

אויף צו מאָרגנס ווען וויינשטיין האָט געעפנט די טיר איז דאָס שטיבל געווען ליידיק. אין לעדערמאַנס צימערל האָט מען אַריינגעזעצט אַ נייע פאַמיליע. ער אַליין האָט זיך שוין געפונען אין אַ צוג, וואָס איז געלאָפן אין דער ריכטונג צו שטראַסבורג. ער איז פון דער טייל וועלט אַוועק אַליין, ווייל פון זיין גאַנצער משפחה איז קיינער מער נישט איבערגעבליבן. פון פערנוואַלד האָט ער מיטגענומען אַ קליין טלומיקל, אין וועלכן ס'איז געווען: אַ פּאָר נישט געפּרעסטע העמדער, זיינע כתבים און די מתנה וואָס די דאָקטערין האָט אים מיטגעגעבן פאַר דער הגנה. אין בוזעם האָט ער געהאַט פאַרשטעקט איר פאָטאָגראַפיע, אָבער ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ביז ער וועט נישט אָנקומען אין לאַנד אַריין, וועט ער די פאָטאָגראַפיע נישט אָנקוקן. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס דער אַכטאונ־דרייסיק־יאָריקער ברוך לעדערמאַן האָט מיטגענומען פון אייראָפּע. צווישן זיינע כתבים האָט זיך אויך געפונען אַ יחוס־בריוו פון זיין אָפּשטאַמונג. דאָס איז געווען די איינציקע ירושה נאָך זיינע זיידעס און עלטערזיידעס, צוואַנציק דורות ייִדן אויף דער פּוילישער ערד.

יוסף שטשאַווינסקי

ביבליאָגראַפיע

יוסף שטשאַווינסקיס ביכער:

די געשיכטע פון גר צדק אין פוילן, געדרוקט, לאָדזש, 1936.
צען דערציילונגען, געדרוקט, וואַרשע, 1935—1939.
דער אָנטייל פון ייִדן אין פוילישן אויפשטאַנד 1863, געדרוקט, וואַרשע, 1937.
דער עמוד אש פון חסידות, געדרוקט, וואַרשע 1938.
אונטער איין דאַך, דערציילונגען, פאַרלאַג „מאסף ישראל״, תל אביב, 1964, 232 זז׳.
אנשי מעשה, 200 פּען־פּאָרטרעטן, פאַרלאַג „מאסף ישראל״, תל אביב, 1964, 320 זז׳.

MEN OF DEEDS, A Gallery of Portraits, Maasef Israel Publ., Tel-Aviv, 1964.

מיט שרייבער און קינסטלער, 18 פּען־פּראָפילן, פאַרלאַג „מאסף ישראל״, תל אביב, 1964.

השוט, סיפורים (עברית), הוצאת „מאסף ישראל״, תל אביב, 1967, 255 עמודים.
אנשי מעשה (צווייטער באַנד), 300 פּען־פּאָרטרעטן (יידיש־ענגליש) פאַרלאַג „מאסף ישראל״, תל אביב, 1969, 416 זז׳.
דער לעצטער פון באַשאַף, דערציילונגען, פאַרלאַג „מאסף״, תל אביב, 1970, 290 זז׳.

AND THEN CAME MAN, Short Stories, 296 p., Maasef Publ., Tel-Aviv, 1970.

אין מאַנוסקריפּט:

די ביקס און דער צלם — נאָוועלע פון דער שואה־צייט.
יודאַש און זיין ווייב — ראָמאַן פון דער נאַצי־תקופה.
דער רייסער — ראָמאַן פון ישראל־לעבן.
דער איבעריקער מענטש — עסייען.
פון טלאָמאַצקע ביזן הר הצופים — מעמואַרן.

וועגן יוסף שטשאַווינסקי אין צייטונגען און פּובליקאַציעס:

אהרן צייטלין — דער מאָרגען זשורנאַל, 19טער נאָוועמבער 1947.

מלך ראַוויטש — מיין לעקסיקאָן, מאָנטרעאַל 1958.

ש. צ. לעדער — יום טוב־בלעטער, חנוכה־נומער תש״ך — 1958.

ש. צ. לעדער — קענעדער אָדלער, 22סטער דעצעמבער 1959.

בערל בוים — קענעדער אָדלער, 9טער יאַנואַר 1964.

באָרווין פרענקעל — „אונטער איין דאַך", אונדזער שטימע, פּאַריז, 15טער יוני 1964.

אברהם באַראַבאַן — „אונטער איין דאַך", יידישע צייטונג, תל־אביב, 30סטער אַפּריל 1964.

ד. קראַנץ (שמואל איזבאַן) — דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, 12טער יוני 1964.

גבריאל ווייסמאַן — „אונטער איין דאַך", לעבנספראַגן, נומער 153, אָקטאָבער 1964.

משה פיינעס — „וועגן ביכער און שרייבער", פאָרווערטס, נ"י, 14טער יוני 1964.

מ. גינצבורג — „אונטער איין דאַך", קענעדער אָדלער, 10טער יולי 1964.

אברהם באַראַבאַן — „דערציילונגען פון יוסף שטשאַווינסקי", יום טוב־בלעטער, יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה־נומער תשכ"ה.

יצחק טורקאָוו — „אונטער איין דאַך", פאָלקסבלאַט, תל אביב, 1964.

א. סקורניק — „אונטער איין דאַך", אונזער וואָרט, פּאַריז, 30סטער אָקטאָבער 1964.

ל. ק. — „יוסף ש. נאָך זיין באַזוך אין אַמעריקע", יידישע צייטונג, תל אביב, 5טער מערץ 1965.

י. רודי — „אָוונט אין יִדישן ליטעראַטן־פאַראיין צום דערשיינען פון יוסף שטשאַווינסקיס בוך „אונטער איין דאַך", לעצטע נייעס, תל אביב, 16טער נאָוועמבער 1964.

יצחק יאַנאַסאָוויטש — „מענטשן און פאַקטן", די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 6טער פעברואַר 1965.

ד"ר שלמה ביקל — „ליטעראַרישע וועלט", דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, 17טער אָקטאָבער 1965.

יצחק יאַנאַסאָוויטש — וועגן יוסף שטשאַווינסקיס בוך „אונטער איין דאַך", יידישע צייטונג, תל אביב 5טער מערץ 1965.

ש. שחריה — „אונטער איין דאַך", ישראל שטימע, תל אביב 23סטער יוני 1965.

יעקב גלאַטשטיין — „וועגן צוויי שרייבער", דער אידישער קעמפער, ניו יאָרק 1965.

ב. סינגאַלאָווסקי — אונדזער אייגן ווינקל, נומער 5—6, ברוקלין, נ"י 1965.

י. שמולעוויטש — „אַ יידישער שרייבער פון די וועלדער", פאָרווערטס, נ"י, 9טער אַפּריל 1966.

יעקב פילאָווסקי — היינט, מאָנטעווידעאָ, 23סטער יאַנואַר 1966.

יוסף פרידלנדר — „הפילוסופיה של השוט", מעריב, תל אביב, 19 במאי 1967.

נתן פאָדעמבערג — „לייענענדיק שטשאַווינסקיס חורבן־בוך" ישראל שטימע, ת"א, 19טער אָקטאָבער 1966.

י. בן־מיכאל — „השוט" ליוסף שצ'אווינסקי, סיפורים, הפועל הצעיר, תל אביב, כרך לח, 14 במרס 1967.

דער טאָג, נ"י, 18טער אויגוסט 1946, „מיט אַ ניצול געוואָרענעם אידישן שרייבער".

יידישע צייטונג, ת"א, 28סטער דעצעמבער 1962, „רעדע פון יוסף ש. אין דער דיסקוסיע וועגן אַלמאַנאַך פון יידישע שרייבער".

אונדזער שטימע, פּאַריז, 20סטער מאַי 1964, „דער שרייבער יוסף שטשאַווינסקי אין רעדאַקציע.

דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, נ"י, 24סטער מאַי 1964, „אידישער שריי־בער פון ישראל צו גאַסט אין ניו יאָרק".

פאָרווערטס, נ״י, 14טער יוני 1964 — „אונטער איין דאַך״ פון יוסף שטשאַווינסקי.

דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, 24סטער מאַי 1964 — „י. שטשאַווינסקי אויף ראַדיאָ פון קולטור־קאָנגרעס״.

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 5טער יולי 1964 — „יוסף ש. צו גאַסט אין מאָנטרעאַל״.

יידישע צייטונג, ת״א, 20סטער נאָוועמבער 1964 — „וועגן יוסף ש. און זיין בוך״.

יידישע צייטונג, ת״א, 9טער יולי 1965 — יוסף שטשאַווינסקי אין דער „בריטאַניקאַ״.

פאָרווערטס, נ״י, 7טער נאָוועמבער 1965 — „יוסף ש., אידישער שרייבער פון ישראל, צו גאַסט אין ניו יאָרק״

יידישע צייטונג, ת״א, 9טער אָקטאָבער 1964 — „ליטעראַרישער אָוונט פאַר יוסף ש. צום דערשיינען פון זיין בוך „א. א. ד.״.

דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, נ״י, 8טער נאָוועמבער 1965 — „י. ש. אַ גאַסט אין ניו יאָרק״.

BOOK OF THE YEAR 1965 OF THE ENCYKLOPAEDIA BRITANNICA — „Yiddish Literature".

דער טאָג מאָרגען זשורנאַל, נ״י, 8טער נאָוועמבער 1965 — „י. ש. אין וואַשינגטאָן״.

JEWISH FLORIDIAN, February 11, 1966, "Israeli Yiddish writer Wisiting Miami".

אידישער קעמפער, נ״י, 23סטער דעצעמבער 1965 — „דער שרייבער יוסף ש. צו גאַסט אין ניו יאָרק״.

פאָרווערטס, נ״י, 1טער דעצעמבער 1965 — „יוסף ש. גאַסט־לעקטאָר ביים אַרלאָזאָראָוו־צווייג״.

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 10טער אַפּריל 1966 — „י. ש. צו גאַסט אין מאָנטרעאַל.